STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00453

AHAD HAAM UN ZAYN BATSIUNG TSU YIDISH

Zalmen Zylbercweig

Permanent preservation of this book was made possible by
Ruth L. Burke
in memory of
Milton M. Burke & Sheila Fisher

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן זילבערצווייג

אחד העם און זיין באַציאונג צו יידיש

פארלאג „אלישבע"
לאָס אנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

Achad Haam Un Sein Batziung Zu Yiddish

(Achad Haam and His Attitude Towards Yiddish)

By

ZALME ZYLBERCWEIG

Los Angeles, California

1956

געווידמעט דעם אָנדענק פון ש. ניגער ע"ה

Printed In U.S.A.

55

Economy Typesetting Service
1150 South Figueroa Street
Los Angeles 15, California

אחד-העם און זיין באַציאונג צו יידיש

אין ליכט פון זיינע אַרטיקלען, בריוו און שמועסן

I

ס׳ווערט איצט 100 יאָר ווי דעם 5 אויגוסט 1856 איז אין סקוויר, קיעווער גובערניע, אוקראַינע, געבוירן געוואָרן אין אַ חסידישער פּאַר־מעגלעכער פאַמיליע אשר גינצבערג, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן א״פ אחד העם.

אין פאַרלויף פון די זיבעציק יאָר וואָס אחד העם האָט געלעבט, און נאָך מער, אין משך פון דער צייט, זינט ער איז געשטאָרבן, זיינען וועגן אים געשריבן געוואָרן איינציקע ביכער און אַן אַ שיעור אַרטיק־לען. אין די דאָזיקע אַרטיקלען איז באַהאַנדלט געוואָרן אחד־העם דער ציוניסט, דער שריפטשטעלער, דער רעדאַקטאָר, דער דענקער, דער אַנאַליטישער קריטיקער, דער וועגווייזער פאַר אַ דור.

אין העברעאיש און דייטש זיינען דאָ אַ סך ביכער וועגן אחד העמען, זיין שיטה, זיין היסטאָריש־פילאָזאָפישער בליק אויף יידנטום און יידישקייט און זיין ציוניסטישער אני־מאמין.

אין יידיש זיינען דאָ וועגן אים, אויסער אָן אַ שיעור אַרטיקלען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און איינציקע לענגערע אַרבעטן, ווי אויך אַ בישט־פאַרענדיקטער ביאָגראַפישער ראָמאַן פון צבי הירשקאַן (אין דער ניו יאָרקער צייטונג „דער טאָג״), דריי ביכער:

1) „אחד העם״, שטריכן פון זיין לעבן, כאַראַקטער און שאַ־פונג, פון נחמן דרוזדוב, פאַרלאַג „גלאָבוס״, שיקאַגע, איל., 1940, 238 זז.

2) אליעזר שערמאַן — „שעפער און בויער״. אחד העם, א. ד. גאָרדאָן. פאָרוואָרט א. אַלמי. פאַרלאַג „אַלטניי״, פילאַדעלפיע, 1941, 192 זז.

3) נחום סומער — „אחד העם״ (אַ פּרואוו פון אַ כאַראַקטע־ריסטיק), פאַרלאַג א. וו. בידערמאַן, 184 2טע עוועניו, ניו יאָרק, 1941, 63 זז.

אין די דריי ביכער פאַרנעמט אחד העם׳ס באַציאונג צו דער שפּראַכן־פראַגע נאָר אַ זייטיקן פּלאַץ.

נחום סומער, וועלכער רופט אים „דער שפראַך־מאַניסט", פאַ־לעמיזירט מיט אים (זז. 47־45), און קומט צום באַשלוס, אַז אין אָנ־געזיכט פון די פּאַרצווייגטע יידישע אינסטיטוציעס און די קאַליר־פולע גאַלעריע פון יידיש־שאַפער און יידיש־געניסער אויף אַלע געביטן, וואָלט אחד העם׳ס בייסנדיקע, נעגאַטיווע ווערסיע צו יידיש מן־הסתם אַנגענומען אַ מילדערן כאַראַקטער.

אליעזר שערמאַן אין זיין בוך (זז. 91־190) ווייזט אָן, אַז אחד העם האָט אין ארץ ישראל גערעדט מיט זיין פרוי רוסיש, און ווען אַ פאַרשטייער פון „גדוד מגיני השפה" האָט אים דאָס פאַרגעוואָרפן, האָט זיך אחד העם פאַר אים אַנטשולדיקט, אַז זיין פרוי קען נישט קיין העברעאיש. שערמאַן באַמערקט, אַז ער האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט ריידן מיט זיין פרוי יידיש, אָבער ער האָט דאָס נישט גע־טאָן, ווייל ער איז געווען אַ קעגנער פון יידיש אין ארץ ישראל, און אפשר אויך דערפאַר, וואָס זיין פרוי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פחיתת הכבוד צו ריידן אין דער שפחה־שפּראַך. ווייטער גיט שער־מאַן איבער, זייער בקיצור, אחד העם׳ס מיינונג וועגן יידיש נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און באַמערקט, אַז „די ציטירטע שטעלן און אויך אַנדערע שטעלן אין דעם דאָזיקן אַרטיקל [„על פרשת דרכים", חלק ד, עמודים 123־116] ווייזן, אַז אחד העם׳ס באַציאונג צו יידיש איז געווען ענלעך צו דער דאַמאָלטיקער באַציאונג פון מענ־דעלען און פרצן צו דער יידישער ליטעראַטור, אין דער ערשטער תקופה פון זייער שאַפונג, ווען זיי האָבן געשריבן יידיש בלויז צוליב דעם, אַז דער המון־עם זאָל באַקומען השכלה און בילדונג אין זיין שפּראַך". שערמאַן פאַרענדיקט דערמיט, אַז „מעגלעך, אַז, ווען אחד העם זאָל געווען נאָכפאָלגן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידי־שער ליטעראַטור, וואָלט ער געווען געענדערט זיין מיינונג אין גע־וויסע פרטים".

שערמאַן דערציילט אויך (זז. 30־129) אַן אינטערעסאַנטן עפּי־זאָד, ווי ער האָט, אין 1925, בעת דעם באַזוך פון אלטער קאַציזנע אין ארץ ישראל, אים אַריינגעפירט צו אחד העם׳ן און אים פאַרגעשטעלט אַלס „יידישער שרייבער, אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", וואָס וויל אים פאָטאָגראַפירן פאַר זיין צייטונג" [אַלטער קאַציזנע איז פון פראָפעסיע געווען אַ פאָטאָגראַף און פאַר דעם צוועק האָט ער דע־מאָלט געמאַכט זיין רייזע קיין ארץ ישראל]. לכתחילה האָט אחד העם ניט איינגעשטימט דערצו. שפּעטער אָבער האָט ער געזאָגט קאַציזנען: „אויב איר דענקט, אַז יידן ווילן זען מיין בילד, דער־לויב איך אייך דאָס צו טאָן" . . . אין די פריערדיקע יאָרן האָט ער

בשום אופן ניט איינגעשטימט צו פֿאַרשפּרייטן זיין בילד און בלויז אינטימע פֿריינט האָט ער עס געגעבן. איצט אָבער, צוליב זיין קראַנקהייט, איז זיין ווילנס־קראַפֿט אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דעריבער האָט ער איינגעשטימט צו טאָן זאַכן, וואָס זיינען געווען קעגן זיינע פּרינציפּן".

נחמן דרוזדוב אין זיין בוך (זז. 76־174) סקיצירט אחד העם'ס שטעלונג צו יידיש נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ און דעם בריוו־אויסטויש מיט שמעון דובנאָוו.

פֿאַר אויספֿירלעכע ביאָגראַפֿישע דאַטעס און בכלל וועגן אחד העם'ס אידייען, אַקטיוויטעטן, שאַפֿונג און מיינונגען, שיק איך אָפּ די יידיש־לייענער צו אָט די דריי יידישע ביכער וועגן אחד העם'ן. מיין אַרבעט נעמט נאָר אַרום דעם ענין „אחד העם און זיין באַציאונג צו יידיש".

און עס איז דאָך אָן אינטערעסאַנטע פֿראַגע ווי אַזוי האָט אחד העם, דער מאַן, וואָס האָט גאַנץ אָפֿט, נישט דערשראָקן, אַרויסגעזאָגט מיינונגען, וועלכע זיינען כלל נישט געווען אין הסכם מיט דעם אָנגענומענעם טאָן, זיך פֿאַרהאַלטן צו דער פֿראַגע וועגן דער יידישער שפּראַך. עס איז דאָפּלט אינטערעסאַנט, ווייל אחד העם'ס אַ וואָרט איז געווען גילטיק פֿאַר די פֿיל תלמידים זיינע און פֿאַרערער.

דאָ באַהאַנדל איך די דאָזיקע פֿראַגע אויספֿירלעך, נישט אויפֿן גרונט פֿון בויך־סברות אָדער פּשט'לעך, נאָר איך לאָז ריידן אחד העם'ן אַליין. איך האָב נאָר די אַלע שטעלן אין וועלכע ער באַרירט די פֿראַגע וועגן יידיש*) צונויפֿגעקליבן און סיסטעמאַטיזירט אַזוי, אַז דאָס בילד זאָל זיין קלאָר.

די שטעלונג פֿון אחד העם צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור קאָן אייגנטלעך איינגעטיילט ווערן אין פֿיר פּעריאָדן: דעם פּעריאָד פֿון אחד העם'ס יוגנט, ווען ער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרנעמען מיט ליטעראַטור. דעמאָלט האָט ער גערעדט מיט אַלעמען יידיש אָן שום נאָכטראַכטענישן וועגן „תכלית" פֿון יידיש; דעם פּעריאָד ווען אחד העם האָט אָנגעהויבן באַרימט צו ווערן אַלס גייסטיקער ציוניסטישער פֿירער. דעמאָלט האָט ער, נישט גלויבנדיק אין דער צוקונפֿט פֿון יידיש, דאָך מיטגעהאָלפֿן, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן דאָס ערשטע יידישע ליטעראַרישע וואָכנבלאַט („דער יוד") און ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז דאָס דאָזיקע וואָכנבלאַט זאָל האָבן אַ גענוג פֿאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר (ראַווניצקי). דער דריטער פּעריאָד דאַרף גערעכנט ווערן פֿון יאָר 1908, נאָך דער טשער־

---

*) געדרוקט פֿריער אין זשורנאַל „שיקאַגע" (32־1931). א"ר פֿון מאיר זאָלאָטאַראָוו.

נאַוויצער קאָנפערענץ אויף וועלכער יידיש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק. פאַר אחד העם׳ן, וועלכער האָט אַ גרויסן טייל פון דער וויטערדיקער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק געבויט אויף דעם, וואָס יידן וועלן שטענדיק דערהאַלטן די העברעאישע שפּראַך אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך, און דאָס וועט דערהאַלטן די וויטערדיקע גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, איז דאָס דערקלערן יידיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך געווען אַן איינפאַכער פאַרראַט. ער האָט אין דעם געזען דעם פאַנאַנדערפאַל פון די וויניקע זיילן אויף וועלכע דער קיום פון יידישן פאָלק קאָן זיך שטיצן אין אונדזער צייט, ווען די רעליגיע פאַרלירט איר גרויסן איינפלוס. אחד העם האָט דעריבער פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן צו פירן אַ קאַמף קעגן יידיש, באַנוצנדיק יעדע געלעגנהייט אָנצואווייזן, אַז יידיש איז נישט מער ווי אַ הילפס־מיטל, אַ צייטווייליקע דערשיינונג. אין דעם דאָזיקן קאַמף איז ער דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט יידיש נישט געגעבן מער רעכט ווי דעם שפּאַניאָלישן דיאַלעקט (לאַדינאָ) אויף וועלכן עס ריידן אַ קליינע גרופּע באַלקאַן־יידן. אַלס לעצטן פּעריאָד דאַרף מען באַטראַכטן די עטלעכע יאָר, וועלכע אחד העם האָט געוואוינט אין ארץ־ישראל. דאָ, נישט זייענדיק מסכים צו די טעראָר־מיטלען קעגן יידיש, האָט ער, דער גייסטיקער פירער פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור, נישט פאַרנומען ביי די העברעאיסטן דאָס אָרט, וואָס האָט אים געקומט.

וועגן דעם ערשטן פּעריאָד איז נישטאָ קיין שום דאַטן. אחד העם האָט געוויס אויך דעמאָלט געשריבן בריוו אין וועלכע ער האָט באַהאַנדלט צייט־פראַגן, אָבער קיין איין בריוו פון יענער עפּאָכע האָט ער נישט אַריינגענומען אין די זעקס בענדער בריוו זיינע, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן. אין נאָמען פון פּערזאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו אחד העם׳ן, קאָן איך נאָר דרייסט זאָגן, אַז אחד העם האָט דעמאָלט נאָך נישט געהאַט קיין שום נעגאַטיווע געפילן צו יידיש. ער פלעגט גערן ריידן יידיש, אָבער שרייבן פלעגט ער, ווי אַלע משכילים, אין העברעאיש אָדער רוסיש.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער וועגן די אַנדערע פּעריאָדן. וועגן זיי זאָגן עדות צוויי אַרטיקלען זיינע אין „השלח״, איינער אינגאַנצן געווידמעט דער פראַגע וועגן יידיש, און דער אַנדערער טיילווייז (וועלכע זיינען שפּעטער אַריין אין די בענד פון „על פרשת דרכים״), איין איינציקער אַרטיקל געשריבן אויף יידיש אין „יוד״, און איבער פערציק בריוו, וואָס זיינען צעזייט צווישן די זיבעצן הונדערט בריוו אין זיינע זעקס בענדער געזאַמלטע בריוו.

די ערשטע זאַך וואָס מיר געפינען ביי אחד העם׳ן וועגן יידיש איז דוקא אַ פּאָזיטיווע. אמת, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן דער שפּראַך־פראַגע, אָבער עס איז אַ קאָמפּלימענט פאַר דער יידישער פּרעסע.

דער „השלח״, וואָס אחד העם האָט רעדאַקטירט, האָט, נאָך אַ הפסקה, ווידער אָנגעהויבן צו דערשיינען אין 1898, און מען האָט געדאַרפט דערוואַרטן, אַז די העברעאישע צייטונגען און צייטשריפטן, וואָס זיינען דעמאָלט דערשינען, וועלן די דאָזיקע בשורה אויפנעמען מיט גרויס פרייד, צום סוף האָבן זיי עס אַלע פאַרשוויגן. ווער דען האָט זיך דאָ יאָ אָפּגערופן? — וועגן דעם שרייבט אחד העם אין אַ בריוו פון 14טן פעברואַר, 1898, צו מ. עהרענפּרייז, דער שפּעטער־דיקער אויבער־ראַבינער פון בולגאַריע:

„איך האָב דערהאַלטן אייערע לעצטע בריוו, און איך דאַנק אייך פאַר דער זשאַרגאָנישער רעצענזיע, וועלכע איר האָט מיר צוגע־שיקט. עס איז אַן איראָניע, אַז ביז היינט איז וועגן באַנייטן „השלח״ גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן אין קיין שום אַנדערער צייטשריפט ווי די, וועלכע דערשיינט אין אַ שפּראַך, וואָס די ליבהאָבער פון העברע־איש האַלטן זי פאַר איר פיינט . . .״

אחד העם איז אַזוי גערירט פון דער „זשאַרגאָנישער״ רעצענ־זיע, אַז ער געפינט זי פאַר נויטיק צו צושיקן צו א. קאַפּלאַן, הויפּט פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג „אחיאסף״, וואָס גיט אַרויס דעם „השלח״, און דערביי שיקט ער אים צו (פעברואַר 1898) אַ בריוול אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערן:

„. . . איך שיק אייך דאָ אַן „אויסשניט״ פון דער זשאַרגאָני־שער צייטשריפט „דער יודישער עקספּרעסס״, וואָס דערשיינט אין ענגלאַנד, אין וועלכער איר וועט געפינען די רעצענזיע אויפן „השלח״, און עס איז אינטערעסאַנט צו נעמען אין אַכט, אַז די איינציקע יידישע צייטשריפט, וואָס האָט געפונען פאַר נויטיק צו ריידן וועגן „השלח״ איז אַ זשאַרגאָנישע צייטשריפט . . .״

אין יאָר 1898 האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע זיך געווענדט צום העברעאישן פאַרלאַג „אחיאסף״ מיט אַ פאָרשלאַג אַרויסצוגעבן אין ווין אַ וואָכנבלאַט אויף יידיש.

די יידישע שפּראַך האָט דעמאָלט שוין אָנגעהויבן אַרויסצוציִען פון דער ווייבערשער געטאָ. דאָס פאָלק, די ברייטע מאַסן, האָבן אָנגע־הויבן לייענען יידיש, און ווען מ׳האָט עפּעס געוואָלט פּראָפּאַגאַנדירן, האָט מען עס געמוזט טאָן אויף יידיש.

אַלס אילוסטראַציע דערצו קען דינען אַ בריוו פון זעלבן יאָר (27 יולי), וואָס אחד העם שרייבט צו א. שולמאַן אין קיעוו:

אין דעם בריוו זאָגט א״ה, אַז כדי צו באַקומען אַ באַגריף ווי אַזוי עס זעט איצט אויס די העברעאישע שפּראַך, נישט קוקנדיק אויפן גאַנצן טומל וועגן דער „אויפלעבונג״, איז גענוג צו הערן דעם באַריכט וועגן צוויי בראַשורן מכוח דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס „אחיאסף״ האָט אַרויסגעגעבן: איין בראָשור איז געווען אויף העברעאיש פון דר. הערצל אַליין, און זי איז פאַרקויפט געוואָרן אין דריי טויזנט עקזעמפּליאַרן, די אַנדערע איז געווען פון שלום־עליכם׳ן, און זי איז פאַרקויפט געוואָרן אין זיבן און צוואַנציק טויזנט עקזעמפּליאַרן — דערפאַר ווייל זי איז געווען אויף יידיש.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט, אַלזאָ, איינגעזען די נויטווענדיקייט פון אַ יידישן אָרגאַן, וואָס זאָל פירן ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

אַזוי ווי אחד העם איז געווען אויך אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון „אחיאסף״, און לויט די סטאַטוטן פון דעם פאַרלאַג, האָט מען צו אַזאַ ענין געדאַרפט האָבן די הסכמה פון אַלע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, האָט דער געשעפטס־פירער פון „אחיאסף״, ה׳ א. קאַפּלאַן, זיך געווענדט מיט אַן אָנפראַגע צו אחד העם׳ן, אַז ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם פּראָיעקט.

העכסט וואַרשיינלעך איז עס אויך געווען וויכטיק צו הערן די מיינונג אין אַזאַ פראַגע טאַקע פון אחד העם׳ן. און אחד העם האָט די דאַזיקע לאַגע אויסגענוצט לטובת דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

נישט קוקנדיק דערויף וואָס אחד העם איז אין פּרינציפּ געווען מסופּק אין דער נויטווענדיקייט און נוצלעכקייט פון אַזאַ אָרגאַן אויף יידיש, האָט ער דאָך אַכטונג געגעבן, אַז אויב עס איז שוין אַ גזר, אַז דער אָרגאַן זאָל דערשיינען, זאָל ער נישט פאַרוואַנדלט ווערן עפּעס אין אַ בלעטל, אין אַ ציוניסטישער פּראָקלאַמאַציע, נאָר זאָל האָבן אין זיין שפּיץ אַ רעדאַקטאָר מיט אַ ליטעראַרישן געשמאַק.

נאָר אַ דאַנק דעם אויסדריקלעכן פאַרלאַנג פון אחד העם׳ן איז אַלס ערשטער רעדאַקטאָר פון „יוד״ באַשטימט געוואָרן י. ח. ראַווניצקי, און אַזוינאַך איז דער „יוד״ געוואָרן אַן אכסניה פאַר דער אמתער שיינער יידישער ליטעראַטור פון אַזעלכע שריפטשטעלער ווי מענדעלע, י. ל. פּרץ, שלום עליכם, מאָריס ראָזענפעלד, יעקב דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר און ש. פרוג. די ווערק, וועלכע זיינען צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „יוד״, זיינען פאַרבליבן די יסודות פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

ווען מ׳נעמט אין באַטראַכט די פריערדיקע יידישע פּעריאָדישע אויסגאבן און מ׳פארגלייכט זיי מיטן „יוד״, קאָן מען דרייסט זאָגן, אַז דער „יוד״ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געעפנט דעם וועג פאַר אונדזער היינטיקער יידישער ליטעראַטור.

אחד העם האָט דעם פּראָיעקט גענוי אַנאַליזירט, און ער גיט אים אָפּ איינִיקע בריוו.

אין ערשטן בריוו (אדעס, 15 יולי, 1898) צו א. קאַפּלאַן אין ריינ־ערץ, שרייבט ער:

„וועגן ווינער פאַרשלאַג (דער פאַרשלאַג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע), האָט איר פאַרגעסן צוויי זאַכן:

1) אַלע זשאַרגאָנישע צייטשריפטן אָן אונטערשיד, וועלכע דער־שיינען אין אויסלאַנד, זיינען פארווערט אריינצוקומען אין אונדזער לאַנד, און עס זעט אויס, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום האָפענונג, אַז מען וועט וועלכע עס איז צייטשריפט ארויסנעמען פון כלל.

2) אַ צייטשריפט, וואָס דערשיינט אין אויסלאַנד קומט אָן צו די לייענער (אַזוי ווי עס איז מיטן „השלח״) ערשט צוויי אָדער דריי וואָכן נאָכדעם ווי זי דערשיינט, און דערצו, ווי איר זאָגט אַליין, איז נישטאָ קיין שום עצה. און אויב דאָס איז נאָך מעגלעך בנוגע אַ חודש־זשור־נאַל, איז דאָס אָבער אוממעגלעך, אַז אַ וואָכנבלאַט, וואָס פאַרשפּע־טיקט אַזוי אָנצוקומען, זאָל האָבן דערפאָלג, און עס האָט נישט קיין שום ווערט, ווארום די נייעס וואָס עס ברענגט, זעען אויס ביי די לייענער ווי „פאַראַיאָריקער שניי״.

אָבער אויב די צוויי זאַכן זיינען ביי אייך נישט קיין שטערונג, וועל איך זיך ניט איינשפּאַרן, ווארוםביידע זאַכן זיינען נאָר אוי־סערלעכע פראַגן אין וועלכע עס איז אָפּהענגיק דער מאַטעריעלער דערפאָלג פון דער אָנגעלעגנהייט, און איך פאַרלאָז זיך אויף אייך. אַנדערש איז אָבער בנוגע דער „רעדאַקציע״. אויב וועגן ביכער און בראָשורן קאָן איך נאָך מער אָדער ווייניקער אַכטונג געבן, און פונ־דעסטוועגן דרוקט דער „אחיאסף״ בראָשורן, אויף וועלכע איך שעם זיך צו קוקן, און איר זאָגט נאָכדעם, אַז אַלץ איז געמאַכט געוואָרן מיט מיין דערלויבעניש, טאָ וואָס וועט נאָך זיין ווען דער „אחיאסף״ וועט ארויסגעבן אַ זשאַרגאָנישע צייטשריפט, אויף וועלכער איך וועל אבסאָלוט נישט קאָנען אכטונג געבן, און פונדעסטוועגן וועל איך פאַר איר זיין פאַראַנטוואָרטלעך, ווארום זי איז דאָך געגרינדעט געוואָרן מיט מיין „דערלויבעניש״! דעריבער קאָן איך נישט אַרויסזאָגן מיין מיינונג בכלל וועגן דעם, אַזוי ווי איר בעט, ווארום דער „בכלל״ איז קודם כל אָפּהענגיק פון דעם „פרט״: אַז דער רעדאַקטאָר זאָל

זיין אַ מאַן, אויף וועלכן איך זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן, אַז ער איז אַן ערן מאַן, און אַ מענטש מיט געשמאַק . . . אויסער דעם האָב איך נאָך אַ פראַגע: איר זאָגט, אַז דער אקציאָנס קאָמיטעט (1*) וועט געבן אַ יערלעכע אונטערשטיצונג, אָבער איר באַמערקט נישט (וואָס עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך) אַז פאַר דער דאָזיקער אונטערשטיצונג וועט דער אקציאָנס קאָמיטעט פאַרלאַנגען, אַז די וואָכנשריפט זאָל ווערן זיין אָרגאַן און שרייבן אַלץ, וואָס מען וועט באַפעלן פון „אויבן". און ווען איך דערמאָן זיך אַן דעם אָרגאַן פון דעם אקציאָנס קאָמיטעט אַליין (2*) און אין זיינע העסלעכע וועגן, פון וואָס עס עקלט יעדן אָרנטלעכן מענטשן, שטעל איך מיר גוט פאָר, וואָס עס וועט אַזוינס זיין די פיזיאָנאָמיע פון דער זשאַרגאָנישער צייטשריפט, פון וועלכער דער אקציאָנס קאָמיטעט וועט ארויסריידן. איך גלויב נישט, אַז וועלכער עס איז אָרנטלעכער מענטש וועט פאַרקויפן זיין נשמה צו ווערן רעדאַקטאָר פאַר אַזאַ אָרגאַן. אלנפאַלס וועל איך פאַר קיין פאַל נישט מסכים זיין (אויסער, אַז דער „אחיאסף" וועט צוערשט מיך אויסשטרייכן פון דער פאַרוואַלטונג), אַז דער „אחיאסף" זאָל געבן זיין נאָמען אויפן דאָזיקן אָרגאַן.

אָדער, אפשר קאָן מען די זאַך אַזוי איינאָרדנען: אַז סיי די רע־דאַקציע, סיי דער פאַרלאַג זאָלן גערופן ווערן אויפן נאָמען פון אַק־ציאָנס קאָמיטעט, אָדער פון איינעם פון זיינע מיטגלידער, און דער „אחיאסף" זאָל זיך פאַרנעמען נאָר מיט דער אדמיניסטראַציע, דע־מאָלט וועל איך אין דעם זען נאָך אַ געשעפטס־זאַך, אַזוי ווי די אַנדערע זאַכן פון „אחיאסף'ס" געשעפט, און איך וועל נישט זיין קעגן דעם . . ."

הפנים, אַז אחד העם'ס באַמערקונגען זייַנען גענומען געוואָרן שטאַרק אין אַכט, און דער פּלאַן וועגן אַ וואָכנבלאַט איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ חודש־זשורנאַל, און דאָס האָט אחד העם'ן ווידער געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרשטאַרקן זיין אומצוטרוי צו דער עקזיסטענץ פון אַזאַ אויסגאַבע.

אחד העם האָט דאַן געהאַלטן, אַז יידיש איז די שפּראַך פון המון־עם, און אַזאַ עלעמענט קאָן העכסטנס נאָך פאַרשטיין און זיין אַ בעלן אויף אַ וואָכנבלאַט, אָדער טאָקע אויף א טאָג־צייטונג, אָבער נישט

---

1) דער ציוניסטישער אַקציאָנס קאָמיטעט מיט וועלכן אחד העם איז שוין דעמאָלט געווען צעקריגט צוליב חלוקי־דעות אין דער אויפ־פאַסונג פון דער ציוניסטישער אידייע.

2) „די וועלט" אויף דייטש.

אויף אַ חודש־זשורנאַל, וואָס מוז שוין זיין ערנסטער, טיפער, נאָר סיי ווי סיי טרעט ער נישט אָפּ פון זיין פאָדערונג וועגן אַ פאַראַנט־וואָרטלעכן רעדאַקטאָר, נישט אַנרופנדיק נאָך קיין נאָמען.

וועגן דעם שרייבט ער צו קאַפּלאַנען (אדעס, 24 יולי, 1898):

„אין דעם דערפאָלג פון אַ זשאַרגאָנישן חודש־זשורנאַל גלויב איך נישט. די מאַסע פאַר וועלכע די דאָזיקע צייטשריפט וועט אַרויס־גיין, דאַרף נישט האָבן קיין חודש־זשורנאַל, נאָר אַ טעגלעכע צייטונג, אָדער אַמווייניקסטן — אַ וואָכנבלאַט, און באַצאָלן פיר רובל פאַר אַזעלכע העפטן — דאָס הייסט מער ווי דרייסיק קאָפּיקעס אַ העפט — וועלן נישט זיין קיין דריי טויזנט מענטשן פון דער מאַסע, ווי איך האָפּט. אָבער איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז וועגן דער געשעפט־לעכער זייט וועל איך זיך נישט איינשפאַרן, און איך וועל מבטל זיין מיין מיינונג פאַר אייערער. אָבער וועגן דעם רעדאַקטאָר וועל איך דאָס מאָל נישט מותר זיין מיין מיינונג, אפילו ווען איר זאָלט מיר פאַרזיכערן, אַז די צייטונג וועט אַריינברענגען דעם „אחיאסף" קורח׳ס אוצרות. איך קאָן נישט מפקיר זיין מיין נאָמען, און איך וויל נישט טראָגן אויף מיר אַזאַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויסער ווען איך וועל וויסן, אַז די זאַך איז איבערגעגעבן צו אַ מאַן אַזוי ווי איך מיין, וואָס קען מיין גייסט, און האָט אַן ענלעכן געשמאַק ווי איך אין גרעסטנ־טייל פון וויכטיקע ענינים . . ."

איבער אַ האַלב יאָר גייט דורך אין פאַרהאַנדלונגען וועגן דער פראַגע אויב מ׳זאָל אַרויסגעבן די יידישע צייטשריפט אָדער נישט, און ווען מ׳דערוויסט זיך אין די ליטעראַרישע קרייזן, אַז „אחיאסף" הויבט אָן אַרויסגעבן אַ יידיש בלאַט, פרעגט זיך אליעזר שולמאַן אָן ביי אחד העם׳ן וואָס זאָגט ער דערצו. אין זיין ענטפער (אדעס, 29 יאַנואַר 1899) רופט שוין אחד העם אָן דעם נאָמען פון ראַווניצקין אַלס רעדאַקטאָר:

„וועגן דער זשאַרגאָנישער צייטשריפט, קאָן איך מיינע פריינט מעלדן נאָר דאָס, אַז אין דער צייט ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער דאָזיקער געדאַנק, און די לייטער פון „אחיאסף" האָבן געבעטן מיין צושטימונג דערצו, האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך קען דערצו צושטימען נאָר מיטן באַדינג, אַז דער רעדאַקטאָר זאָל זיין אַ מאַן, וואָס זאָל מיר זיין באַקאַנט אַלס ערלעכער מאַן און אַ מענטש מיט געשמאַק, וואָס זאָל זיך נישט דערנידעריקן צו ווערן אַן אינסטרו־מענט פאַר וועמען עס איז. און אַזאַ מענטש איז, לויט מיין מיינונג, ראַווניצקי. עס איז אַלזאָ נישט קיין ספק, אַז די צייטשריפט וועט

זיין אַ „ציוניסטישע", אָבער נישט קיין „קנעכט פון די ציוניסטן", אַזוי, אַז עס זאָל אין זיין כאַראַקטער זיין ענלעך כמעט צום „השלח" . . ."

אחד העם׳ס פאָרשלאָג צו באַשטימען ראַווניצקין אַלס רעדאַק־טאָר פון דעם וואָכנבלאַט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „דער יוד", איז אָנגענומען געוואָרן, און אין אָנהויב פעברואַר 1899 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דאָס וואָכנבלאַט. ראַווניצקי איז פון אָדעס אַריבער קיין וואַרשע, וואו עס איז געווען די רעדאַקציע, נאָר געדרוקט איז דאָס בלאַט געוואָרן אין קראָקאָ, אָנגעבנדיק אַלס אָרט פון דער דערשיינונג ווין־קראָקאָ (3*).

ראַווניצקי האָט באַלד צוגעשיקט אחד העם׳ן דעם ערשטן נו־מער, און מיט אומגעדולד דערוואַרט זיין מיינונג, וואָס איז באַלד געקומען, און טאַקע זייער אויספּירלעך.

דעם 16 פעברואַר 1899 שרייבט אחד העם צו ראַווניצקין קיין וואַרשע:

„מזל טוב אייך! איך האָב באַקומען דעם „יוד" און איך האָב אים געלייענט. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? עס ווייזט אויס, אַז איך האָב נישט קיין געפיל צו פילן די שיינקייט פון זשאַרגאָן. אַלע זאַכן וואָס איך לייען אין איר, אפילו רבי מענדעלעס זאַכן, זעען מיר אויס ווי געקינצלט, ווי מליצות, וועלכע גייען נישט פון האַרצן, נאָר זיי שטייען און רופן: „קוקט אונדז אָן ווי געדריידלט און געקינצלט מיר זיינען!" אָבער לאָמיר איבערלאָזן די „שיינקייט" און לאָמיר ריידן וועגן אינהאַלט. איך מוז אייך זאָגן, אַז איך גלויב קוים אויב דאָס פאָלק וועט לייענען מיט חשק די זאַכן, וואָס איר גיט אַריין אין „יוד". רבי מענדעלע און בן־עמי שרייבן פאַר די „מפונקים פון דער השכלה", אפילו פרץ מיט זיינע רמזים איז פאַרשטענדלעך נאָר אונדז. שלום עליכם, וואָס דער אמת, רעדט אפילו אין זיין שפּראַך און אין זיין סטיל, אָבער פאַרלויפיק איז אין זיינע זאַכן נאָך נישט פאַראַן קיין שום געדאַנק, אויסער שיינע בדחנות, אפשר וועט דער געדאַנק קומען אין די „פאָרטזעצונגען", און ס׳איז אפשר בכלל מעגלעך, אַז די פאָרט־זעצונגען וועלן ענדערן מיין מיינונג. אָבער פאַרלויפיק — זעט איר, פריינט מיינער, אַז איך פאַרבאָרג גאָרנישט פון אייך וואָס איך טראַכט — ציטער איך זייער פאַרן גורל פון „יוד".

וועגן דער פובליציסטיק האָב איך נישט גערעדט, ווארום אין

---

3) „דער יוד", פאַרלאַג: חברה „אחיאסף", רעדאַקטאָר י. ח. ראַווניצקי, ווין־קראָקאָ. 1899. ערשטער יאָרגאַנג.

ערשטן נומער איז כמעט נישטאָ קיין אַרטיקל, וואָס זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען, אויסער אייער לייט־אַרטיקל, וועגן וועלכן איך האָב אייך שוין ארויסגעזאָגט מיין מיינונג נאָך איידער ער איז געדרוקט געוואָרן. איך וואָלט אייך אייגנטלעך באַדאַרפט אויפמערקזאַם מאַכן דערויף, וואָס איר האָט אַריינגעגעבן אין ערשטן נומער נאָך צוויי פּובליציסטישע אַרטיקלען, און אין ביידע איז כמעט נישט פאַראַן קיין זאַך, וועגן וועלכער איר רעדט נישט אַליין אין אייער לייט־אַרטיקל, אָבער איך רעכן, אַז איר האָט דאָס ניט געטאָן פון „שלעכטסקייט", נאָר דערפאַר וואָס איר האָט אונטער דער האַנט נישט געהאַט קיין בעסערע ארטיקלען ווי זיי.

אָבער מיר וועלן וועגן דעם נאָך אויספירלעך ריידן ווען איר וועט אינגיכן צוריקקומען אַהער".

אַט אַזוי, ווי מיר זעען, איז אחד העם, טראָץ זיין קעגנערשאַפט צו יידיש, געוואָרן דער משגיח איבער דעם ערשטן ליטעראַרישן יידישן וואָכנבלאַט.

אָבער אחד העם האָט זיך מיט דער שטילער השגחה זיינע נישט באַגנוגנט. אַפּוואַרטנדיק אייניקע נומערן פון „יוד", אין וועלכן עס האָבן זיך, אויסער די אויבנדערמאָנטע שריפטשטעלער, אויך באַטייליקט מ. ל. ליליענבלום, בן־עמי, ש. ראזענפעלד, א. ל. לעווינסקי, דר. מאַקס נאָרדוי, דר. ש. ווערנער (רעדאַקטאָר פון דער „וועלט"), ש. ל. ציטראָן און א. ש. פרידבערג, האָט זיך אחד העם מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, און אין זיבעטן נומער פון „יוד" (אַפּריל 1899) האָט ער אָפּגעדרוקט זיינעם אַ בריוו אין רעדאַקציע, וואָס איז אַן אַרטיקל אַן און פאַר זיך וועגן דער יידישער שפּראַך, די יידישע ליטעראַטור און דעם יידישן לייענער.

אחד העם האָט זיין אַרטיקל געגעבן די פאָרם פון אַ בריוו צום רעדאַקטאָר, אַזוי ווי אנדערע שרייבער צום „יוד" האָבן עס געטאָן, אָבער די רעאַקציע האָט דעם ארטיקל געגעבן אַלס לייט־אַרטיקל פון דעם נומער, און הגם דער ארטיקל איז געווען אונטערגעשריבן א־ד־ם, האָבן די ליטעראַרישע קרייזן און זייער פיל לייענער געוואוסט, אַז דער שרייבער איז אחד העם (4).

דער דאָזיקער ארטיקל איז די איינציקע זאַך, וואָס אחד העם האָט אָריגינעל געשריבן אין יידיש, און מיר ברענגען אים דאָ אינגאַנצן, ענדערנדיק בלויז זיין אָרטאָגראַפיע:

---

4) אין אַ בריוו זאָגט אויס אחד העם דעם סוד, אַז א־ד־ם איז ער.

ווער איז דער „יוד"

(אויך אַ בריוו צום רעדאַקטאָר)

ליבער פריינט:

אוודאי טוט מיר הנאה וואָס גרויסע לייט אינטערעסירן זיך מיט אייער צייטונג און ווייזן, דורך אָפענע בריוו און אַנדערע אַרטיקלען, דעם רעכטן וועג, וואָס און ווי אַזוי צו ריידן מיט דעם פאָלק. פונדעסט־וועגן דערלויב איך מיר אויך פון מיין זייט צו שרייבן אייך איין אָפענעם בריוו. און מיין כונה איז דערביי — גלויבט מיר — נישט לעמוד במקום גדולים, מיך אַריינמישן צווישן די גרויסע און אויך אייך זאָגן אַ דעה, וואָס איר האָט צו טאָן. ניין! נישט אייך צו באַ־לערנען — פון אייך צו לערנען מיין איך; נישט עצות וויל איך אייך געבן, נאָר אַ שאלה וויל איך אייך פרעגן.

זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער איז דער „יוד"?

יידן, ווייס איך, זיינען ברוך־השם דאָ פיל, יידן פון פאַרשידענע מינים: אָבער „דער יוד", מיט אַ „ה' הידיעה", דער געוויסער יוד, וואָס פון זיינעטוועגן זענט איר אייך מטריח און צו אים ווילט איר דאָס רעדן אויף „זיין לשון", דער יוד, וואָס אייערע שרייבער רופן אים סתם: „דאָס פאָלק" — ווער איז ער?

ווען איינער, למשל, זאָל גרינדן אַ העברעאישע צייטונג פאַר דעם „יודן", וואָלט מיר גאַרנישט קשה געווען: איך וואָלט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט און וועמען ער מיינט: ער וויל ריידן אי־בער יידישקייט צום יידישן פאָלק בכלל. יידן וואָס פאַרשטייען לשון־קודש זיינען דאָ מער אָדער ווייניקער אין אַלע לענדער, אונטער אַלע קלאַסן. און די וואָס פאַרשטייען נישט — זאָלן זיי לערנען און פאַר־שטיין; דען דער „יוד" איז מחויב צו קענען זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, און עס איז אַ שאַנדע אַז ער קען זי נישט. דארום איז אַ העברעאישע צייטונג פאַר „דעם יידן" אין אַלגעמיין אַ פאַרשטענדלעכע זאַך: זי ווענדט זיך צו יעדן יידן וואָס דאָס יידישקייט איז אים טייער און פאַרלאַנגט פון אים געלייענט און פאַרשטאַנען צו ווערן, ער מעג אפילו פאַרשטיין נאָך אַנדערע „שבעים לשון".

נישט אַזוי אָבער שטייט עס מיט אַ צייטונג אין זשאַרגאָן.

די שפּראַך איז דער מענטש. אַלעס טייערסטע און הייליקסטע, וואָס מאַכט דעם מענטשן זיין לעבן ליב, איז ביי יעדן אינערלעך פאַרבונדן מיט זיין מוטער־שפּראַך, מיט דער שפּראַך אין וועלכער זיינע געדאַנקען האָבן זיך צוערשט אַנטוויקלט און זיינע געפילן זיך פאַרקערפּערט פון קינדווייז אָן. עס איז דארום קיין וואונדער נישט,

וואָס יעדער מענטש האָט אַזוי הערצלעך ליב זיין מוטער־שפּראַך און יעדעס פאָלק איז באַרייט אַלע שווערע קרבנות צו ברענגען, כּדי זיין טייערע שפּראַך צו דערהאַלטן, צו באַרייכערן און צו פאַרשענערן. נאָר מיר, זשאַרגאָן־יידן, זיינען אפשר די איינציקע מענטשן אין דער גאַנצער וועלט, וואָס אויף זיי ליגט די שווערע קללה, נישט צו וויסן דעם זיסן טעם פון אַ ליבער, טייערער מוטער־שפּראַך. די שפּראַך אין וועלכער מיר זיינען אין דער קינדהייט דערצויגן געוואָרן, דורך וועלכע מיר האָבן אונדזערע ערשטע באַגריפן באַקומען און אונדזערע ערשטע קינדערלעכע געפילן אַן אויסדרוק געגעבן — די דאָזיקע שפּראַך איז אונדז אַליין נישט טייער, נישט אייגן. מיר פילן צו איר קיין שום צערטלעכקייט נישט, איר לעבן און בליען אינטערעסירט אונדז גאָרנישט. ווייל מיר ווייסן וואויל, אַז זי איז אונדז באמת אַ ווילד פרעמדע, אַ מין גלות־פּלעק, וואָס אונדזער ביטער מזל האָט אונדז מיט גוואַלד אויפגעדרעננגט, ווי דער זעלבער שאַנד־פלעק וואָס פאַרצייטן האָבן אונדזערע פאַרפאָלגער געצוואונגען אונדזערע עלטערן צו טראָגן אויף דער ברוסט. אַזאַ מין פאַרהעלטעניש צום זשאַרגאָן איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע, און מיר זיינען נישט אין שטאַנד עס צו ענדערן אפילו ווען מיר זאָלן וועלן. דען דערצו וואָלטן מיר פריער באַדאַרפט פאַרגעסן, אַז מיר זיינען אַ פאָלק מיט אַן אוראַלטער קולטור; אַז די שענסטע דעראינערונגען פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן שטאַמען פון צייטן, ווען דער מיש־מאַש איז נאָך נישט אונדזער פאָלקס־שפּראַך געווען. אַז די טייערסטע שעטצע פון אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, אויף וועלכע מיר זיינען אַזוי שטאָלץ, זיינען נישט אין דער שפּראַך אַנטשטאַנען און האָבן מיט איר גאָרנישט צו טאָן. ווען מיר זאָלן דאָס אַלעס קענען איינגאַנצן, גאַנץ פאַרגעסן; און ווערן „אַ גוי מאתמול”, אַ פאָלק ערשט נעכטן געבוירן צוזאַמען מיט דעם זשאַרגאָן־לשון — דעמאָלט וואָלט אפשר מעגלעך געווען מיר זאָלן דאָס לשון ליב באַקומען און זיך נעמען מיט חשק עס צו באַארבעטן און צו פאַרפולשטענדיקן אַלסווירקלעכע נאַציאָנאַלע שפּראַך. אָבער ווי דער איינציקער מענטש קען אויף דער עלטער, ביים בעסטן ווילן, נישט אויסשטרייכן פונם זכרון זיין פאַרגאַנגענעם לעבן און ווערן ווידער אַ קינד מיט אַ פריש געמיט, אויף וועלכעס עס לאָזט זיך אַלעס ניי פאַרפלאַנצן, אַזוי קען אויך אַ גאַנץ פאָלק נישט אָפּוואַשן פון זיין גייסט די היסטאָרישע דעראינערונגען וואָס זיין פאַרגאַנגענהייט האָט אים געלאָזט ירושה. די דעראינערונגען, וואָס לעבן אין אים זינט פילע, פילע יאָרהונדערטער, זיינען שטאַרקער פון אים . . .

אָבער וואָס וויל איך דערמיט זאָגן? איך ווייס, ליבער פריינט, אַז כאָטש איר זענט דער רעדאַקטאָר פון אַ זשאַרגאָן צייטונג, געהערט איר דאָך נישט צו יענע נאַאיווע זשאַרגאָן־שוואַרמער, וועלכע גלויבן, אַז ער, דער ליבער זשאַרגאָן, קען און דאַרף ווערן אונדזער ווירק־לעכע נאַציאָנאַלע שפּראַך, אום ערנסט אין אַזאַ „אידעע" גלויבן צו קענען, מוז מען זיין, ווי איר ווייסט, אַ גרויסער עם־הארץ, נישט האָבנדיק דעם קלענסטן באַגריף פון שטאַרקן היסטאָרישן בונד, וועלכער עקזיסטירט צווישן דעם יידישן פאָלקס־גייסט און דער העב־רעאישער שפּראַך. איך האָב איך דאָ נאָר געוואָלט דערויף אויפ־מערקזאַם מאַכן, אַז „דער יוד" פון א זשאַרגאָן צייטונג איז ניט „דער יוד" אין אַלגעמיין, די יידישע נאַציאָנאַליטעט. זשאַרגאָן איז דער ייד גאָרנישט מחויב צו פאַרשטיין, און ווען ער פאַרשטייט יאָ, איז ער נישט מחויב אים כבוד אָפּצוגעבן און לייענען וואָס מע שרייבט אין אים. די זשאַרגאָן ליטעראַטור קען, אַלזאָ, נישט האָבן קיין פּרע־טענזיעס אויף דער נאַציאָן בכלל, און אויך נישט אפילו אויף אַלע די יעניקע, וואָס זיינען אין דער קינדהייט דורך אים דערצויגן גע־וואָרן. איר ווייסט גלייך מיט מיר, אַז די מערסטע יידן, וואָס פאַר־שטייען העברעאיש אָדער אנדערע שפּראַכן, לייענען נישט גערן זשאַר־גאָן און זוכן זייערע גייסטעסנאַרונג ליבער אין העברעאיש אָדער אין יעדער אַנדער שפּראַך.

ווער אַלזאָ איז ער, „דער ייד" פון דעם זשאַרגאָן־ליטעראַטור? דער גאַנצע פּראָסטער עולם, וואָס פאַרשטייט נישט מער ווי זשאַרגאָן, וואָס האָט אַלזאָ קיין אַנדער מיטל נישט די וועלט און דאָס יודנטום צו לערנען?

יאָ, אַזוי האָב איך טאַקע ווירקלעך געמיינט, אַז דאָס איז „דער ייד" פאַר וועלכן איר האָט אייער צייטונג באַשטימט: דעם גאַנץ גע־מיינעם יידישן המון־עם, וואָס האָט אין דער יוגנט גאָרנישט געלערנט חוץ „דאַוונען" און זשאַרגאָן לייענען.

נאָר ווי איך זע פון אייערע ערשטע נומערן, האָב איך הפנים אַ טעות געהאַט. אייערע שרייבער, ווי עס שיינט, מיינען גאָרנישט מיט זייערע רייד דעם פּראָסטן יידישן עולם ביהילפיק צו זיין, אים געבן צו פאַרשטיין וואָס ער פאַרשטייט נישט. פיל מער באַשעפטיקן זיי זיך מיט „פּרעדיקן", זאָגן „מוסר" דעם עולם פאַר וואָס פילט ער נישט דאָס און יענעס; פאַר וואָס האָט ער נישט קיין הויכע אידעאַלן, פאַר וואָס זאָרגט ער נישט פאַר טובת־הכלל, דערציט ניט דעם נייעם דור ווי אונדז שטייט אָן. קורץ, מוסר און ווייטער גאָרניט.

און די אַלע שיינע פּרעדיגטן זאָלן געמיינט זיין פאַר יענעם

פראָסטן, אומגעבילדעטן זשארגאָן־יידן? גלויבן דען אייערע שרייבער, אַז זייער מאָדערנע פּרעדיגט פּאַסט פאַר אים בעסער און וועט אויף אים מער ווירקן ווי דעם מגיד׳ס דרשה וואָס ער הערט אין בית־מדרש? . . .

„מוסר" איז אַ „מאָנוואָרט": ער דערמאָנט די מענטשן אין זייערע פליכטן, וועלכע זיי קענען אויך אַליין, נאָר דער יצר־הרע איז גורם, אַז זיי פאַרגעסן זיך און טוען ניט וואָס זיי זיינען מחויב צו טאָן. מוסר קען דארום נאָר באַשטיין אויף אַ פונדאַמענט פון וויסן. מען מוז פריער דעם מענטשן אויפקלערן, אים די אויגן עפענען, ער זאָל פאַרשטיין וואָס דאָס לעבן איבערהויפּט איז; וואָס די פאַרהעלטענישן זיינען אין וועלכע ער לעבט, זייערע סבות און זייערע פאָלגן, און דעסטגלייכן. נאָר דעמאָלט ערשט קען ער אויך זיינע פליכטן פאַרשטיין, און וויבאַלד ער פאַרשטייט, קען מען אים שוין אויך מוסר זאָגן פאַרוואָס ער פאָלגט נישט דעם פאַרשטאַנד. אָבער אונדזער אָרימער, פאַריאָגטער המון־עם — פאַרגעסט ניט אַז מיר ריידן פון דעם גאַנץ פּראָסטן, אומדערצויגענעם זשאַרגאָן־יידן! — וואָס ווייסט ער פון וועלט, לעבן און יידישקייט? ווי קען ער פאַרשטיין וואָס איר פאָדערט פון אים, אַז עס פעלט אים די אייגנטלעכע גרונטלאַגע דערצו: די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פון קולטור בכלל און פון יידישער קולטור בפרט?

ובכן, ווען אייערע שרייבער וואָלטן ווירקלעך זיך געווענדעט צו דעם יידן, פאַר וועלכן אַ זשאַרגאָן צייטונג איז נוצלעך און נויטיק, וואָלטן זיי דאָך געדאַרפט גאַנץ אַנדערש מיט אים אומגיין; אנשטאט אים צו שטראָפן פאַר זיינע זינד, אין וועלכע ער איז באמת אַמווינציקסטן שולדיק, און אים פאַרשפּיגלען הויכע „אידעאַלן" ניט נאָך זיין פאַרשטאַנד — וואָלטן זיי גאָר אָנגעהויבן מיט אים פון אלף־בית: צו דערציילן אים פון אַלעס אין אַ געלאַסענער שפּראַך, זיך ניט געבייזערט וואָס אַ מענטש איז און וואָס אַ ייד איז; צו געבן אים אין אַ פאַרשטענדלעכער פאָרם אַ ריכטיקן באַגריף פון לעבן און געשיכטע איבערהויפּט, און באַזונדער פון יידישן לעבן און יידישער געשיכטע. און אויף דעם באַזונדערן יסוד וואָלט זיך שוין ביסלעכווייז אַלעס איבעריקע געלאָזט אויפבויען.

אָבער אַז זיי הויבן גאָר אָן גלייך פון דעם שפּיץ דאַך, מיינען זיי דאָך הפנים ניט אים, יענעם זשארגאָן יידן, וואָס שטייט נאָך טיף אונטן און איז נאָך גאָר ניט אימשטאַנד צו הערן און צו פאַרשטיין וואָס זיי דרש׳נען דאָרט פון אויבן אַראָפּ! און אַז ניט אים מיינט מען,

טאָ זאָגט זשע מיר, ליבער פריינט, וועד דען פאַרט איז „דער יידי״, וואָס איר מיינט אים נוצלעך צו זיין מיט אַ זשאַרגאָן צייטונג?

א־ד־ם.

אחד העם׳ס אַרטיקל האָט ארויסגערופן עטלעכע ענטפערס, ווי פון מתתיהו מיזעס, נח פרילוצקי און מ. ספעקטאָר*) (דער לעצטער טאָקע אין „יוד״). קאַפּלאַן, דער פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג „אחיאסף״ האָט צוגעשיקט דעם אַרטיקל (איידער ער איז געדרוקט געוואָרן) צו אחד העם׳ן און אים געבעטן אַריינמישן זיך אין דעם ענין. דערויף ענטפערט אים אחד העם (אדעס, 17 יולי 1899).

„אייער בריוו וועגן ספעקטאָרס אַרטיקל האָב איך געוויזן ראוור־ניצקין. מער האָב איך וועגן דעם גאָרנישט געקאָנט טאָן. ווארום נאָכדעם, ווי איך האָב געהערט, אַז עס איז אייך שוין באוואוסט ווער עס איז דער שרייבער פון אַרטיקל מיט דעם אונטערשריפט „א־ד־ם״, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז איך האָב זיך נישט געקענט אַריינמישן אין דער זאַך און ארויסזאָגן מיין מיינונג וועגן ארטיקל פון דעם ענטפער . . .״

אין אָקטאָבער 1899 פאָרט אחד העם אָפּ קיין ארץ־ישראל אַלס פאַרשטייער פון „אָדעסער חברת ישוב א״י״ (אָדעסער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט). אין דער לעצטער מינוט פאָרט ער נישט דירעקט, נאָר איבער פּאַריז, וואוהין ער ווערט אַרויסגערופן דורכן דירעקטאָר פון יק״א, ה׳ מעערסאָן, וואָס האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקערט פון ארץ־ישראל.

פאַר דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט אין אדעס גיט ער איבער דעם רעדאַקטאָר־אַמט איבערן „השלח״ דעם דר. שמעון בערנפעלד.

דערווייל האָט דער פאַרלאַג „אחיאסף״ אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דאָס העברעאישע וואָכנבלאַט „הדור״ אונטער פרישמאַנס רעדאַקציע, נישט אָנגעבנדיק זיין נאָמען. ווען אחד העם קומט צוריק, איז ער זייער אומצופרידן דערפון, ווייל ער האָלט פרישמאַנען נישט גענוג ערליך פאַרוואָס ער האָט גענומען אויף זיך אַזאַ אַמט.

אויף דעם פאַרלאַנג פון קאַפּלאַנען, האָט אחד העם צוגעשיקט אַ בריוול צום רעדאַקטאָר פון „הדור״, וואָס איז דאָרט אָפּגעדרוקט געוואָרן. דערויף האָט אים קאַפּלאַן געפרעגט פאַרוואָס ער האָט נישט געשריבן קיין בריוו צו דער „רעדאַקציע״ פון „הדור״, ווייל אויפן בלאַט שטייט נישט קיין נאָמען פון אַ רעדאַקטאָר.

---

*) אַלע ענטפערס ווערן געדרוקט אין די ביילאַגעס צום סוף פון בוך.

אחד העם ענטפערט דערויף: 1) פאַרשטייען אַלע, אַז אַ וואָכנ־בלאַט מוז האָבן אַ שטענדיקן רעדאַקטאָר; 2) איז עס גאָר נאַאיוו צו דענקען, אַז דאָס פּובליקום ווייסט נישט, אַז דער „הדור" האָט אַ רעדאַקטאָר און ווער ער איז. אַלע ליבהאָבער און סימפּאַטיקער פון העברעאיש אין אדעס ווייסן שוין, אַז פרישמאַן איז דער רעדאַקטאָר פון „הדור", און מסתמא איז דאָס זעלבע אין אַלע אַנדערע ערטער . . .

און דאָ קומט אחד העם אומגעריכט צו דער פראַגע פון יידיש:

„ . . . פאַרגעסט נישט, אַז דאָס העברעאישע פּובליקום איז נישט דאָס וואָס פון „יוד". די פּשוטע און נאַאיווע לייענער פון „יוד" וואָלטן זיך נישט געוואונדערט און נישט געפרעגט ווער עס איז דער רע־דאַקטאָר, וואָס מען דערמאָנט נישט זיין נאָמען, אָבער דאָס העברע־אישע פּובליקום וועט נישט רוען און זיך נישט באַרואיקן ביז עס וועט אַלץ וויסן, און דעריבער איז בעסער באַלד אין אָנהויב צו ריידן צו אים קלאָרע, דייטלעכע ווערטער, און נישט איבערלאָזן פּלאַץ פאַר פאַרשידענע „לעגענדעס" . . . ."

אַזוי ווי עס איז שוין אריבער אַ יאָר ווי אחד העם האָט גע־מאַכט זיין רייזע קיין ארץ־ישראל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל, פאַרוואָס ער פאַרעפנטלעכט נישט זיין באַריכט פון א"י. אחד העם האָט גע'טענה'ט, אַז אַזוי ווי ער איז אַ דעלעגאַט, דאַרף די חברה פאַרעפנטלעכן דעם פּראָטאָקאָל. ענדלעך האָט ער אָבער אָנגעהויבן אין „השלח" פאַרעפנטלעכן דעם ערשטן אַרטיקל, וועגן די שולן.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן אַ „קאָנקורענץ" צווישן „השלח" און „הדור", און טיילמאָל איז איינער אַרויס מיט קריטיק קעגן אַנדערן. קאַפּלאַנען פון „אחיאסף" איז דאָס נישט געפעלן, און ער האָט פאַרגעוואָרפן א"ה'ן אַז דאָס איז אַ קאָמעדיע. ענטפערט אים אחד העם (אָדעס 24 מערץ 1901), „ . . . וואָס איר באַטראַכט פאַר אַזאַ אויס־טערלישע זאַך, דאָס וואָס צוויי צייטשריפטן, וועלכע ווערן אַרויס־געגעבן דורך „אחיאסף", קריטיקירן זיך איינער דעם אַנדערן, זע איך אין דעם נישט קיין קאָמעדיע (ווי איר שרייבט), און אפילו נישט קיין טראַגעדיע. דער רעדאַקטאָר פון אַ צייטשריפט איז נישט קיין באַאַמטער אין אַ געשעפט, וואָס מוז פירן דאָס געשעפט לויטן ווילן און געשמאַק פון זיין בעל־הבית, און דעריבער, דאָרט וואו עס זיינען פאַראַן צוויי צייטשריפטן מיט צוויי רעדאַקטאָרן, זיינען פאַראַן צוויי „ווילנס" מיט צוויי „געשמאַקן", וועלכע קאָנען זיך טיילמאָל זיין קעגנ־זעצלעך, כאָטש זיי האָבן ביידע איין „בעל־הבית". אַט זעט, למשל, ברענגט קאַלוואַריס „חודש־שריפט" זייער אָפט שאַרפע קריטיק אויף ביכער וועלכע דער זעלבער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, און דער

פאַרלעגער האָט אין דעם נישט געזען קיין אויסטערלישקייט, כאָטש ער האָט דורכדעם אפילו געהאַט אַ געלט־פאַרלוסט. און אָט דערמאָן איך זיך, אַז אויך דער פאַרלעגער וועגן וועלכן מירריידן, דאָס הייסט „אחיאסף", האָט נישט געפונען קיין שום אויסטערלישקייט אין דעם וואָס איינער פון זיינע שרייבער האָט מיט אַ געוויסער צייט צוריק קריטיקירט אין „יוד" דעם „השלח", אַז ער איז „באַגרעניצט", און אַז ער האָט נישט קיין „ברייטע אנשויאונגען" איבער דער וועלט . . . איך געדענק נישט גענוי דעם טעקסט, אָבער איך געדענק, אַז איך האָב דאָס געלייענט מיט דער זעלבער רואיקייט ווי איך לייען שטענדיק אַזעלכע זאַכן, און עס איז מיר גאַרנישט איינגעפאַלן צו באַשולדיקן דעם רעדאקטאָר פאַרוואָס ער לאָזט אַרויסטרעטן קעגן אַ צייטשריפט, וואָס דערשיינט דורך זיין פאַרלעגער".

נאָך איינמאָל, אין איניקע יאָר אַרום, איז אויסגעקומען אחד העם'ן צו באַשעפטיקן זיך מיט דער פראגע פון אַ פעריאָדישער אויסגאבע אויף יידיש. דאָס איז געווען אין יאָר 1906. אַזוי ווי אחד העם האָט פאָראויסגעזען, אַז אמעריקע ווערט אַ גרויסער יידישער צענטער, האָט ער אויסגעארבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו דערהאלטן אין קאָנטאַקט די צוויי גרויסע יידישע קבוצים אין אמעריקע און איראָפּע, אַז זיי זאָלן זיך נישט פרעמד ווערן איינער דעם אַנדערן.

וועגן דעם פּלאַן שרייבט ער (אדעס 29 אַפּריל 1906) צו זיין פריינט א. לובארסקי אין נויאָרק און דאָ באַנוצט ער אויך צום ערשטן מאָל דעם אויסדרוק יידיש, נישט זשאַרגאָן.

ער שרייבט, אַז אַזוי ווי ער זעט פאַר די גרויסע ראָל וואָס די יידן אין אַמעריקע וועלן שפּילן, דערציבער זוכט ער אַ מיטל ווי אַזוי צו פאַראייניקן די ביידע יידנטומס, און ער קומט צום באַשלוס, אַז איינער פון די וועגן וואָס פירן דערצו איז אַ שותפות'דיקע צייטשריפט פאַר ביידע וועלטן, און ער לייגט פאָר, אַז די צייטשריפט זאָל האָבן צוויי אויסגאבן:

1) פאַר אמעריקע — אין ענגליש און „יידיש".

2) פאַר רוסלאַנד — אין העברעאיש און „יידיש".

דער טייל ידיעות וואָס איז הויפּטזעכלעך באַשטימט צום נוצן פון די אימיגראַנטן, וועלכע זיינען שוין געקומען קיין אמעריקע, אָדער האַלטן ביים קומען, זאָל זיין אין דער „יידישער" שפּראַך — די איינציקע שפּראַך וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַר דער דאָזיקער גאַנצער מאַסע (מיין קורסיוו). און די אַרטיקלען און די אַנדערע ליטעראַרישע ענינים זאָלן זיין אויף העברעאיש און ענגליש, און זאָלן איבערזעצט ווערן פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער אויף אַזאַ אַרט, אַז

זייער אינהאַלט זאָל זיין דערזעלבער איןביידע אויפלאַגעס.

באַלד קומט אָבער די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס פּראָקלאַמירט יידיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך, און אחד העם ענדערט דאָן זיין שטעלונג צו יידיש.

פון פּאַסיוויטעט גייט ער איבער צו קאַמף קעגן יידיש.

2

איידער מיר גייען איבער צו שילדערן די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אחד העם׳ס שטעלונג צו יידיש צוליב דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וועלן מיר איבערגעבן אייניקע זייטיקע ענינים, וועלכע אחד העם באַהאַנדלט אין זיינע בריוו אין שייכות מיט יידיש.

צווישן די העברעאישע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען יונג געשטאָרבן און דאָך האָבן זיי באַוויזן זיך צו דערוואָרבן אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט, פאַרנעמט איינעם פון די חשובסטע ערטער, מ. ז. פייערבערג (דער מחבר פון „לאָן״, וואָס איז אויך פאַראַן אין אַ יידישער איבערזעצונג „וואוהין״). אחד העם האָט אָנערקענט זיין טאַלאַנט, און האָט געדרוקט זיין שרייבן אין „השלח״, הגם ער האָט אים זייער פיל מאָל אָנגעוויזן סתירות אין זיינע ווערק, און פלעגט די סתירות פאַרגלעטן דורך ענדערונגען וואָס ער האָט אַריינגעפירט אין טעקסט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פייערבערג האָט פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט נישט געקאָנט לעבן, און אַזוי ווי ער איז געווען עלנט, האָבן זיינע חברים זיך געווענדט צו אחד העם׳ען מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל פאַרשאַפן עפּעס אַ געוויסע אַרבעט פאַר פייערבערגן פון וואָס ער זאָל קאָנען האָבן פרנסה.

אויף דער ביטע, ענטפערט אחד העם (חמשה עשר באב, תרנ״ח), אַז אין בעסטן פאַל וואָלט פייערבערג געקאָנט האָבן פרנסה בדוחק ווען ער וואָלט געווען אַ לערער, אָבער דאָס איז אויך נאָר מעגלעך אויב ער קאָן לערנען העברעאיש מיט דער לאַנד־שפּראַך (ד״ה רוסיש), ווארום דאָ (ד״ה אין אָדעס) נויטיקט מען זיך נישט אין זשאַרגאָן, און דער גרעסטער טייל קינדער קענען אים נישט.

אחד העם האָט אין יענער צייט (פון 1902 אָן) מיט דער גאַנצער ענערגיע און איבערגעבנקייט זיך אָפּגעגעבן צום „השלח״. יעדע שורה וואָס האָט געדאַרפט אַריינקומען אין „השלח״ איז דורך אים אָן אַ שיעור מאָל איבערגעזיפּט געוואָרן. ער פלעגט ניט שאָנעווען קיין שום שרייבער. יעדן פלעגט ער פאַרריכטן און אויסבעסערן, אַז עס

זאָל שטימען מיט דער ריכטונג פון „השלח״. אָבער אויסער מיט דער ליטעראַרישער זייט, האָט זיך אחד העם אויך זייער פיל אָפּגע־געבן מיט דער געשעפטלעכער זייט פון „השלח״, ווארום זייער אָפט איז די פראַגע פון עקזיסטענץ געשטעלט געוואָרן אויפן שאַרף מעסער.

מיר געפינען וועגן דער דאָזיקער פראַגע זייער פיל בריוו צום פאַרלאַג „אחיאסף״ מיט פאַרשידענע פּראָיעקטן, ווייל אחד העם האָט שטארק געוואָלט דערהאַלטן דעם „השלח״ ביים לעבן. אין די דאָ־זיקע אַלע בריוו און אויך אין די בריוו צו די מיטארבעטער פון „השלח״ איז נישטאָ קיין איין וואָרט וועגן יידיש.

אָבער אין דערזעלבער צייט (אלול תרס״ב) איז אין מינסק פאַר־געקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די רוסישע ציוניסטן, און אחד העם האָט דאָ געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער קולטור־פראַגע. אין דאָזיקן רעפעראַט האָט ער שטארק באַרירט די פראגע וועגן יידיש.

דעם רעפעראַט האָט אחד העם אין אַ יאָר ארום אין אַ געשלי־פענער פאָרם, אָפּגעדרוקט אין „השלח״ (באנד 10, העפט 5־6, חשון־כסלו תרס״ז) און דערנאָך אים אַריינגענומען אין צווייטן באַנד פון „על פרשת דרכים״.

מיר וועלן פון דאָזיקן אַרטיקל וואָס הייסט „תחית הרוח״ נאָר אַרויסנעמען די שטעלן אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן יידיש (ז״ז 126־128).

די אויפלעבונג פון גייסט

. . . אָבער דאָ בין איך געקומען צו אַ נייער פראַגע, וועלכע איז צום ערשטן מאָל דערוועקט געוואָרן אין אונדזער צייט: די פראַגע פון „זשארגאָן״. אונדזערע עלטערן און אור־עלטערן פון דורות פריער, כאָטש זיי האָבן שטענדיק גערעדט אין די שפּראַכן פון די לענדער אין וועלכע זיי זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן, האָבן געוואוסט און אנ־ערקענט אַן שום נאָכטראַכטעניש, אַז ס׳איז פאַראַן נאָר איין נאַצי־אָנאַלע שפּראַך — העברעאיש.

אפילו אַט דער יידיש־דייטשער זשארגאָן, וואָס איז שוין הונ־דערטער יאָרן איינגעוואוינט אין די מיילער פון די יידן אין די צפון־לענדער, האָט ביי זיי קיינמאָל נישט געהאַט קיין גרעסערע באַדייטונג לגבי די אַנדערע גלות־שפּראַכן, און מען האָט זיך מיט אים נישט באַנוצט צו ליטעראַרישע צוועקן, נאָר ווען מען איז געווען געצוואונ־גען דערצו, אַזוי ווי מיט אַנדערע שפּראַכן, פאַרן פּראָסטן פאָלק, וואָס פאַרשטייט נישט קיין העברעאיש.

היינט אָבער זיינען ביי אונדז געקומען מענטשן, וואָס ווילן דער־הויבן דעם דאָזיקן זשאַרגאָן צו דער מדרגה פון דערווירקלעכקייט און זאָגן, אַז נאָכדעם ווי דער גרעסטער טייל פון אונדזער פאָלק האָט זיך אין פאַרלויף פון דורות צוגעקליבן אַ נייע שפּראַך, וועלכע איז נאָר זייערע, און פרעמדע האָבן אין איר נישט קיין חלק, דאַרפן מיר זיך צופּאַסן צו דער „ווירקלעכקייט" אַזוי ווי זי איז, און מיט געוואַלד מודה זיין, אַז די דאָזיקע שפּראַך איז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך אין דער קעגנוואַרט, און נישט העברעאיש, וועלכע מ׳רעדט שוין נישט טויזנטער יאָרן, און אפילו אַלס ליטעראַרישע שפּראַך קענען זי היינט אויך ווייניק מענטשן. און פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט וועגן דער נאַציאָנאַל שפּראַך אַנטשטייט אויך אַ נייע אַנשויאונג וועגן דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור: אויב אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך איז דער זשאַרגאָן, איז דאָך אונדזער נאַציאָנאַלע ליטעראַטור די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, און זי „מוזן" מיר ליבן און ערן, און איר „מוזן" מיר ווידמען אונדזערע בעסטע כוחות כדי זי צו אַנטוויקלען, פאַרברייטערן און מאַכן זי פּאַסיק פאַרן דאָזיקן נאָמען, און מען דאַרף מער נישט פאַרלירן צייט און קרעפטן אומזיסט פאַר דער העברעאישער ליטע־ראַטור, וואָס איר צייט איז שוין אוועק און איר גאַנצע עקזיסטענץ איז נישט מער ווי אַ געקינסטלטע.

אמת, אַז דאָ איז נישט דאָס אָרט צו באַלייכטן גאַנץ גענוי די דאָזיקע פראַגע, אָבער בכלל ווייזט זיך מיר אויס, אַז די וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט דער דאָזיקער אַנשויאונג, וואָס שטיצן זייערע טענות אויף דער „ווירקלעכקייט", זיי טאַקע פאַרמאַכן זייערע אויגן פאַר דער ווירקלעכקייט, און ווילן שאַפן אַ געקינסטלטן צושטאַנד אויף אַ וואַקלענדיקן יסוד.

ערשטנס, זאָגט די היסטאָרישע „ווירקלעכקייט", אַז עס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז אַ פאָלק זאָל באַטראַכטן אַלס זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך אַ פרעמדע שפּראַך, וואָס האָט זיך צו אים צוגע־קלעפּט אין אַ פרעמד לאַנד, נאָכדעם ווי עס זיינען אַריבער לאַנגע היסטאָרישע פּעריאָדן, וואָס דאָס פאָלק האָט די דאָזיקע שפּראַך נישט געקענט, און נאָכדעם ווי עס האָט געשאַפן אַ גרויסע וויכטיקע ליטע־ראַטור אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם גאַנצן אומ־פאַנג זיין נאַציאָנאַלער גייסט אין אַן אַנדערער שפּראַך, וועלכע עס האָט ביז היינט באַטראַכט אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך. פּונקט אַזוי ווי דער פּריוואַטער מאַן קאָן נישט האַלטן פאַר זיין אייגענע באַטיר־לעכע שפּראַך די שפּראַך וועלכע ער האָט געלערנט ווען ער איז שוין דערוואַקסן, נאָר די אין וועלכער מען האָט אים געזונגען וויג־

לידער, די שפּראַך וועלכע האָט זיך איינגעוואָרצלט אין זיין נשמה נאָך איידער ער איז געווען באַוואוסטזיניק, און זי האָט זיך אין אים אַנטוויקלט צוזאַמען מיט זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין, פּונקט אַזוי האָט אַ פּאָלק נישט קיין אַנדערע נאַציאָנאַל־שפּראַך ווי נאָר די, וועלכע האָט זיך געפונען מיט אים ווען דאָס פּאָלק איז נאָך געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער היסטאָריע, איידער עס האָט זיך אין דער גאַנצער קראַפט אַנטוויקלט זיין נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, און די שפּראַך האָט אים באַגלייט אויפן וועג פון אַלע עפּאָכן, וואָס עס איז דורכגעגאַנגען אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס פּאָלק געדענקט זיך נישט אין קיין שום צייט אָן דער דזשיקער שפּראַך.

צווייטנס, אויך די קעגנווערטיקע „ווירקלעכקייט" ווייזט, אַז דער דזשיקער זשאַרגאָן, כאָטש ער איז נאָך היינט די שפּראַך פון גרעסטן טייל יידן, האַלט אין פאַרגעסן ווערן אין דער גאַנצער וועלט און נאָך אין אייניקע דורות וועט ער אינגאַנצן פאַרשווינדן. אין אַמעריקע, וואו דער זשאַרגאָן און זיין ליטעראַטור „וואַקסט" איצט באַזונדערס, איז ער נישט מער ווי די שפּראַך פון די „עלטערן", וואָס זיינען אויפגע־וואַקסן אין איראָפּע, און זיינען געקומען קיין אַמעריקע שוין מיט דער דזשיקער שפּראַך זייערער. אָבער זייערע קינדער וואָס ווערן געבוירן און אויפגעצויגן אין די אַמעריקאַנישע שולן ריידן ענגליש, און זיי קענען שוין מער ניט קיין זשאַרגאָן. ווען נישט די אימיגראַציע, וואָס ברענגט דאָרט אַריין יעדעס יאָר נייע מאַסן, וועלכע ריידן זשאַר־גאָן, וואָלט שוין נישט געווען קיין זכר צו דער דזשיקער שפּראַך אין דעם נייעם לאַנד. אָבער די עמיגראַציע קיין אַמעריקע וועט דאָך מוזן מיט דער צייט קלענער ווערן און צוזאַמען דערמיט וועלן פון יאָר צו יאָר אויך קלענער ווערן די קענער פון זשאַרגאָן, ביז זיי וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן.

אויך אין די געבורט־לענדער פון זשאַרגאָן, אין רוסלאַנד, גאַ־ליציע און רומעניע, פאַרשווינדט דער זשאַרגאָן פון די מאַסן אין דער זעלבער מאָס, וואָס די ציוויליזאַציע דרינגט אַריין צווישן די דזשיקע פּאָלקס־מאַסן אונדזערע אַזוי, אַז אויך היינט געפינען זיך שוין אין די דזשיקע לענדער טויזנטער פאַמיליעס ביי וועלכע דער זשאַרגאָן איז אינגאַנצן פאַרטריבן געוואָרן, און זיי ברענגען אים נישט איבער זייערע ליפּן.

עס איז אַלזאָ נישטאָ קיין ספק, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן און די דזשיקע שפּראַך וועט אויפהערן צו זיין אַ לעבעדיקע, און מען וועט אויף איר נישט ריידן און די גאַנצע מי פון אירע באַשיצער זי באַליבט צו מאַכן ביים פּאָלק דורך שיינער ליטעראַטור וועט נישט

העלפן צו פאַרהאַלטן דעם פּראָצעס, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך די לעבנס־באַדינגונגען פונקט ווי עס האָט נישט געהאָלפן די העב־רעאישע ליטעראַטור, וועלכע איז זיכער שטענדיק געווען באַליבט ביי אונדזער פאָלק, צו באַשיצן די העברעאישע שפּראַך, אַז מען זאָל זי ריידן ווען די לעבנס־באַדינגונגען האָבן געצוואונגען זי אויסצוטוישן אויף אַנדערע שפּראַכן.

דער איינציקער רעזולטאַט וואָס קאָן אַרויסקומען פון דער גאַנ־צער אַרבעט, וועלכע באַצוועקט צו דערהויבן די זשאַרגאָנישע ליטע־ראַטור, איז נאָר דאָס וואָס נאָך צוויי־דריי דורות וועלן מיר האָבן צוויי טויטע ליטעראַטור־שפּראַכן אַנשטאַט דעם וואָס איצט האָבן מיר איינע און אונדזערע קינדער נאָך אונדז וועלן צוליב „נאַציאָנאַליזם״ „מוזן״ לערנעןביידע פון בוך אַרויס.

איך בין אָבער זיכער, אַז מיר וועלן נישט צוקומען צו אַזאַ אויסטערלישער לאַגע. דער זשאַרגאָן ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן מיט וועלכע אונדזער פאָלק האָט זיך באַנוצט אין פאַרשידענע צייטן איז נישט געווען און וועט קיינמאָל נישט זיין ביים פאָלק ווי נאָר אַן אויסערלעך צייטווייליק מיטל צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן און אויך איר ליטעראַטור וועט דעריבער נישט עקזיסטירן נאָר אַזוי לאַנג ווי די שפּראַך אַליין וועט לעבן. באַלד אָבער נאָכדעם ווי דער זשאַרגאָן וועט אויפהערן צו עקזיסטירן אַלס שפּראַך אין וועלכער מ׳רעדט, וועט ער פאַרגעסן ווערן פון פאָלק צוזאַמען מיט זיין לי־טעראַטור, און עס וועט זיך דעמאָלט נישט געפינען קיינער ביי אונדז וואָס וועט פאָדערן אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן געפיל, אַז מען זאָל לערנען די דאָזיקע שפּראַך אַזוי ווי די בעסטע פון אונדזער פאָלק אין אַלע צייטן האָבן געפאָדערט, אַז מ׳זאָל לערנען די העברעאישע שפּראַך.

די דאָקטוירים זאָגן, אַז אין אַפאַזיע ((שפּראַך־פאַרגעסנהייט) קראַנקהייט פּאַסירט פיל מאָל, אַז דער קראַנקער פאַרגעסט אַלע שפּראַכן, וועלכע ער האָט געלערנט טעאָרעטיש און אפילו די, וועלכע ער האָט באַנוצט איידער זיין קראַנקהייט, אָבער ער געדענקט דעמאָלט און באַנוצט זיך זייער לייכט מיט זיין נאַטירלעכער שפּראַך: זיין מוטער־שפּראַך, כאָטש ער האָט זיך מיט איר שוין נישט באַנוצט פון זיין קינדהייט אָן. אָט דאָס איז די קראַפט פון דעם נאַטירלעכן בונד און דעם אָרגאַנישן צווישן דעם מענטש און זיין אייגענער שפּראַך! און אַזאַ בונד וועלן מיר אויך געפינען צווישן פאָלק און זיין ריכטיקער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

אונדזער ביטערער שיקזאַל האָט טאַקע פון אונדזער מויל פאַר־

שניטן אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך און האָט אונדז געצוואונגען זי צו פאַרבייטן מיט פאַרשידענע שפּראַכן, אָבער איר אָרט אין דער טיפעניש פון אונדזער גייסט האָט נישט גע׳ירש׳נט און וועט נישט ירש׳ענען קיין שום אַנדערע שפּראַך.

אַלע שפּראַכן און דערונטער אויך דער זשאַרגאָן וואַרצלען זיך ביי אונדז אין דורך די צייטווייליקע פאַרבייגייענדע לעבנס־באַדער־פעניש און ווערן פון אונדז פאַרגעסן דעמאָלט ווען דאָס לעבן ענ־דערט זיך און מיר נויטיקן זיך מער נישט אין זיי.*) אָבער דער אינערלעכער אייביקער באַנד צווישן אַ פאָלק און זיין שפּראַך — אים געפינען מיר ביי אונדזער פאָלק נאָר אין זיין באַציאונג צו זיין שפּראַך, וועלכע עקזיסטירט אין אַלע דורות זייט יידן זייגען געוואָרן אַ פאָלק — דאָס איז די העברעאישע שפּראַך. דעריבער קאָנען מיר באַשליסן, אַז נאָר די דאָזיקע שפּראַך איז געווען, איז און וועט שטענ־דיק זיין אונדזער נאַציאָנאַל שפּראַך, און נאָר די ליטעראַטור, וואָס איז געשריבן אין דער דאָזיקער שפּראַך, נאָר זי איז אונדזער שטענ־דיקע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור.

מיר קאָנען זיך טאַקע באַנוצן מיט יעדע אַנדערע שפּראַך, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַר אונדזערע מאַסן כדי צו פאַרשפּרייטן אין איר פאַרשידענע מיינונגען און ידיעות, און געוויס ברענגט דאָס אַ צייטווייליקן פּראַקטישן נוצן, וואָס קיינער קאָן נישט אָפּלייקענען, אָבער פון אַ צייטווייליקן נוצן ביז דער מדרגה פון אַן אייביקער נאַ־ציאָנאַלער ליטעראַטור, איז דער מרחק אַזוי ווייט, אַז מען דאַרף זיך פּשוט וואונדערן אויף פאַרשטענדיקע מענטשן ווי אַזוי עס האָבן זיך ביי זיי אין מוח אַזוי צונויפגעמישט באַגריפן. און אויב איך האָב נישט קיין טעות, פילן עס די בעסערע זשאַרגאָנישע שרייבער אַליין, אַז יידן וועלן פאַרגעסן די דאָזיקע שפּראַך צוזאַמען מיט איר ליטע־ראַטור, און נאָר די העברעאישע ליטעראַטור וועט ביי אונדז לעבן אייביק, און דעריבער באַמיען זיי זיך אַריבערצוטראָגן זייערע בעסטע שאַפונגען אין אוצר פון אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור דורך אי־בערזעצונגען אויף העברעאיש, כדי עס זאָל בלייבן פון זיי אַן אָנדענק אין דער צוקונפט״.

— — —

דערווייל איז געשען אחד העם׳ס באַרימטער אַרויסטריט קעגן הערצלס „אַלט־ניי־לאַנד״. עס איז דעמאָלט געוואָרן אַ שרעקלעכער

---

*) זע וועגן דעם ביאַליקס אַרטיקל וועגן דער ראָל פון יידיש.

טומל אין דער נאַציאָנאַל־יידישער וועלט. נאָרדוי איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן ענטפער קעגן אחד העם׳ן. עס איז געוואָרן אַ רעש אין אַלע פּעריאָדישע אויסגאבן. די ציוניסטן האָבן אָרגאַניזירט פּראָטעסט־פארזאמלונגען און מיטגעפיל־דעפּעשן. אָבער אויך אחד העם האָט געהאַט זיינע אָנהענגער, און ער אליין האָט אויך ניט געשוויגן.

בינו לבינו האָט אחד העם פארלאָזט דעם „השלח" (די רעדאַק־ציע איז אריבער צו זיין מיטארבעטער, דר. יוסף קלויזנער) און ער האָט, אַ דאנק דער ארבעט פון זיין פריינט לובארסקי, באַקומען אַ פּאָסטן ביי וויסאָצקין.

דערביי איז געשען אַ פאַל, וואָס האָט אחד העם׳ן זייער פיל עגמת נפש פארשאפט. די אמעריקאנער פיליע פון וויסאָצקיס טיי־פירמע האָט אויסגענוצט פאַר רעקלאַמע־צוועקן, וואָס אחד העם איז גע־וואָרן אַן אָנגעשטעלטער פון דער פירמע. פון דער רעקלאַמע האָט געשמעקט אַ ביליקער ריח, און ווען אחד העם וואָלט געהאַט אַ ברירה, וואָלט ער זיכער דעמאָלט אַוועק פון פּאָסטן.

סיי ווי סיי האָט עס אויסגעזען, אַז איצט וועט אחד העם האָבן מער צייט צו שרייבן, און פון פארשידענע זייטן האָט מען זיך צו אים געווענדט מיט פאָרשלאָגן אַז ער זאָל צושיקן ארטיקלען.

איין פאָרשלאג אזא איז געקומען פון דעמאָלט באַקאַנטן העברע־אישן פּעליעטאָניסט א. ל. לעווינסקי.

דאָס איז געווען נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם, און א געוויסע העב־רעאישער פארלעגער האָט אויסגעארבעט א פּלאַן פון ארויסגעבן אַ ליטערארישן זאמלבוך אויף יידיש (5) וואָס די הכנסה זאָל גיין פאַר די געליטענע.

אחד העם האָט זיך דעמאָלט, צוליב די געשעפטן פון דער פירמע, געפונען אין טיפליס, און פון דאָרט ענטפערט ער (31 מאי, 1903) לעווינסקין:

„און איצט וועל איך ענטפערן אויף אייער פראגע וועגן זאַמל־בוך. איך בין אפילו מסכים צו דער מיינונג פון אונדזערע חברים, אַז אין אַ כלל־זאַך איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פריוואטע חשבונות, און איר קאָנט זיך באַטייליקן אין אזא זאמלבוך אָן שום נאָכקלער. איך אָבער פון מיין זייט בין נישט צופרידן פון דער גאנצער זאַך, ווייל דאָס אומגליק איז, לויט מיין מיינונג, נישט קיין געוויינלעך

5) דאָס זאַמלבוך איז דערשינען אונטערן נאָמען „הילף", אַרויסגע־געבן פון פאַרלאַג „תושיה", וואַרשע.

אומגליק, וועלכעס מ׳קאָן אויסהיילן דורך אזעלכע געוויינלעכע מיט־לען. זאָגט וואָס איר ווילט, נאָר איך פיל אין דעם עפּעס ווי אָ „ספּעקטאַקל״ פאר די אומגליקלעכע, און ווען איך וואָלט זיך נישט צוריקגעהאַלטן, וואָלט איך נאָך געזאָגט, אז דאָס נאָכיאָגן זיך נאָך רעקלאמע מיט וואָס עס צייכענען זיך אויס אַלע מעשים פון דאָזיקן פאַרלעגער, לאָזט זיך אויך דאָ אָנזען, און אזא זאך קומט ביי מיר אויס ווי אָ חלול הקודש, אזוי ווייט, אז ווען אפילו איך וואָלט גע־שריבן זשארגאָן, וואָלט איך פאר קיין פאל זיך ניט געקאָנט באַ־טייליקן מיט אונדזערע חברים אין דער מיטארבעט פון דאָזיקן זאַמל־בוך. דאָס איז מיין מיינונג, און איר טוט ווי אזוי איר פארשטייט״.

דערווייל איז פאָרגעקומען דער בארימטער זעקסטער ציוניסטי־שער קאָנגרעס, דער אזוי־גערופענער אוגאַנדע־קאנגרעס, אויף וועלכן אוסישקין האָט געשטימט קעגן אוגאנדע און דר. הערצל פאָר.

אחד העם, וואָס איז נאָך פריער געווען הערצלס א קעגנער, האָט איצט נאָך מער פארשטארקט זיין קעגנערשאַפט צו אים און ער האָט מיט אַן אומגעהויערן אינטערעס געלייענט וואָס די פרעסע שרייבט וועגן דאָזיקן קאָנגרעס און זיינע רעזולטאַטן.

פון אַ בריוו וואָס אחד העם שרייבט (אדעס 15 פעב. 1904) צו הרב מזא״ה אין מאָסקווע, דערוויסן מיר זיך, אַז ער לייענט שטאַרק די יידישע פרעסע.

„אין אַזאַ טומל־צייט — שרייבט ער — רוסלאנד און יאפּאן פון איין זייט, און הערצל און אוסישקין פון דער אנדערער זייט, קאָן דאָך אָ מענטש ניט לעבן, אַז ער זאָל נישט לייענען קיין פרעסע, און צו מיין אומגליק גיבן מיר נאָך אונדזערע רעדאַקטאָרן אָפּ כבוד און שיקן מיר זייערע צייטונגען. איך באַקום, אלזאָ, כמעט אַלע העברעאישע און זשארגאָנישע צייטונגען און אויך צייטונגען אין אַנ־דערע שפּראַכן און זיי רויבן ביי מיר צו דעם גרעסטן טייל פון מיין פרייער צייט״.

אחד העם איז בכלל דעמאָלט ווייך געשטימט צו יידיש. ער איז אפילו מסכים, ווי ס׳איז צו זען פון אַ בריוו (אדעס 22 יאנואר 1905) צו מרדכי בן הלל הכהן אין האָמעל, אַז מען זאָל לערנען תורה אויף יידיש.

עס איז דעמאָלט געווען דער ברען־פּעריאָד פון „עברית בעברית״, און מרדכי בן הלל הכהן פרעגט אים אָן זיין מיינונג וועגן דער דאָ־זיקער מעטאָדע, אויף וואָס אחד העם ענטפערט:

„עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז מען דערוועקט די שפּראַך אָמ־

לייכטסטן און „אַמלעבעדיקסטן״ דורכן סיסטעם פון עברית בעברית. אָבער די שפּראַך אַן און פאַר זיך איז דאָך ניט גענוגנד פון די שולן אין וועלכע די קינדער לערנען נאָר דריי אָדער פיר יאָר, און דער־נאָך גייען זיי אין דער גאַס אריין. עס איז נויטיק, אַז מען זאָל פון דער שול אַרויסטראָגן לכל הפּחות אַ גענוגנדע קענטעניש אין תורה און נביאים ראשונים און תהילים, און אויב מען וועט דאָס נישט דערגרייכן, וועלן זיי דורך דער צייט אויך פאַרגעסן די שפּראַך און וועלן בלייבן פולשטענדיקע עם־הארצים. דעריבער איז, לויט מיין מיינונג, בעסער אָנצוהויבן מיט געשפּרעכן „עברית בעברית״, אָבער באַלד ווי די קינדער דערוועררבן זיך אַביסל די שפּראַך אויף אַזויפיל, אַז זיי קאָנען פאַרשטיין א לייכטן פּסוק, זאָלן זיי באַלד אָנהויבן לערנען תורה, און עס איז נישט קיין אומגליק אויב זיי וועלן ביים לערנען תורה טיילמאָל זיך באַנוצן, אויב מען קען אַנדערש נישט, מיט דער הילף פון אַן אַנדערער שפּראַך (זשארגאָן אָדער רוסיש). אזוי איז מיין מיינונג. אָבער, פאַרשטייט זיך, אז מיין מיינונג איז נישט דעצידירנד אין אַזעלכע פראגן צו וועלכע מ׳דאַרף האָבן שול־פּראַקטיק וואָס איך האָב נישט״.

עס איז אָבער געגוג, אַז בן־עמי, וואָס פלעגט שרייבן זיינע דער־ציילונגען אין יידיש אָדער רוסיש, זאָל אָנשרייבן אַ העברעאישן בריוו צו אחד העם׳ן, אַז ער זאָל זיך ווידער דערמאָנען אין זיין קעגנער־שאַפט צו יידיש, אַלץ צוליב דער פראגע וועגן תכלית, און אַזוי שרייבט ער (אדעס 10 מאי 1906) צו בן־עמי׳ן:

„אייער העברעאישער בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן שוין אַ וואָך צייט, האָט מיר פיל פאַרגעניגן פאַרשאַפט. ווען איך וואָלט נישט אליין געזען, וואָלט איך נישט געגלויבט, אַז איר קאָנט שרייבן העברעאיש אין אַזאַ שיינעם סטיל און כמעט אָן פעלער. איצט וועל איך אייך נישט אָפּלאָזן ביז איר וועט פּרובירן אויך אָנשרייבן עפּעס אַ ליטעראַרישע זאַך אויף העברעאיש. עס איז שוין צייט, אז איר זאָלט אריין אין בונד פון אונדזער אלטער מוטער, זאָלן זיך לייטן זאָגן וואָס זיי ווילן, זאָלן די יונגעלייט שרייען: „זשארגאָן! זשארגאָן!״, אָבער די היסטאָרישע דערפאַרונג לערנט אונדז, אַז נאָר דאָס, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויף העברעאיש, איז געבליבן אויף דורות, און אַלץ אַנדערע איז פאַרשוואונדן אין די ביכער־לאַגערס און פאַרגעסן געוואָרן פון הארצן״.

אין 1908 איז פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ די באַרימטע קאָנפע־רענץ אויף וועלכער די יידישע שפּראַך איז פּראָקלאמירט געוואָרן אַלס אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך פון יידישן פאָלק. די טאָן־געבער פון דער

קאָנפערענץ זיינען געווען פרץ, אַש, נאָמבערג און דר. נתן בירנבוים.

דער דאָזיקער באַשלוס האָט אחד העם'ן פארוואנדלט אין אַ קעמפער קעגן יידיש. ער האָט דאָס אָפן דערקלערט זיינע פריינט, און זיין שטעלונג צו יידיש איז זינט דעמאָלט איבערגעגאנגען פון אַ דעפענסיווע אין אַן אָפענסיווע.

אין אָנהויב רעדט ער נאָך רואיק וועגן דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין זיינע בריוו צו ראווניצקין און לעווינסקין, כאָטש שוין אין די דאָזיקע בריוו רופט ער אַן די טשערנאָוויצער קאָנפע־רענץ — אַ פורים־שפיל, אָבער באַלד אַנטוויקלט זיך אַ גרויסע בריוו־דיסקוסיע צווישן אחד העם'ן און ש. דובנאָוון וועגן די רעכט פון יידיש אויף אַ נאַציאָנאַלער שפראַך.

דאָ האָבן זיך צונויפגעטראָפן צוויי ריזן פון צוויי לאַגערן: אחד העם — דער גייסטיקער ציוניסט, וואָס זעט די רעטונג פון דעם יידישן פאָלק נאָר אין ארץ־ישראל מיט העברעאיש אַלס די איינציקע נאַציאָנאַלע שפראַך, און ש. דובנאָוו — דער אויטאָנאָמיסט, וועלכער גלויבט, אַז יידן דארפן און קאָנען עקזיסטירן אין די לענדער אין וועלכע זיי וואוינען, און די נאַציאָנאַלע שפראַך אין די דאָזיקע לענ־דער איז יידיש.

אָבער דער דאָזיקער בריוו־ווּעקסל האָט אחד העם'ן נאָך נישט באַפרידיקט, און ער איז ארויס אין „השלח" מיט אַן עקסטרא ארטיקל וועגן דער פראַגע.

וועגן דעם ענין שרייבט ער צו ראווניצקין פון דער שווייץ (סט. מארקארעט ביי, 9 אָקטאָבער 1908):

„אייער בשורה וועגן רבי מענדעליס העברעאיש בוך איז מיר זייער אנגענעם. דרך־אגב, וואָס זאָגט אונדזער אלטיטשקער וועגן באשלוס פון די טשערנאוויצער חכמים?

איך פרעג אייך נישט וואָס איר זאָגט, ווארום איך האָב אויף אייך רחמנות, און איך זע פון דער ווייטנס, אַז איר זענט רויט גע־וואָרן ווען איר האָט איבערגעלייענט די עטלעכע ווערטער. אָבער נאָכדעם ווי איר האָט זיך איינגעשטעלט, און האָט געשריבן אייער בריוו צו מיר אין העברעאיש, און נישט אין „אונדזער נאַציאָנאַלער שפראַך", איז עס אַ גוטער סימן, אַז די שרעק פון שלום אַשן האָט אייך נישט איבערגעשראָקן. שטאַרקט און מוטיקט אייך, טייערער, דער טייוול איז נאָך נישט אַזוי שרעקלעך.

און ביאַליקן זאָגט, אַז נאָכן באַשלוס פון טשערנאָוויץ, וויל איך האָפן, אַז ער, ביאַליק, האָט שוין געזאָגט „דאָס לעצטע

וואָרט״ (6) אין אונדזער „נאַציאָנאַלער״ שפּראַך . . .״

פיל שאַרפער איז אחד העם אין זיין בריוו (5 נאָוועמבער (1908) צום באַקאַנטן העברעאישן שריפטשטעלער א. ל. לעווינסקי, וואָס האָט געשריבן די פעליעטאָנען אין „השלח״:

„און איר — שרייבט אחד העם — ווי עס איז צו זען פון אייער בריוו, האָט אויך נישט קיין רו; די פאַרזאַמלונג אין טשערנאָוויץ האָט צוגערויבט אייער רו: ווען די סבה פון אייער אויפרעגונג וואָלט געווען אַ וויכטיקע זאַך, וואָלט איך אייך מקנא געווען, און איך וואָלט גע־טראַכט: „וואויל איז דיר, עקיבא, וואָס מען האָט דיך געכאַפּט צוליב תורה זאָגן, און ווי איז דיר, פּאַפּוס, וואָס מען האָט דיך געכאַפּט צו־ליב נאַרישקייטן״. אָבער די פאַרזאַמלונג אין טשערנאָוויץ, זיינען דען פאַראַן נאָך ערגערע נאַרישערע זאַכן ווי דאָס? אונדזער פריינט קלויזנער איז גענויגט צו „מרה שחורה״. אין דער צייט פון דער „רעוואָלוציע״ האָט אים אויסגעדוכט, אַז די וועלט גייט אונטער, און מיר האָבן מער נישט אויף וואָס צו האָפן. איצט, ווען זי איז אויך שוין אַריבער, און די וועלט איז ווייטער וועלט, זעט ער אַ געפאַר אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ פון עמי־הארצים (וועלכע גייען נאָך דער מערהייט), און די העברעאישע שפּראַך גייט אונטער. ערן־וואָרט, אַז דער טייוול איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, און הלואי אַז אונדזער שפּראַך זאָל אויפן וועג פון איר אויפלעבונג נישט באַגע־גענען קיין געפערלעכערע פיינט ווי דער אומגליקלעכער זשאַרגאָן, וואָס היינט איז ער אין טשערנאָוויץ, און מאָרגן (מאָרגן, פאַרשטייט זיך, נאָך אַ געוויסער צייט) אין קבר.

אונדזער געשיכטע ווייסט פון צוויי „רעוואָלוציעס״ פון עמי־הארצים, און בײדע וואָלטן זיך אפשר אַזוי נישט איינגעגעבן ווען מען וואָלט נישט געטומלט מיט זיי איבער דער וועלט. אָבער יענע זיינען דאָך כאָטש אַרויס מיט וויכטיקע מאָראַלישע אידעען, און אין זייער שפּיץ זיינען געשטאַנען יעזוס קריסטוס און דער בעל שם טוב, אָבער די דאָזיקע, וואָס איר פאַן איז אַ דייטשער זשאַרגאָן, און איר פאַן־טרעגער ש. א.*) . . . גייט צוריק אין אייער רו אַריין, ברידער! עס וועט אייך קיין שום שלעכטס נישט געשען. „קלויזנער דרענגט אייך אויף — שרייבט איר מיר — צו שיטן שוועבל און זאַלץ״. בנוגע דעם „זאַלץ״ בין איך נישט קעגן, אייער „זאַלץ״ האָט אַן אייגנשאַפט,

---

6) ביאַליק האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אויף יידיש זיין באַרימטן שיר „דאָס לעצטע וואָרט״.

*) שלום אַש.

אַז ער גרייט צו דעם גומען פון פובליקום צו דערפילן דעם נויטיקן „טעם״ פון אַ זאַך. אָבער „שוועבל״ — זאָל איך גאָט אָפּהיטן! אויך אַן דעם האָט עס נישט קיין באַזונדערס אנגענעמען ריח . . .

און זייט מיר מוחל וואָס איך בין אריין אין אייער גרעניץ און איך האָב אויף אייער פראַגע געענטפערט מיט הומאָר. איר האָט זיך זיכער וועגן דעם נישט געווענדט צו מיר, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך קען נישט ריידן ערנסט וועגן אַזאַ „פורים־שפּיל״ . . .״

נאָכן דאָזיקן בריוו הויבט זיך אָן די קאָרעספּאָנדענץ מיט ש. דובנאָוון אין פּעטערבורג. דאָ ווערט שוין די פראַגע באהאַנדלט אידעאָלאָגיש, אָבער דערביי קאָן אחד העם נישט איינהאַלטן זיין כעס, און באַלד אין ערשטן בריוו דריקט ער זיך אויס, אַז ער איז מותר אויף יידישקייט אויב זי דריקט זיך בלויז אויס אין דער יידישער שפּראַך.

דער בריוו איז אַן ענטפער אויף דובנאָוס אַ בריוו, און אין אים (27 סעפּטעמבער 1909 פון גרינוואַלד) ווערט געזאָגט:

„ . . . איר זענט גערעכט ווען איר זאָגט, אַז „די פראַגע פון זשאַרגאָן וועט שטיין ווי א וואַנט צווישן אונדז״. די דאָזיקע פראַגע ווערט די „שבלת״ פון „יודנטום״ אין אַ געוויסן זין. און איך וועל פון אייך נישט פאַרהוילן, אַז איך זע אין נצחון פון זשאַרגאָן די שטאַרקסטע געפאַר פאַר אונדזער יידישקייט. אויב די עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק איז ווירקלעך אָפּהענגיק אין דאָזיקן נצחון, דעמאָלט — זייט מיר מוחל פאַר מיין שאַרפן אויסדרוק — בין איך גרייט מותר צו זיין אויף דער דאָזיקער עקזיסטענץ. אויב נאָך אַ געשיכטע פון טויזנטער יאָרן זאָל אונדזער פאָלק אָנהויבן צו אַנטוויקלען זיין קולטור פון „אָנהויב״ אָן, זאָל זיך שאַפן א נייע ליטעראַרישע שפּראַך מיט „קולטורעלע ליטעראַרישע ווערטן״ וואָס זאָל זיין אַ נאָכאמונג, אַ שאָטן פון אַ שאָטן, פון פרעמדע קולטורן, אזוי ווי עס טוען די ליטווינער, די רוטענער א. ד. ג. — זע איך נישט קיין שום מאָטיוו און קיין שום נויטווענדיקייט אין אַזאַ נידעריקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

איך לייען טיילמאָל דעם „פריינד״, און איך פיל ווי אַ גייסטיקע וואַנט שטעלט זיך אוועק צווישן זייער און אונדזער יידישקייט, און שיידט אונדז אָפּ ביז צום גרונט.

איר האָט געוויס געלייענט די בריוו און די דרשות וועגן אונדזער רב מענדעליס רייזע, און האָט איר נישט דערביי געפילט דעם טיפן אַנטאַגאָניזם צווישן די צוויי מינים „יודנטומס״, וואָס קעמפן איינס מיטן אַנדערן, פאַרלויפיק אַ פאַרבאָרגענע, פאַרביטערטע מלחמה, וואָס ווערט, נישט ווילנדיק, אָפן? איך האָב זיך נישט געקאָנט באַ־

פרייען פון דעם געפּיל, אַז עס קומען צוריק די מלחמה־צייטן פון דער עפּאָכע פון די ערשטע קריסטן, ווען די עמי־הארצים האָבן רע־וואַלטירט קעגן דער יידישקייט פון די תלמידי־חכמים . . .

בקצור, פריינט מיינער, מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען אויפן שלאַכטפעלד אין דער דאָזיקער מלחמה, און איך האָב נאָך נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז איר וועט זיך צוריקציען ווען איר וועט אריינטראַכטן אין דער זאַך, אויף וויפל דער שאָדן אין דער העברע־אישער שפּראַך איז גרעסער ווי דער פאַרדינסט . . .״

אַן ענלעכע מיינונג, נאָך אַביסל שאַרפער, זאָגט א״ה אַרויס אין א בריוו, וואָס ער שרייבט אין דער צייט (לאָנדאָן 10 אָקטאָבער 1909) צו זיין נאָענטן פריינט ראַוויניצקי, וועלכן ער האַלט פאַר אַ פאַרביסענעם יידישיסט:

„דער העברעאישער קאָנגרעס האָט נאָך דערווייל נישט דער־גרייכט די מדרגה פון טעכניקום. (7) אויף דער זיצונג פון „צוגריי־טונגס קאָמיטעט״, אין וועלכן איך האָב זיך אויך באַטייליקט, זיינען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז פאַר קיין פאַל אוממעגלעך צונויפצורופן דעם קאָנגרעס צום באַשטימטן טערמין (דעצעמבער), אויסער אויב מיר ווילן פאַרשאַפן נחת־רוח די „יידן״, וואָס ריידן „יידיש״ (איר זעט ווי איך האָב זיך געדרייט כדי נישט אַרויסצו־ברענגען פון מיין מויל אַזאַ מיאוס וואָרט ווי „זשאַרגאָן״, אַלץ צו־ליב אייער כבוד), וועלכע זאָלן קאָנען טייטלען מיט די פינגער, ווי פאַרשעמט „העברעאיש״ זעט נעבעך אויס.

. . . צי לייענט איר זשיטלאָווסקיס „נייע לעבן״? לעצטנס האָב איך באַקומען צוגעשיקט צוויי העפטן פון אויגוסט, און מיט באַדויערן האָב איך געזען, אַז דאָס „זשאַרגאָנישע יידנטום״ דערנענטערט זיך וואָס אַמאָל מער צו דעם וועג, וואו עס איז פאַראַן אַן אָפּגרונט צווישן אים און אונדזער יידישקייט. נאָך אַביסל, און דער „צלם״ וועט אויך דאָרט נישט פעלן. דאָס אַלץ איז נישט געווען שווער פאָראויסצוזען. אַ יידנטום, וואָס ווערט אָפּגעריסן פון דעם היסטאָרישן וואָרצל, קאָן נישט ביישטיין קעגן דעם שטראָם פון דרויסן. אָבער „איר״ האָט

---

7) דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דיסקוסיע וועגן דער פראַגע וועלכע זאָל זיין די אונטעררריכטס־שפּראַך פון טעכניקום, וואָס „עזרה״ (דער דייטשער יידישער הילפס פעראיין) האָט געוואָלט עפע־נען אין חיפה. די ציוניסטן האָבן פאַרלאַנגט העברעאיש, און די עזרה־לייט — דייטש.

דאָס נישט געוואָלט זען, און ווער ווייסט אויב איר פאַרמאַכט נישט אויך איצט די אויגן דאָס צו זען".

עס גייען אוועק אייניקע חדשים, דובנאָוו האָט אָפּגעענטפערט אחד העם'ען, און ער ענטפערט אים ווידער צוריק (לאָנדאָן 24 פעברואַר 1910):

„און לויט אייער סיסטעם וואָלט איך אויך געדאַרפט פרעגן: פאַרוואָס גיט איר נישט אַרויס אייער בלאַט [עס האַנדלט זיך וועגן „יעוור. סטאַרינאַ"] אין זשאַרגאָן? אָבער איך בין זיכער, אַז עס כאַפּט אײַן אַליין אָן א געלעכטער פאַרן דאָזיקן אויסטערלישן געדאַנק. — דרך אגב, האָב איך די טעג געשריבן א קליינעם אַרטיקל מיטן נאָמען „דער שפּראַכן קאַמף" און כ'האָב אים געשיקט אין „השלח". פון נאָמען פאַרשטייט איר דאָך שוין זיין אינהאַלט.

ווי איך האָב אייך שוין געשריבן דעם פאַריקן זומער, האָב איך געהאַט בדעה צו שרייבן וועגן דער זשאַרגאָן פראַגע צוזאַמען מיט אַן ענטפער אויף אייער ענטפער וועגן דער אויטאָנאָמיע־פראַגע. נאָר אין די לעצטע חדשים איז פון איין זייט פאַרשאַרפט געוואָרן די זשאַרגאָן פראַגע, און זי איז געוואָרן אַ „טאָג־פראַגע", און, פון דער אַנדערער זייט, איז די אויטאָנאָמיע־פראַגע כמעט ווי אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג, און מען פאַרנעמט זיך איצט נישט מיט איר. דעריבער האָב איך פּאַרלויפיק געשריבן א באַזונדערן אַרטיקל וועגן דער זשאַרגאָן פראַגע. און אונדזער „קריג" (8) האָב איך איבערגעלאָזט אויף אַן אַנדערער צייט. פון דאָזיקן אַרטיקל וועט איר זען, אַז איר האַלט מיך אומזיסט אַלס קעגנער פון זשאַרגאָן. איך באַטראַכט אים, איינפאַך, פאַר דאָס וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געהאַט אין אַלע דורות: אַ שפּראַך מיט וועלכע זיי פלעגן זיך באַנוצן צו די לעבנס־באַדערפענישן און אויך צו די גייסטיקע באַדערפענישן פון פּראָסטן פאָלק, אָבער א שפּראַך, וואָס איז אונדז פרעמד. איך האָב נישט פיינט דעם זשאַרגאָן, און איך האָב אים נישט ליב, נאָר איך באַצי זיך צו אים אַזוי ווי איך באַצי זיך, צום ביישפּיל, צום „לאַדינאָ" פון די ספרדים, אָדער צו יעדער אַנדערער שפּראַך אין וועלכער יידן אין וועלכן עס איז לאַנד ריידן אָדער האָבן גערעדט זינט מיר האָבן אויפגעהערט צו ריידן אונדזער שפּראַך.

און איך האָף, אַז איצט, נאָכדעם ווי איר האָט פאַרלאָזט די אַרענע פון פּאַרטיי דיספּוטן, און איר זונדערט זיך אָפּ אין די ד' אמות פון וויסנשאַפט, וועט איר זיך ווידער אַריינטראַכטן אין דער

8) וועגן דער פראַגע פון פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

זאַך, און איר וועט פאַר זיך אליין מודה זיין, אַז פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפונקט, איז עס אוממעגלעך, אַז דער זשאַרגאָן זאָל באַליבט ווערן ביי אונדזער פאָלק אלס „נאַציאָנאַלע שפּראַך״, און ווען אפילו מיר וואָלטן אַלע מודה געווען אין דער נוצלעכקייט פון דער זאַך און זיך וועגן דעם באַמיט, וואָלטן מיר גאָרנישט אויפגעטאָן. דער נאַציאָ־נאַלער „אינסטינקט״ זאָגט שוין אונטער דעם פאָלק וואָס איז זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך און וואָס עס איז נאָר אַ „סוראָגאַט״.

אחד העם פּרוּווט אפילו טענה׳ן, אַז ער איז נישט קיין קעגנער פון יידיש, אָבער זיין אַרטיקל (וואָס איז אגב טאַקע אַ גרויסער, נישט אַ קליינער, ווי ער שרייבט), זאָגט גראָד דעם היפּוך. ער קעמפט מיט אַלע מיטלען קעגן דער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון יידיש.

דער אַרטיקל איז צוערשט געווען געדרוקט אין „השלח״ (2 העפט פון 22טן באַנד, אדר תר״ע), און איז דערנאָך אַריין אין 4טן באַנד פון „על פרשת דרכים״ (ז״ז 116־123).

דער שפּראַכן־קאַמף

„ווען אונדזערע עלטערן האָבן אין דער צייט פון בית שני דער־פילט, אַז דער „באָדן״ וואַקלט זיך אונטער די פיס, האָבן זיי באַגרע־ניצט דאָס „נאַציאָנאַלע פאַרמעגן״, אַז עס זאָל נישט פאַרלוירן גיין צוזאַמען מיטן פאַרלוסט פון נאַציאָנאַלן לאַנד. די באַגרענעצונג איז באַשטאַנען אין: די רעליגיע און די ליטעראַטור, און אין גרונט פון זיי ביידע — די שפּראַך. דאָס איז געווען דער נאַציאָנאַלער „דריי־בונד״, וואָס האָט פון דעמאָלט אָן פאַרבונדן און פאַראייניקט אַלע טיילן פון צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק, און פאַר אַלע ווייטערדיקע דורות.

די דריי נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן זיינען אין אָנהויב געווען „פאַר־בונדן מיטן באָדן״, אָבער כדי מ׳זאָל זיי קאָנען איבערפירן פון אָרט צו אָרט, האָט מען געמוזט מאַכן געוויסע קאָמפּראָמיסן. די רעליגיע האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון בית־המקדש און פון אַלע מצוות, וואָס זיינען אָפּהענגיק פון ארץ־ישראל (מצוות התלויות בארץ), די לי־טעראַטור — פון לעבעדיקער פּאָעזיע, וועלכע שפּייזט זיך פון „ריח פון די פעלדער״ פון פאָטערלאַנד, און די שפּראַך — פון דעם באַנוצן זיך מיט איר צום ריידן; אַ זאַך, וואָס קאָן נישט עקסיסטירן אין אַ פרעמדער אַטמאָספערע אויף אַ פרעמדן באָדן.

ווען דער בית־המקדש האָט נאָך עקסיסטירט, און די יידן זיינען נאָך געווען אויף זייער באָדן, האָט זיך שוין אָנגעהויבן די צוגרייטונג

אין וועג אריין. דער רעליגיעזער צענטער איז אריבער פון בית־המקדש אין די בתי־מדרשים. „שיר השירים“ און „רות“ האָבן אָפּ־געטראָטן זייער פּלאַץ פאר די זאמלער פון הלכה און אגדה, און די העברעאישע שפּראַך האָט זיך וואָס אמאָל מער דערווייטערט פון לעבנס־מאַרק און איז וואָס אמאָל מער געוואָרן אַ „ביכער־שפּראַך“.

עס איז, אלזאָ, אין די ווייטערדיקע דורות נישט דערוועקט גע־וואָרן די פראגע אויב מיר זיינען א פאָלק אָדער נישט. ערשט די מאָדערנע צייט האָט דערוועקט די דאָזיקע פראגע, און אין די מערב־לענדער האָט מען זיך געוואָלט ראטעווען דערמיט, וואָס מען האָט געוואָלט דערקלערן, אז באמת עקסיסטירט דאָס יידישע פאָלק מער נישט, נאָר דאָך האָט מען געוואָלט פאַרטזעצן די עקסיסטענץ דורך דערקלערן זיך אלס „רעליגיעזע געמיינדע“. צו דעם צוועק האָט מען געמוזט באזייטיקן דעם אלטן כאראקטער פון דער רעליגיע, אז מען זאָל נישט אָנזען אירע נאציאָנאלע זייטן, און מען האָט געמוזט איבער־לאָזן די נאציאָנאלע שפּראַך און איר ליטעראטור פאר „אלטערטום־פאָרשער“. די רעזולטאטן זיינען באוואוסט אלס נישט געלונגענע.

שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אויך דער קריזיס אין די מזרח־לענדער. מ'האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מיטלען, און דאָ האָבן זיך צעטיילט די מיינונגען. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איינציקע מיטל איז פארשטארקן די רעליגיע. די רעליגיע האָט אויפגעהאלטן אונדזער נאציאָנאלע עקסיסטענץ ביז היינט, און זי וועט עס אויך ווייטער טאָן אויב מען וועט נאָר אָפּגעבן אלע כוחות אויף צו דערציען דאָס פאָלק אין רעליגיעזן גייסט. אנדערע זאָגן אָבער, אז רעליגיע איז אָפּהענ־גיק פון גלויבן, און גלויבן ווידער איז אָפּהענגיק אין גייסט פון דער צייט, און דאָס ליגט נישט אין אונדזערע הענט, דעריבער איז בעסער אָפּצוגעבן אלע כוחות אויף צו אנטוויקלען די שפּראַך און די ליטע־ראטור, די נאציאָנאלע עלעמענטן, וועלכע האָבן צוזאמען מיט דער רעליגיע אויפגעהאלטן די עקסיסטענץ פון פאָלק, און איצט ווען די רעליגיע איז שוואַך, דארף מען די דאָזיקע צוויי עלעמענטן פאַר־שטארקן, און זיי וועלן פאַרפולן דאָס וואָס עס פעלט דורך דער רע־ליגיע. קומען ווידער אנדערע און זאָגן: וואָס וועט העלפן די גאנצע מי, אז די שפּראַך לעבט נישט מער און קאָן מער נישט לעבן אין מויל פון פאָלק אין די גלות־לענדער, און זי וועט, אלזאָ, צוליב דעם בלייבן שטענדיק צוזאמען מיט דער ליטעראטור נאָר דאָס אייגנטום פון „אַן אויסדערוויילטער מינדערהייט“. און וואָס וועט זיין מיט דער מער־הייט? מען מוז, אלזאָ, ראטעווען אונדזער עקסיסטענץ נאָר דורך

צוריקקערן אונדזער „נאַציאָנאַלן פאַרמעגן" צו זיין שורש, און אים נאָך אמאָל „פאַרבינדן מיטן באָדן".

און אין דער צייט ווען די אַלע גרופּן — וואָס ביי יעדער איינער פון זיי זיינען אינעווייניק אויך פאַראַן מיינונגס־פאַרשידנהייטן — פירן צווישן זיך דיסקוסיעס, איז אין „גאַס" אויפגעשטאַנען אַ נייע גרופּע, וואָס לייזט די פראַגע פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אויף אַ וואונדערבאַר פּשוטן און לייכטן וועג.

נאַראָנים! — זאָגט די דאָזיקע גרופּע — צו וואָס גיט איר אָפּ אייערע כוחות אויף גאָרנישט, דער אויף דאָס און דער אויף יענעס, און איר קניט אונטער דער שווערער לאַסט פון דעם „פּעקל ירושה", וואָס האָט מער נישט קיין קראַפט אונדז צו ראַטעווען? די רעליגיע האָט 613 מצוות, די שפּראַך און די ליטעראַטור דאַרף מען לערנען, און קיין ארץ־ישראל איז דער וועג ווייט.

און צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ? מיר קאָנען עקזיסטירן אַלס באַזונדערע נאַציע, אפילו אָן דער הילף פון דעם אַלטן נאַציאָנאַלן לעבן, און מיר דאַרפן נאָר אַרויסרייסן פון אונדזער האַרץ „די אַריס־טאָקראַטישע שטאָלצקייט" פון אַ פאָלק מיט אַן אַלטער קולטור, און מיר דאַרפן זיך פאַרשטעלן, אַז אונדזער פאָלק איז פּלוצלונג מיט 410 יאָר צוריק אַרויסגעוואַקסן פון פּוילן און ליטע מיט דער יידיש־דייטשער שפּראַך. מוז דען אַ פאָלק דווקא ברענגען אַ יחוס־בריוו פון דער עגיפּטישער פּיראַמידן־עפּאָכע?

אַלזאָ, אַט אַזוי האָט איר, אָן איבעריקער מי, אַ נייעם באַזיס פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ: אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך! אַ שפּראַך, וואָס לעבט נישט אין ביכער, נאָר אין מויל פון פאָלק. און אויב מיר זאָלן אַלע אונדזערע כוחות איר שענקען, זי ליטערן, אַנטוויקלען און פאַרגרעסערן איר ליטעראַריש פאַרמעגן — וועלן מיר אין פאַר־לויף פון דער צייט קומען דערצו, אַז מיר וועלן שאַפן אין איר אַ נייעם, באַגייטן „נאַציאָנאַלן קרן", וואָס וועט אונדז דערנערן אין גייסט און אין כבוד, אנשטאָט די פאַרטריקנטע ביינער, וועלכע עס האָבן אונדז איבערגעלאָזט ירושה די „העברעער" און דערפון זאָל מען לעבן ביזן סוף פון אַלע דורות.

פּשוט און קלאָר! נאָר איין קליינער טעות האָט זיך אַריינגע־מישט אין דאָזיקן אָנגענעמען חלום, און מאַכט פון אים אַ תל. „אַ נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך" הייסט ניט אַ שפּראַך אין וועלכער עס ריידן די מיטגלידער פון דער נאַציע. די דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, איטאַ־ליענער — יעדע איינע פון די דאָזיקע פעלקער, וואָס טראָגן די פאָן פון דער מענטשלעכער קולטור אין אונדזער צייט — צעטיילן זיך

אין ריידן אין איניקע שפּראַכן, וואָס זיינען טיילמאָל אַזוי ווייט פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, אַז דער המון, וואָס האָט די שפּראַך נישט געלערנט דורך לערער און ביכער, וועט זי אינגאַנצן נישט פאַרשטיין. כדי אַ שפּראַך זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז נישט גענוג וואָס זי איז די „מוטער־שפּראַך", נאָר זי דאַרף אויך אַנטהאַלטן אין זיך דעם גאַנצן גייסטיקן אוצר פון פאָלק פון אַלע דורות.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט די האָלענדישע שפּראַך באַקומען דאָס רעכט צו הייסן אַ זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע שפּראַך, כאָטש זי איז זייער ענלעך צו דער דייטשער שפּראַך, ווייל אויסער דעם וואָס מען באַנוצט זיך מיט איר צום ריידן, אַנטהאַלט זי אויך דעם גייסטיקן אוצר פון דעם פאָלק וואָס רעדט אין איר. אין דער זעלבער צייט עקזיסטירן אין דייטשלאַנד אין פיל ערטער דיאַלעקטן, וואָס שיידן זיך אָפּ פון דער דייטשער שפּראַך נישט ווייניקער ווי די האָלענדישע, פונדעסטוועגן וועלן די דייטשן, וואָס רעדן אַזאַ דיאַלעקט, זי נישט רעכענען פאַר זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך, וועלכע זיי האָבן געלערנט אין דער שול, יענע שפּראַך, וואָס אַנטהאַלט די נאַציאָנאַלע אידעאַלן, און וואָס דורך איר זיינען זיי געוואָרן דאָס באַזיץ פון פאָלק פאַר אַלע צייטן.

און אויב עס איז אַזוי ביי די פעלקער, וואָס זינט זיי זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיק און באַקומען אַ נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, האָבן זיי ניט געענדערט זייער שפּראַך, און די שפּראַך, וועלכע איז איצט ביי אַלעמען אין די מיילער, איז ווירקלעך זייערע פון ערשטן טאָג ביז היינט — טאָ וואָס זאָלן מיר נאָך זאָגן?

מיר האָבן אין פולן זינען פון וואָרט אַ „נאַציאָנאַלע שפּראַך". דאָס זיינען אַלע מודה. די פראַגע איז אַלזאָ אויב זי עקזיסטירט נאָך היינט אויך, אָדער זי איז אונטערגעגאַנגען. זאָגן מיר, אַז זי עקזיסטירט מער ניט. אויב אַזוי, בלייבט אונדז אויסצורופן מיט אַ פאַרוויטאָקט האַרץ: „געשטאָרבן איז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך! עס האָט אַ סוף גענומען צו דעם גייסטיקן אוצר פון וועלכן אונדזער נאַציאָנאַליזם האָט זיך געשפּייזט און מיר האָבן נישט קיין ערזאַץ!" אָבער ווען אַלע יידן זאָלן אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיך אויפהייבן און אויסשרייען מיט אַ דונערדיקער שטימע: געשטאָרבן די נאַציאָנאַל שפּראַך! — לעבן זאָל די נאַציאָנאַל שפּראַך!" — איז זייער שרייען גאָרנישט ווערט. „מ'קרוינט" נישט קיין שפּראַך דורך אַ „פּראָקלאַמאַציע". אַ נאַציאָנאַל שפּראַך אַנשטייט פון זיך אַליין, דורך דער אַרבעט פון אַלע דורות, וואָס זי אַנטהאַלט אין זיך. און ווי זי שטאַרבט, שטאַרבט מיט איר אָפּ דער גייסט פון פאָלק, און מען קאָן זיך דאָ

גאַרנישט העלפן. אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן קאָן מען נישט איינ־פירן „אַ צווייטן זיווג".

און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז נישט אומזיסט איז אויפגעהויבן געוואָרן די פאָן פון „זשאַרגאָנישן נאַציאָנאַליזם" גראָד איצט, אין דער צייט ווען טאַקע דער זשאַרגאָן אַליין הויבט אָן פאַרגעסן צו ווערן. אויך די „רעליגיעזע געמיינדע" אין מערב איז אנשטאַנען נאָר דאַן ווען די רעליגיע גופא האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען. די דאָזיקע צוויי דערשיינונגען האָבן איין סבה. אַ זאַך, וואָס איז נאָענט פאַר די אויגן, באַהערשט זי נישט די פאַנטאַזיע צו ענדערן. ווען די זאַך ווערט אָבער דערווייטערט, און עס זעען זיך מער נישט אַלע אירע ניואַנסן, קאָן מען מיט דער פאַנטאַזיע באַצירן זי מיט דעם וואָס זי באַזיצט נישט. אַזוי לאַנג ווי די יידן זיינען ווירקלעך געווען איבער־געגעבן צו זייער רעליגיע, און זי האָט געהערשט אין זייער גאַנצן לעבנס־שטייגער, האָבן זיי איר ווירקלעכע אייגנשאַפט געפילט פון דער נאָענט, דירעקט, און עס האָט זיי נישט געקאַנט איינפאַלן אַזאַ זאַך, אַז מען קאָן די יידישע רעליגיע אָפטיילן פון יידישן נאַציאָנאַ־ליזם. ווען איז דאָס אָבער יאָ געשען? ווען די רעליגיע האָט אויפגעהערט אַריינצודרינגען אין די טיפעניש פון דעם מערב־אייראָפּעאישן יידס לעבן, און ער האָט נישט געהאַט מער ווי אַן „אויבערשטע וועלט", וואָס איז ווייט פון געוויינלעכן לעבן — דעמאָלט איז אויך פאַרשוואונדן דער אינערלעכער געפיל צו דעם ווירקלעכן מהות פון דער רעליגיע, און עס איז שוין נישט שווער געווען זי צו זען פון דער ווייטנס אין אַזאַ כאַראַקטער, וועלכן זי האָט גאָר קיינמאָל נישט געהאַט.

דאָס זעלבע איז מיט זשאַרגאָן. אַזוי לאַנג ווי ער איז ווירקלעך געווען די שפּראַך אין וועלכער עס האָבן גערעדט אַלע יידן אין מזרח־אייראָפּע, סיי די עלטערן, סיי די קינדער, און ער איז געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט זייער שטענדיק לעבן, האָט ביי קיינעם אין מוח נישט געקאָנט געבוירן ווערן אַזאַ געדאַנק, אַז דער זשאַרגאָן איז „אונדזער נאַציאָנאַל שפּראַך", ווייל צוזאַמען מיטן זשאַרגאָן האָט אויך גע־לעבט אין גייסט פון פאָלק דאָס באַוואוסטזיין פון זיין ווירקלעכער באַ־דייטונג. אַלע האָבן אים געקענט, געוואוסט פון דער נאָענט וועלכע עס איז אונדזער נאַציאָנאַל שפּראַך, וואָס מיט איר איז פאַרבונדן די נשמה פון פאָלק מיט געפילן פון ליבע און כבוד און נאַציאָנאַלן שטאָלץ. אין די טאָג־טעגלעכע געשעפטן, אין דער שטוב און אין מאַרק פלעגט מען זיך באַנוצן מיט דער „געבאַרגטער" שפּראַך, אָבער זייער מוח און האַרץ, זייערע טרערן און קרעכצן, אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק צו שטעלן אַן אָנדענק און עס איבערצולאָזן פאַר די קו־

מענדיקע דורות, דאָס אַלץ האָט מען אריינגעטראָגן אין אוצר פון דער איינציקער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

אפילו די ווייבער און דאָס פּראָסטע פאָלק, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו קענען די נאַציאָנאַלע שפּראַך, און פאַר זיי האָט מען מחבר געווען די תחינות און ביכער צום לייענען אויף דער גערעד־טער שפּראַך, אפילו זיי האָבן געוואוסט, אַז זייער שפּראַך איז נישט די נאַציאָנאַלע שפּראַך, און זיי האָבן דערפילט זייער פליכט פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, וועלכע זיי האָבן נישט געקענט, דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות, אַז זייערע קינדער זאָלן זי קע־נען, און די אנדערע שפּראַך, וועלכע זיי האָבן געקענט, האָבן זיי גע־רעכנט נאָר ווי אַ זאַך מיט וועלכער מ׳באַנוצט זיך צו געוויסע צוועקן, און זיי האָבן אין זייער האַרץ ניט געפילט קיין באַזונדערע ליבע צו איר (די זשאַרגאָנישע פאָלקס־לידער וועלכע גינצבורג און מאַרעק האָבן געזאַמלט און ארויסגעגעבן, וואָס זיינען לידער, וואָס האָבן אין זיך נישט קיין שאָטן פון פּאָעזיע, אָדער געדאַנק נאָר בלויז פלוידע־רייען, זיינען דער בעסטער באַוויז, אַז דאָס פאָלק אין אלגעמיין האָט גאָרנישט געטראַכט ווירקלעך אויסצוגיסן אין דער שפּראַך זיין האַרץ און זי מאַכן פאַר אן אָפּשפּיגלונג פון זיין אינערלעכן גייסט).

נאָר איצט, ווען די לעבנס באַדינגונגען האָבן אָנגעהויבן אַרויס־צורייסן דעם זשאַרגאָן פון פאָלקס־מויל, און אין פיל יידישע הייזער (באַזונדערס אין די הייזער וואָס פון זיי גייט אַרויס די זשאַרגאָנישע תורה . . .) הערט מען שוין נישט דעם קול פון זשאַרגאָן, און דער יונגער דור באַמיט זיך אפילו אים נישט צו פאַרשטיין, איצט ווען דער זשאַרגאָן אַליין געזעגנט זיך אָפּ מיטן לעבן, ווערט אויך פאַר־טונקלט דאָס לעבעדיקע געפיל פאַר דעם אָרט, וואָס ער פאַרנעמט און פאַר דער באַדייטונג, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין האַרץ פון פאָלק, און דעריבער קאָן מען אים איצט באַטראַכטן דורך אַ „ראָ־מאַנטישן״ שפּאַקטיוו און אים צובינדן קרוינען וועלכע עקסיסטירן גאָרנישט, פונקט ווי ער וואָלט באמת געווען באַליבט און אָנגעזען ביים פאָלק אַזוי ווי עס איז טאקע מיט אַ „נאַציאָנאַל שפּראַך״, און ווען עס ווייזט זיך אמאָל ארויס די ווירקלעכע באַציאונג פון „פאָלק״, אין ווערמענס נאָמען מען רעדט, צו זיין שפּראַך — דעמאָלט דרייט מען איבער די אָרדענונג, און מען ווענדט זיך צו אים, צום פאָלק, מיט מוסר פאַרוואָס ער ליבט נישט די נאַציאָנאַלע שפּראַך.*)

---

*) אחד העם פאַררופט זיך אויפן אַרטיקל „וואו איז דער ווילן פון פאָלק?״ געדרוקט אין „פריינד״ נומער 23, 1910 (ז.ז.)

און איך מוז מודה זיין, אַז די גאַנצע „פּראַגע״ וועגן דער „נאַ־ציאָנאַלער שפּראַך״, וועלכע רופט אין דער לעצטער צייט אַרויס „לעב־האַפטע דיסקוסיעס״ אין דער פּרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען, געפין איך אַלס זייער פּאַסיק פאַר אַ שיינעם פעליעטאָן. די זאָגן: דאָס איז זי און די זאָגן: ניין, דאָס איז זי, און דאָ קומען די „רודפי שלום״ און מאַכן אַ פּשרה: זאָלן ביידע שפּראַכן צוזאַמען זיין די „נאַציאָנאַלע״ און לאָמיר זיך נישט אַרומקריגן! . . . עפּנט, זייט מוחל, די געשיכ־טע־ביכער פון אַלע פעלקער און שפּראַכן און זוכט גוט נאָך אויב איר וועט געפינען אַזאַ ענלעכע דערשיינונג.

(איך געדענק, אַז כ׳האָב אַמאָל געלייענט אין אַ צייטונג אַ „באַ־וויז״, אַז אַ פאָלק קאָן האָבן צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, אַז אָט האָט דאָס שווייצאַרישע פאָלק דריי נאַציאָנאַלע שפּראַכן! און איך ווייס נישט, אויב דער, וואָס ברענגט דעם „באַוויז״, האָט געוואָלט חוזק מאַכן פון זיינע לייענער, אָדער ער האָט ווירקלעך פאַרגעסן, אַז דאָס שווייצאַרישע פאָלק באַשטייט פון דריי קאַנטאָנען, וועלכע שטאַמען פון דריי פאַרשידענע פעלקער, און יעדער קאַנטאָן באַנוצט זיך נאָר מיט דער שפּראַך פון זיין פאָלק).

עס איז אָבער פאַראַן איין שטעל אין דער זאַך, וואָס פאַרטרייבט יעדן שמייכל אויף אונדזערע ליפּן, און דאָס איז די שרעק, וואָס די „זשאַרגאָנישע באַוועגונג״ האָט אָנגעוואָרפן אויף די „העברעער״, פּונקט אַזוי ווי אין דער טיפּעניש פון זייער האַרץ גלויבן זיי אויך אין דער מעגלעכקייט, אַז דער זשאַרגאָן וועט דערגרייכן די מדרגה פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, און זיי שרעקן זיך ווירקלעך טאָמער וועט „די דינסט ירשענען די בעל־הביתטע״.

די דאָזיקע פאַלשע שרעק, וואָס בלויז דאָס וואָס עס איז פאַראַן אַזעלכע, איז שוין אַ שלעכטער סימן פאַר אונדז, ברענגט אויך צו טרויעריקע זאַכן, און זי רופט אַרויס אַ צעטומלעניש אין אונדזער וועלט.

איז דען, צום ביישפּיל, פאַראַן אַ ווילדערע זאַך ווי דאָס, אַז אויף יידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע מ׳רעדט אַלער־ליי שפּראַכן, הערן זיך פּראָטעסטן קעגן באַנוצן זיך מיט אַ שפּראַך אין וועלכער עס רײדן נאָך היינט דער רוב יידן און וועלן נאָך געוויס אין איר ריידן צוויי־דריי דורות?

און די שנאה צו דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור און די קנאה צוליב איר „דערפאָלג״ — דאָס זיינען אויך מערקווירדיקע דערשיי־נונגען, קינדער פון דעם „שרעק״.

גרויסע צאָלן פון אונדזערע פאָלקס־מאַסן קענען נישט לייענען קיין אַנדער שפּראַך אויסער דעם זשאַרגאָן, וואָס איז זיי היימיש. האָבן

זיי צוליב דעם קיין רעכט נישט אַרויסצוגיין פון זייער פינסטערניש און פאַרברייטערן זייער וויסן און דעם קרייז פון זייער וועלט־אָנ־שויאונג? און די, וועלכע ליווערן זיי, אַט די אַלע מאַסן, די מיטלען פאַר זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג, טוען זיי אַן עברה, אַז מ׳זאָל זיך צו זייערע מעשים פאַרהאַלטן מיט שנאה, און וויינען אויף דעם „וואָס די רשעים האָבן דערפאַלג״? געוויס, עס וואָלט געווען פיל שע־נער ווען אַלע יידן, מענער, פרויען און קינדער, וואָלטן געקענט זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך און וואָלטן באַפרידיקט אַלע זייערע גייסטיקע באַ־דערפעענישן פון איר ליטעראַטור, אָבער אַזאַ גליקלעכער צושטאַנד איז אוממעגלעך אין גלות.

נישט דער זשאַרגאָן האָט אַרויסגעשניטן אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אונדזער פאָלקס־מויל. זי האָט נאָך מיט טויזנטער יאָרן געהאַט אַנדערע „שניידער״, און וויל עס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזער מויל אונדזער נאַטירלעכע שפּראַך, אונדזער אייגנאַר־טיקע, דעריבער האָבן זיך געקאָנט האַלטן ביי אונדז אַלע זיבעציק לשונות און אַלע מינים זשאַרגאָנען, אַריינגערעכנט אויך דעם היינטיקן. אָבער קיין שום שפּראַך קאָן זיך נישט איינוואָרצלען אין אונדזער נשמה. אַ שפּראַך קומט אָן און פאַרשווינדט, אַלץ לויט די באַדערפעענישן פון דער צייט; מיר באַנוצן זיך מיט אַלע און אַלע זיינען זיי אונדז פרעמד, און עס איז אונדז קיין אונטערשייד נישט, וועלכע הערשט היינט און וועלכע וועט מאָרגן הערשן. די נאַציאָנאַלע שפּראַך פאַרלירט גאָר־נישט און פאַרדינט גאָרנישט ביים דאָזיקן אומבייט. זי קאָן מיט זיי נישט קאָנקורירן אין זייערע גרענעצן, און טאַקע צוליב דעם קאָ־נען זיי נישט קאָנקורירן מיט איר אין איר גרענעץ.

דאָס היינטיקע העברעאישע פובליקום פילט נישט קיין „קאָנ־קורענץ״. ער פאַרלאַנגט נישט אין העברעאיש דאָס „ערשטע וויסן״ אַזוי ווי אין דער צייט פון השכלה, כדי דערנאָך אַריבערצוגיין אין אַן אַנדערער וועלט. ער לייענט העברעאיש, ווייל ער איז אַ העברעער און פילט אין זיין נשמה אַן אינערלעכן באַנד מיט דער נאַציאָנאַלער שפּראַך און איר ליטעראַטור. אַזאַ אינערלעכע באַדערפעניש איז נישט קיין „סחורה״ מיט וועלכער מ׳קאָנקורירט אויפן מאַרק דורכן אַראָפּ־לאָזן דעם פּרייז, און אויב עס ווייזט זיך טיילמאָל אויס, אַז דער זשאַר־גאָן „רויבט״ צו פון העברעאיש זיינע לייענער, איז עס נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע. אויף העברעאיש לויערן שרעקלעכערע „גזלנים״. און אויך זיי, בין איך זיכער, וועט נישט געלינגען אָוועקצוברענגען זי פון דער וועלט. אמת, אַז איצט הערשט אַן עפּאָכע פון דעגראַדאַציע פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. אָבער אַזוי איז שוין דער

וועג פון אַ פאָלק, וואָס איז אָפּהענגיק פון אַנדערע: זיין אַנטוויקלונג גייט נישט אויף אַ גלייכער ליניע, נאָר דורך זיגזאַגן, פּלוצלונגע פּראָג־רעסן און רעגרעסן, דורך איניציאַטיוועס פון דרויסן. און שטענדיק אין אַ צייט פון אַ ירידה האָט אונדזער פאָלק געלעבט מיט דער האָ־פענונג פון אַ נייער עליה און איז נישט אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג.

איך ווייס, אַז מיינע קלאָגן וועלן נישט זיין צופרידן פון מיינע ווערטער, אָבער מיין פליכט איז צו זאָגן אָפן וואָס איך טראַכט. איך זע נישט די „שרעק פאַרן זשאַרגאָן"! זאָל מען אָנשרייבן גוטע בי־כער אויף זשאַרגאָן און זאָל דער המון לייענען און ווערן קולטורעל. קיין „נאַציאָנאַלע ליטעראַטור" וועט אויף זשאַרגאָן נישט געשאַפן ווערן. דאָס וואָס איז ווערט אָפּגעהיט צו ווערן פאַר דורות, וועט אָפּגעהיט ווערן אין א העברעאישער איבערזעצונג, פּונקט אַזוי ווי עס זיינען אָפּגעהיט געוואָרן ביכער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אויף אַראַ־ביש א. ד. ג., און אַלץ איבעריקע וועט פאַרגעסן ווערן צוזאַמען מיטן זשאַרגאָן און וועט פאַרשווינדן ווערן ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען.

און קאָן דען ווער עס איז צווייפלען, אַז דער זשאַרגאָן וועט אין צוויי־דריי דורות אַרום פאַרגעסן ווערן? עס איז נישט קיין אונטער־שיד אויב מיר ווילן דאָס אָדער נישט, מיר קאָנען נישט ענדערן דעם גאַנג פון לעבן. דאָס לעבעדיקע ריידן איז געבונדן צו שטענדיקע לעבנס־באַדערפענישן, און אויב זיי לייגן אַריין אין מויל פון פאָלק אַן אַנדערע שפּראַך, וועט קיין שום „מוסר זאָגן" נישט ראַטעווען די שפּראַך, וואָס גייט אָפּשטאַרבן. און ווען עס וועט קומען דער טאָג ווען דער זשאַרגאָן וועט אויפהערן צו זיין אַ גערעדטע שפּראַך, וועט ער קיין שעה נישט קאָנען עקסיסטירן אַלס ליטעראַרישע שפּראַך, אַזוי ווי אונדזער נאַציאָנאַל שפּראַך האָט עקסיסטירט צוויי טויזנט יאָר, ווייל עס וועט זיך דעמאָלט נישט געפינען אפילו איין ייד, וואָס וועט עס האַלטן פאַר אַ נאַציאָנאַלע פליכט צו לערנען זיך אָדער זיינע קינדער דעם טויטן זשאַרגאָן אַזוי ווי עס האָבן זיך געפונען, און עס וועלן זיך שטענדיק געפינען, יידן, וואָס אַנערקענען זייער פליכט צו אונדזער ריכטיקער נאַציאָנאַל־שפּראַך.

און נישט נאָר דאָס, מיר דוכט זיך בכלל, אַז דער גאַנצער „יונ־גער נאַציאָנאַליזם", וואָס קאָנצענטרירט זיך אַרום זשאַרגאָן און פאַר־שרייט אַזוי הויך די „פאַרשטאַרבענע פאַרגאַנגענהייט", באַשטייט נישט פון אַזאַ גרויסער „געפאַר". היינט איז ער שכור פון שמחה צוליב דער גרויסער „דערפינדונג" פון אַ „לעבעדיקע נאַציאָנאַל שפּראַך" און גלויבט ווירקלעך, אַז מיטן צויבער פון די דאָזיקע ווערטער וועט ער איבערקערן וועלטן און באַזירן אונדזער נאַציאָנאַל לעבן אויף אַ פעסטן

יסוד נישט נאָר פון אינעווייניק, נאָר אויך פון דרויסן. ווייל אַ פאָלק, וועלכע האָט אַ לעבעדיקע נאַציאָנאַל־שפּראַך, מוזן דאָך דאָך אַלע מודה זיין אין איר עקסיסטענץ, און אויך ממילא אין אירע נאַציאָנאַלע רעכט. אָבער אין אַ קורצער צייט ארום וועט דער יוגנט־נאַציאָנאַליזם דערלעבן דורך דער פּראַקטיק דעם ביטערן אמת, אַז ער האָט געמאכט אַ חשבון אָן די בעלי־הבתים: „די לעבעדיקע נאַציאָנאַל־שפּראַך" וועט נישט צוציען פון אינעווייניק דעם אינטערעס פון פאָלק צו מאַכן זי אַלס צענטער פאַר זיין נאַציאָנאַלן לעבן און אַלס גרונט פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציאונג, און פאַרשטייט זיך, אַז זי וועט זיכער נישט ברענגען אונדזערע שכנים פון דרויסן, אַז זיי זאָלן אנערקענען אונדזערע נאַציאָנאַלע רעכט צוליב איר.

ווען אפילו מיר וועלן זיך באַמיען צו פאַרגעסן, וועלן זיי נישט פאַרגעסן ווען, ווי אַזוי און פון וואַנען עס איז צו אונדז געקומען די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע שפּראַך". און זיי וועלן זיך מיט איר נישט רעכענען ווי מיט אַ געגנוגנדן „דאָקומענט". שוין היינט, פון ברעקלעך ווערטער, וואָס מען הערט טיילמאָל פון די סאַמע בעסטע גויים, קאָן מען שוין דערקענען דעם כאַראַקטער פון דער „קלאָרער תשובה", וועלכע מיר וועלן הערן ווען מיר וועלן קומען פאָדערן „נאַציאָנאַלע רעכט" נישט אויפן גרונט פון „דער פאַרשטאַרבענער פאַרגאַנגענהייט", נאָר אויפן גרונט פון דער „לעבעדיקער שפּראַך".

און דער ענטפער וועט אומגעפער זיין אַזעלכער:

„אויב איר אנערקענט, אַז עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער בונד צווישן אייך און די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון אייערע עלטערן, האָט דאָך אייער נאַציאָנאַליזם אויך נישט קיין ווערט, און ער האָט נישט קיין עקסיסטענץ־רעכט. אומזיסט „וויזט" איר מיר די קראַפט פון „גזרות שוות", אַז אַ פאָלק קאָן לעבן אויך אָן דער „ירושה פון עלטערן", ווארום אָט דאָס און דאָס פאָלק האָט נישט אַזאַ טייל ירושה, און פונדעסטוועגן עקסיסטירט עס און אַן אנדער פאָלק האָט ווידער נישט אַן אַנדערן טייל ירושה, און פונדעסטוועגן עקסיסטירט עס, א. אַז. וו.

מיט אַזאַ באַוויז קאָן מען אויך אָפּשאַפן די סאָציאַלע פראַגן און אויפוויזן דייטלעך, אַז דער גרעסטער אָרימאַן קאָן ווערן אַן עושר, אויב ער וויל עס נאָר, ווייל אָט יענער גביר האָט נישט קיין מזומנים, און אַ צווייטער גביר האָט נישט קיין באָדן, אַ דריטער גביר האָט ווידער נישט קיין סחורה, און אַזוי דער פערטער, דער פינפטער א. אַז. וו. מ'קאָן, אלזאָ, זיין אַ גביר אָן מזומנים, אָן באָדן און אָן שום אַנדערן פאַרמעגן. ווען אַן אָרימאַן וועט אָבער קומען צום בעקער

נאָך ברויט מיטן כח פון דאָזיקן באַווייז, ווערט מען אים ענטפערן: אַ גביר איז דער, וואָס האָט. אָן אונטערשיד, אָדער געלט אָדער אַ ווערט־זאַך, באָדן אָדער זאַכן. דאָס „האָבן" קאָן פאַרווירקלעכט ווערן אין פאַרשידענע געשטאַלטן, און עס קאָן זיך ענדערן, אָבער איין שטענדיקן כאַראַקטער מוז עס האָבן אין אַלע געשטאַלטן: — דאָס איז די פאַרקערטע זייט פון נישט־האָבן.

און איר זענט ווירקלעך גלייך צו די גבירים מיט דעם, וואָס זיי האָבן נישט, אָבער איר זענט נישט גלייך צו זיי מיט דעם וואָס זיי האָבן יאָ, און דעריבער האָבן זיי אַ רעכט צום נאָמען גביר, און נישט איר.

אויך אַ פאָלק הייסט נאָר דאָס פאָלק, וואָס האָט אַ „נאַציאָנאַלן קרן", וועלכער ווערט צונויפגעקליבן פון דור צו דור און גילט אַלס באַזיס פאַר דעם נאַציאָנאַלן לעבן. דער דאָזיקער „קרן", אַ גרויסער אָדער אַ קליינער, באַקומט טיילמאָל אַזאַ אָדער אַן אַנדער געשטאַלט, ס'פאַרברייטערט זיך און טיילמאָל פאַרשמעלערט עס זיך, אָבער די וועלט האָט נאָך נישט געזען אַ „פּראָלעטאַריש" פאָלק, וואָס האָט פאַר־שווענדט זיין נאַציאָנאַלן קרן, „דעם באָדן און די זאַכן", ביז צום סאַמע לעצטן ברעקל, און עס איז גאָרנישט געבליבן אויסער אַ ליידיקע שפּראַך, וועלכע זי האָט געבאָרגט ביי אַנדערע, און ליידיקע הענט, מיט וועלכע זי גרייט זיך אָנצוהויבן די אַרבעט פון „בראשית". מיט ליידיקע הענט גייט מען אַרבעטן אין פאַבריקן פון פרעמדע".

מיט אַלע כוחות ווערט זיך אחד העם קעגן דער מיינונג, אַז ער איז אַ שונא פון יידיש. ער וויל גאָרנישט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז יידיש איז די שפּראַך פון יידישן פאָלק, אַזוי ווי פון דער מאַסע, אַזוי אויך פון דער אינטעליגענץ. ביי אים האָט יידיש אַ רעכט אויף איין טייל — אויף דער מאַסע.

וועגן דעם שרייבט ער אַן אינטערעסאַנטן בריוו (לאָנדאָן, 27 דעצ. 1908) צו ראַווניצקין. דער בריוו וואַרפט אויך אַ געוויסן ליכט אויף ראובן בריינינען, וועלכער האָט דאַן אָנגעהויבן שרייבן יידיש.

„. . . די זשאַרגאָנישע" פראַגע איז איינע פון יענע פראַגן, וואָס צוליב זייער פולער איינפאַכקייט קאָנען די לייט זי נישט גוט באַגרייפן און עס נעמט גאָרנישט קיין סוף צו די נאַרישע פּלפּולים פון ביידע צדדים. מיין מיינונג וועגן דער דאָזיקער פראַגע האָב איך אַרויס־געזאָגט מיט אייניקע יאָר צוריק (אין מיין אַרטיקל „די אויפלעבונג פון גייסט"), און אויב איר געדענקט, וואָס איך האָב דאָרט געשריבן,

אַדער איר וועט די ווערטער נאָך אַמאָל איבערלייענען, וועט איר מוזן מודה זיין, אַז איר זענט מיך אומזיסט און אומנישט חושד. אמת, אַז איך בין נישט צופרידן דערפון, וואָס מען שרייבט „דברי נבואה" אין דער דאָזיקער שפּראַך, אַדער ענלעכע זאַכן, וואָס די מאַסע פאַרשטייט נישט, און ווער עס פאַרשטייט עס יאָ, וואָלט עס נאָך בעסער פאַרשטאַנען ווען עס וואָלט געווען געשריבן אויף העברעאיש. אָבער ריידן צו דער מאַסע זאַכן, וועלכע זי פאַרשטייט און דאַרף פאַרשטיין — געוויס איז עס מעגלעך און אפילו אַ פליכט עס צו טאָן אין יעדער שפּראַך, וועלכע זי פאַרשטייט. אָט איז נאָר וואָס ביי מיר געווען ברייגין . . . און מיר האָבן זייער פיל געשמועסט וועגן דעם דאָזיקן ענין. עס זעט אויס, אַז ער האָט אויך געמיינט, אַז איך בין אויף אים שטאַרק בייז וואָס ער שרייבט אין זשאַרגאָנישע בלעטער, און ער האָט געפונען פאַר נויטיק זיך פאַר מיר צו אַנטשולדיקן וועגן דעם".

און אָט איז אַ בריוול (לאָנדאָן 27 מערץ 1910) צום דר. קלויזנער אין אדעס, וואָס איז אינגאַנצן אומקלאָר:

„מיך וואונדערט וואָס איר זענט מיך חושד, אַז איך האָב אין מיין אַרטיקל אַרויסגעלאָזט די באַמערקונג וועגן די ס"ד מורא האָבנדיק פאַר אַן „אַנפאַל" פון די זשאַרגאָניסטן. ווען האָב איך דאָס מורא געהאַט פאַר אַן אַנפאַל? איך האָב דאָס נאָר געטאָן דערפאַר וויייל, ווי כ'האָב אייך שוין געשריבן (עס זעט אויס, אַז עס איז אייך נישט געווען גענוג קלאָר), כ'האָב נישט געוואָלט געבן די אַנפאַלער אַ מעגלעכקייט אַוועקצודרייען די לייענער אין דער דאָזיקער זייט און מאַכן דורך דעם פאַרגעסן די עיקר זאַך. די דאָזיקע טאַקטיק איז מיר באַקאַנט פון דער פּראַקטיק. עס האָט מיר שוין מער ווי איינמאָל געטראָפן, אַז מיינע קעגנער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין אַ פראַזע, אין וועלכער זיי האָבן געפונען די מעגלעכקייט צו פשט'לען זיך, און דערמיט האָבן זיי זיך אַרויסגעדרייט פון ענטפערן אויף דעם עצם טייל פון מיינע ווערטער . . ."

דער „הדור" האָט שוין אויפגעהערט צו דערשיינען, דאַקעגן איז אין ווילנע אונטער א. דרויאַנאָווס רעדאַקציע דערשינען אַלס וואָכנבלאַט דער „העולם" ווי אַן אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער קאַמף העברעאיש-יידיש, צוליב דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איז דעמאָלט געווען דאָס אַקטועלסטע אין דער יידישער וועלט, און די אָנהענגער פון יידיש האָבן באָמבאַרדירט דעם „העולם" מיט אַרטיקלען פאַר יידיש. דרויאַנאָוו, וועלכער איז געווען איינער פון אדעסער קרייזל (מענדעלע, ביאַליק, אחד העם, קלויזנער א. אז. וו.), האָט די דאָזיקע אַרטיקלען נישט געדרוקט, און ער האָט וועגן דעם

געשריבן אחד העם'ן, אויף וואָס דער לעצטער ענטפערט אים (לאָנדאָן, 13 אַפּריל 1910):

„. . . איך קאָן פון אייער שרייבן נישט פאַרשטיין דעם הויפּט־מאָטיוו צוליב וועלכן איר האָט געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער די באַ־שיצער פון זשאַרגאָן. אויב איר האָט דאָס געטאָן דערפאַר, וואָס איר ווילט נישט אָפּגעבן אין „העולם" פּלאַץ פאַר דער דאָזיקער פראַגע, איז דאָס אַן אינערלעכע אנגעלעגנהייט פון דער רעדאַקציע, און איך אינטערעסיר זיך נישט דערמיט. אָבער אויב איר האָט דאָס געטאָן צוליב מיין כבוד, האָט איר נישט גוט געטאָן. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט פאַראיבעל אויף די, וואָס ענטפערן אויף מיין שרייבן, אפילו אין אַ שווערן סטיל; פאַרקערט, איך בין שטענדיק צופרידן ווען איך זע, אַז מיין ארטיקל רופט ארויס כעס און „אַ שטורעם אין אונ־דזער גלאָז": דאָס איז אַ סימן, אַז ס'איז געווען געשריבן אין דער צייט . . . ."

אַ מיטגליד פון דעם „אדעסער קרייזל" איז אויך געווען י. ח. ראַוור־ניצקי, אָבער ער איז דער „יידישיסט". אַלנפאַלס באַטראַכט אים אַזוי אחד העם, וואָס האָט אים „געמאַכט" פאַר רעדאַקטאָר פון יידישן וואָכנבלאַט „דער יוד", און ראַווניצקי באַמיט זיך טאַקע צו באַקו־מען פון אחד העם'ן דעם מאַקסימום פאַר יידיש. אין יעדן בריוו לאָזט ער נישט דורך די פראַגע, אָבער אחד העם ציט זיך נישט צו־ריק. פאַרקערט, ער רעדט שוין פעסט (לאָנדאָן 17 אַפּריל 1910) וועגן צוויי באַזונדערע פעלקער: דאָס העברעאישע און דאָס יידישע:

„אייער בריוו פון י"ג אָדר שני — שרייבט ער צו ראַווניצקין — האָב איך דערהאַלטן אין צייט, און איך ענטפער אייך דערפאַר כדי נישט איבערצורייסן דעם בריוו־אויסטויש צווישן אונדז פון צייט צו צייט, כאָטש אין אייער בריוו זיינען נישט פאַראַן זאַכן, וועלכע פאַ־דערן אַן ענטפער, ווייל ער אַנטהאַלט נאָר פאַרשידענע אינפאָרמאַ־ציעס אויף וועלכע עס איז נישטאָ וואָס צו באַמערקען. אַן אויסנאַם איז די שטעלע פון זשאַרגאָן. אָבער אין דער דאָזיקער פראַגע איז נישטאָ קיין האָפענונג, אַז מיר וועלן קאָנען קומען צו איין מיינונג, און אַ דיסקוסיע האָט נישט קיין נוצן. דאָס איינע וויל איך אייך נאָר זאָגן: ביי מיר איז קלאָר, אַז דער זשאַרגאָנישער נאַציאָנאַליזם איז נישט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. אָבער ווען מיר זאָלן צוגעבן, אַז אַ גרויסע מאַסע פון אונדזער פאָלק וועט ווירקלעך שטיצן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם אויפן זשאַרגאָן און זיין ליטעראַטור, וועט אונדזער פאָלק צעטיילט ווערן אין צוויי טיילן. און דאָס זשאַרגאָ־נישע פאָלק וועט מיט דער צייט אַליין פון זיך פאַרשווינדן. ווארום

— זאָגט וואָס איר ווילט — פאַר דער הייליקייט פון פּרץ און שלום־עליכם וועלן אונדזערע ברידער זיך נישט מוסר נפש זיין דור נאָך דור, און עס לוינט זיך נישט . . .

איר ווילט נישט פאַרשטיין, אַז אונדזער גאַנצע עקסיסטענץ אין גלות איז מעגלעך נאָר ווען מיר פילן זיך ווי אַ „היסטאָרישע אַריס־טאָקראַטיע", און ווען דאָס דאָזיקע געפיל וועט אויפהערן און מיר וועלן אין אונדזערע אויגן זיין ווי די אַנדערע קליינע פעלקער, אַן אַ קול־טור־היסטאָרישער באַדייטונג, נאָר מיט אַ נייער שפּראַך און מיט אַ נייעם נאַציאָנאַליזם, אַ „דעמאָקראַטישן", דעמאָלט וועלן מיר ווירק־לעך זיין דאָס נידעריקסטע פאָלק אין דער וועלט, ווייל מיר האָבן נישט יענעם ממשות׳דיקן באַזיס — דעם נאַציאָנאַלן צובונד צו אַ גע־וויס לאַנד, וואָס דאָרט קאָנצענטרירט זיך די מערהייט פון פאָלק, אויף וואָס עס שטיצן זיך די אַנדערע קליינע פעלקער, וועלכע קעמפן פאַר זייער עקסיסטענץ".

אָבער אחד העם גלויבט נישט, אַז עס וועט קומען צו אַזאַ צעטיי־לונג פון יידישן פאָלק, וואָרום די זשאַרגאָנישע באַוועגונג איז נאָר אַ צייטווייליקע. אַזוי באַרואיקט ער זיין פריינט דר. קלויזנער אין אַדעס (לאָנדאָן, 30 מאַי 1910).

„אַלע פאַקטן, וואָס איר האָט געבראַכט וועגן זשאַרגאָן זאָגן גאָר־נישט קעגן מיין מיינונג. און דאַרף מען דען האָבן באַווייזן, אַז דער זשאַרגאָן איז איצט דער אָפּגאָט פון טאָג? דאָס האָב איך אויך נישט געלייקנט, נאָר איך בין זיכער, אַז דאָס איז נאָר אַ פאַראיבערגייענדע באַוועגונג. עס איז אוממעגלעך אַז עס זאָל לאַנג אָנהאַלטן אַזאַ „נאַ־ציאָנאַלער" אידעאַל, וואָס האָט נישט קיין באָדן אין גייסט פון פאָלק זינט דורות לאַנג. אין דער צייט פון רעוואָלוציע האָט איר דאָך כמעט אַלע געגלויבט, אַז עס האָט שוין גענומען אַ סוף צו אַלע אונדזערע שטרעבונגען, און פונדעסטוועגן האָב איך זיך נישט געשעמט צו פאַר־ענדיקן דעמאָלט מיין אַרטיקל „פאַרגעסענע זאַכן" מיט דער פולער זיכערקייט, אַז „דאָס וועט אויך אַריבער", און דאָס זעלבע זאָג איך איצט וועגן זשאַרגאָן . . ."

דער קאַמף העברעאיש־יידיש פאַרשטאַרקט זיך וואָס אַמאָל ווייטער. די יידישע שריפטשטעלער און עסקנים טרעטן אַרויס אויף דער עפנטלעכער אַרענע, ווער אַלס פייערדיקער אָנהענגער פון העב־רעאיש, ווער פון יידיש. יעדער צד וואַרפט פייער און גיפט אויפן אַנדערן. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן דורכפירן אַ פשרה. ביידע שפּראַכן זיינען זיי זייער נאָענט, אָבער זיי האַלטן

דעם קאַמף אפילו מיט אַ נצחון אלס מפלה פאַר ביידע צדדים, און דע־ריבער ווילן זיי אַ קאָמפּראָמיס.

אחד העם, דער מאַן, וואָס האָט פיינט קאָמפּראָמיסן, טרעט ארויס קעגן די דאַזיקע פּשרה־לייט. ער האַלט, אַז עס איז איצט מלחמה־צייט, און יעדער מוז האָבן זיין באַשטימטן פּראָגנט. דרך־אגב רעדט ער שוין ווידער וועגן דער פאַנאַנדערטיילונג פון יידישן פאָלק.

די דאָזיקע געדאַנקען דריקט ער אויס אין זיין בריוו פון לאָנדאָן (1 יאַנואַר, 1911) צו ראַווניצקין אין אָדעס:

„אויב, פריינט מיינער, איר קוקט זיך צו מיט אָפענע אויגן צו דעם וואָס עס קומט פאָר אין אונדזער לעבן, מוזט איר דאָך זען, אַז עס איז נאָענט דער טאָג וואָס די פּשרה־לייט וועלן מער נישט האָבן קיין פּלאַץ אין דעם „שפּראַכן־קאַמף", און יעדערער וועט דאַרפן באַטראַכטן די פראַגע, „געהערט ער צו אונדז אָדער צו אונדזערע פיינט?" — אַ פראַגע וואָס ביידע צדדים שטעלן איצט מיט גרויסע אותיות פאַר יעדן, ווועלכער איז זיי נאָענט, און וואָס וויל אריינטרעטן אין איינעם אָדער אין אַנדערן לאַגער.

און אויב איר צווייפלט אין דעם, טאָ לייענט איבער די אַרטיק־לען פון מעדעם און ראַטנער אין „יעווריסקי מיר" און פאַרשידענע אַנדערע אַרטיקלען אין די אַנדערע צייטונגען פון די זשאַרגאָניסטן. וויפיל קנאה און שנאה שטעקט אין זיי צו יעדן צייכן פון אַ באַוועַ־גונג און אַרבעט פאַר דער העברעאישער שפראַך און איר ליטעראַטור!

און די געשיכטע אין דער וואַרשעווער ליטעראַרישער געזעל־שאַפט — וואָס לערנט זי אונדז?

בקיצור, די מלחמה שפרייט זיך אויס און באַקומט אַן ענלעכן כאַראַקטער ווי זי האָט אויסגעזען אין די צייטן פון די ערשטע קריסטן, און גראַד אַזוי ווי סוף כל סוף זיינען בטל געוואָרן די „יידנקריסטן", און די אַנגעהעריקע צו דער דאָזיקער סעקטע זיינען געוועזן גע־צוואונגען זיך פולשטענדיק צו פאַראייניקן מיט איינער פון די צוויי לאַגערן: „יידן" אָדער „קריסטן", פּונקט אַזוי וועלן „זשאַרגאָן־העב־רעאיסטן" צוקומען צו אַזאַ לאַגע, אַז זיי וועלן מוזן פולשטענדיק אַרי־בערגיין אין דעם אָדער יענעם לאַגער. אין אַ צייט פון מלחמה קאַן מען נישט שטיין אין מיטן צווישן ביידע לאַגערן, ווארום עס טרעפן דאַן די קוילן פון ביידע זייטן.

נאָך מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך געשריבן צו דובנאָוון, אַז די אַנטוויקלונג פון דער מלחמה פאַר זשאַרגאָן דערמאָנט מיך די אַמאָ־ליקע מלחמה, און פון דעמאָלט ביז היינט איז די זאַך געוואָרן קלאָר און דייטלעכער . . ."

דערמאנט זיך אין דובנאָוון, שרייבט ער אים טאָקע אַ בריוול (לאָנדאָן 26 יאנואר, 1911):

„. . . עס איז מיר אומאנגענעם צו באַרירן אונדזער אַלטע מחלוקה — וועגן זשארגאָן. אָבער איך קאָן זיך נישט איינהאַלטן פון זאָגן אייך, אַז אויב איר האָט געלייענט מעדעמס אַרטיקל אין זאַמל־בוך פון „יעווריעיסקי מיר" איז אוממעגלעך, אַז איר זאָלט נישט האָבן געזען וואוהין די דאָזיקע באַוועגונג וועט אונדז צופירן. און על פי לאָגיק איז ער דאָך גערעכט. אויב דער זשארגאָן איז דער יסוד וואָס אויף אים איז געבויט אונדזער נאַציאָנאַליזם, איז דאָךווירקלעך שוין נישט פאַראַן קיין יידיש פאָלק, נאָר פעלקער. און איך וויל אייך נאָך אויף דעם אויפמערקזאַם מאַכן: די געפאַר פון אַ צעטיילונג אויף פאַר־שידענע פעלקער האָב איך נאָך באַמערקט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, און איך האָב דעמאָלט אויף איר אויפמערקזאַם געמאַכט („על פרשת דרכים" 1, זז. 77—176), אָבער איך האָב דערפון אַרויסגעטראָגן אַ גאַנץ אַנדערן באַשלוס. און אין דעם קאָנט איר זען דעם אונטער־שיד צווישן העברעאישן און זשארגאָנישן יידנטום".

דער קאַמף העברעאיש־יידיש פלאַקערט ווייטער. די יידישיסטן נוצן אויס מענדעלעס יובילעאום כדי צו פייערן דעם יום־טוב פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. מען מאכט מענדעלען אַזעלכע פייערונגען, וואָס קיין יידישער שרייבער האָט נאָך נישט געהאַט. דאָס זעט יעדער איינער, אָבער ראַווניצקי באַמיט זיך איינצושטילן אחד העם'ס כעס קעגן יידישיסטן, טענהנדיק, אַז אחד העם איז סתם אַ יידיש־פּרעסער, נאָר אחד העם באַרויקט זיך נישט, און אין זיין בריוו פון 12 פעברואר 1911 שרייבט ער צו ראַווניצקין:

„. . . אויב מען וואָלט נאָך געדאַרפט באַווייזן ווי שווער עס איז איינער דעם אַנדערן צו פאַרשטיין אין דער פראַגע פון זשארגאָן, האָט מיר דאָס אייער בריוו אויסגעצייכנט באַוויזן. אָט האָב איך אויך אין מיין פריערדיקן בריוו געשריבן וואָס איך זע איצט אין אונדזער וועלטל, און ווער עס איז נישט פאַרבלענדעט געוואָרן דורך זיין אייגענער ניגונג, איז אוממעגלעך, אַז ער זאָל נישט זען די אַזוי דייט־לעכע און קלאָרע דערשיינונגען. וואָס האָט איר געענטפערט? נישט גענוג וואָס איר האָט אָוועקגעמאַכט די אַלע דערשיינונגען מיט דער האַנט, ווי זיי וואָלטן געווען נאָר איינצלנע צופאַלן, די מעשים פון זעלטענע „נאַראָנים" (ווערנד אין דער ווירקלעכקייט איז נישטאָ קיין איין נומער פון „יעוור. מיר" אָדער „פריינד" — אַנדערע צייטונגען פון דעם מין לייען איך נישט — אַז עס זאָל זיך דאָרט נישט אויס־דריקן דער דאָזיקער גייסט), נאָר איר האָט זיך פאַרטיפט אַריינצו־

קוקן אין די טיפענישן פון מיין נשמה און איר האָט דאָרט געפונען „אַ נאַטירלעך געפיל פון פאַראַכטונג און גרינגשעצונג צו דער דאָזיקער געמישטער שפּראַך פון גראָבן פאָלק״, און נישט נאָר דאָס, נאָר אויך „עקסטע אייפערזיקייט״ און „מאַנגל פון טאָלעראַנץ״, און אַז איך „האַלט מיט קלויזנערן, „צו דערנענטערן זיין סוף (פון זשארגאָן) און מאַכן אַ תל פון די אַלע, וועלכע האַלטן מיט אים״, א. אז. וו.

אוי, פריינט מיינער, ווען איר וואָלט נישט געווען בלינד פאַר דער דאָזיקער זאַך, וואָלט איר געזען דאָס וואָס איך האָב איך געשריבן אין אייער אייגן ווינקעלע, אין די דרשות וועגן דער יובילעאום־פייערונג פון ר׳ מענדעלע.

האָט איר ווירקלעך נישט געפילט דאָס וואָס איך האָב דערפילט פון דערוויטנס, אַז צווישן די שורות פון די ארטיקלען און צווישן די ווערטער פון די דרשות האָט געשוועבט אַ גאַנץ אַנדערער גייסט, אַ גייסט פון „צווי, וואָס האַלטן איין טלית״ א. אז. וו. און דער טריאומף אין אַלע „אייערע״ צייטונגען וועגן דער פאָלקס־ציילונג אין גאַליציען — איז דען פאַראַן אַ גרעסערע פעלשונג פון פאקטן צוליב אַ געוויסער טענדענץ? מען שרייבט: „יידיש״ האָט געזיגט, אין דער צייט ווען באמת האָט געזיגט דער ריכטיקער נאציאָנאַלער געפיל, וואָס שטיצט זיך נישט אויף „יידיש״, נאָר ווייל די רעגירונג האָט געמאַכט די שפּראַך אַלס סימן פאַרן נאציאָנאַליזם, זיינען אַלע נאציאָנאַליסטן געווען געצוואונגען צו פאַרשרייבן ״יידיש״, כדי מען זאָל זיי נישט פאַררעכענען צו אַן אַנדער פאָלק . . .״

אחד העם פאָלגט נאָך אַלץ וואָס דובנאָוו שרייבט, און וועגן איינעם אזא ארטיקל אין „דזשואיש רעוויו״ געפינט ער פאר נויטיק אים אַנצושרייבן אַ באַזונדערן בריוו (29 פעברואר 1911), ווידער באַרירנדיק די פראַגע וועגן יידיש:

„איין שטעל איז דאָרט פאַראַן, וועלכע איר האָט, לויט מיין מיינונג, נישט גענדארפט אריינברענגען, ווייל דערפון זעט זיך דייטלעך אַרויס אייער „זשארגאָנישע״ טענדענץ פון דער לעצטער צייט. וואַרשיינלעך פאַרשטייט איר, אז איך מיין אייערע ווערטער וועגן פאַרלאָזן דעם „ספּעציעלן דיאַלעקט״, אין וואָס איר זעט אַ נייגונג צו אַסימילאַציע, פונקט ווי די גאַנצע צייט פון גלות ביז דעמאָלט וואָלטן די יידן שטענדיק גערעדט אין אַ ספּעציעלן דיאַלעקט, וואָס האָט זיי פאַרהיט פון אַסימילאַציע, און נאָר דעמאָלט, אין דור פון עמאַנסיפּאַציע, האָבן זיי אָנגעהויבן ריידן אויף די שפּראַכן פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געוואוינט!״

אויסער די בריוו צו דובנאָוון, האָט אחד העם געשריבן אַרטיק־

לען וועגן דובנאָווס אנשויאונגען. און אין איין אַרטיקל אַזאַ אונטערן נאָמען „שלילת הרשות", וואָס איז אַן ענטפער דובנאָוון וועגן „נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע", און איז אָפּגעדרוקט אין 4טן באַנד „על פרשת דרכים" (ז"ז 116־106), קומט אחד העם'ן אויס צו מאַכן פּאָלגנדע באַמערקונג וועגן יידיש:

„און עס איז מעגלעך, אַז די לייט פון דער אויטאָנאָמיע פון זשאַר־גאָנישן בית־המדרש מיינען ווירקלעך, אַז נאַציאָנאַלע קולטור הייסט פאַר זיי די זשארגאָנישע ליטעראַטור, נאַציאָנאַלע דערציאונג — דאָס ריידן זשארגאָן, און דער נאַציאָנאַלער אידעאַל — די מדרגה פון ליטווישן אָדער סלאַווישן פאָלק א. ד. ג., וואָס האָבן ביז היינט נאָך נישט צוגעלייגט אײן קליינעם ציגל צום בנין פון דער אַלגעמיין מענטש־לעכער קולטור".

און דאָ קומט אַ מערקווירדיקע באַמערקונג פון אחד העם'ן פּאַר־וואָס ער באַנוצט דעם טערמין „זשארגאָן" נישט „יידיש":

„איך בעט אנטשולדיקונג פאַרן באַנוצן דאָס וואָרט „זשארגאָן", כאָטש עס איז שוין באַשלאָסן געוואָרן אוועקצולייגן דאָס דאָזיקע וואָרט אין אַרכיוו און באַנוצן אנשטאַט דעם „יידיש". מיר, וואָס שרייבן העברעאיש, קאָנען אָבער אַזוי נישט טאָן צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס וויל מיר האָבן לייענער אין ווייטע לענדער, וועלכע רעכענען זיך אויך פאַר „יידן", כאָטש נישט זיי און נישט זייערע עלטערן האָבן נישט געקענט דאָס דאָזיקע „יידיש" און, צווייטנס, ווייל מיר האָבן אַן אַנדער „יידיש", וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען נאָך איידער אונ־דזערע עלטערן האָבן געקענט די גערמאַנען און זייער שפּראַך (מלכים ב. י"ח, כ"ו; נחמיה י"ג, כ"ד)".

ווי באַקאַנט ווערט אין די אַנגעוויזענע שטעלן פון תנ"ך דער־מאָנט דאָס וואָרט „יהודית", מיט וואָס מען מיינט, זעלבסטפאַרשטענד־לעך, נישט אונדזער יידיש.

דער לעצטער בריוו, וואָס געהערט צו דער עפּאָכע, איז געשריבן פון מאַנטיא דעם 3טן סעפּטעמבער 1912 צו דובנאָוון. אין דאָזיקן בריוו טרעט אַרויס אחד העם ווידער מיט זיין אַלטער טענה, אַז מען דאַרף אין יידיש נישט שרייבן קיין זאַכן פאַר דער אינטעליגענץ, נאָר פאַר דער מאַסע.

„. . . איך באַקום די העפטן פון דער „יודישע וועלט" און איך לייען דאָרט וואָס עס אינטערעסירט מיך. און פאַרוואָס זאָל איך פאַר אייך לייקענען? אויסער דעם טייל פון דער בעלעטריסטיק, זעט מיר אַלץ איבעריקע אויס ווי געקינסטלט. אַרטיקלען, צום ביישפּיל, וועגן שפּינאָזאַן, אויף יידיש — זעען אויס ווי אַ „גולם" אין דער

פאָרם פון אַ מענטש. אלע אברים זיינען פאַראַן, נאָר עס איז אין זיי נישט פאַראַן קיין נאַטירלעכער לעבעדיקער גייסט. און איך פרעג זיך אַליין: פאַר וועלכער קאַטעגאָריע לייענער וועט די דאָזיגע ליטע־ראַטור געשאַפן? זיינען ווירקלעך צווישן די פאָלקס־מאַסן פאַראַן אַזעלכע, וואָס דער זשאַרגאָן איז באמת זייער שפּראַך, מענטשן, וואָס פאַרשטייען די דאָזיקע „יידישע" שפּראַך, וואָס אירע דייטשע ווערטער (כאָטש אין אַ צעקאַליעטשעטער פאָרם) שטייגן אַריבער די יידישע?..."

עס איז די זעלבע טענה וואָס ער האָט געטענהט אין יאָר 1899 ווען דער „יוד" איז געגרינדעט געוואָרן.

13 יאָר זיינען אַריבער אין משך פון דער דאָזיקער צייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די רענעסאַנס־באַוועגונג אין דער יידישער לי־טעראַטור. עס זיינען אויפגעוואַקסן אַ ריי יונגע, טאַלאַנטפולע שריפט־שטעלער אויף יידיש, די פריערדיקע זיינען פּאָפּולערער געוואָרן. די יידישע פּרעסע האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט און אָפּגע׳ירש׳נט די העברעאישע. אחד העם האָט דאָס אַלץ געזען, אָבער נישט געוואָלט זען. פאַר אים איז יידיש געבליבן די ציטוויילקע שפּראַך פון און פאַרן יידישן המון.

3

מיר קומען איצט צו דער דריטער און לעצטער עפּאָכע פון אחד העם׳ס באַציאונג צו יידיש. דאָס איז די צייט פון 1921, ווען ער איז געקומען אין ארץ־ישראל ביזן סוף 1926, ווען ער איז דאָרט געשטאָרבן.

דאָס פריערדיקע קאַפּיטל האָבן מיר פאַרענדיקט מיטן יאָר 1912. עס פעלן אונדז אַלזאָ 9 יאָר. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט האָט אחד העם זייער ווייניק געשריבן וועגן דער פראַגע פון יידיש, און די עטלעכע בריוו וואָס ער האָט יאָ געשריבן, זיינען בונע כמעט נאָר וועגן דער איבערזעצונג פון זיינע ווערק אויף יידיש, און וועגן די רעכט פון דער יידישער שפּראַך אין ארץ־ישראל.

אָבער אַזוי ווי וועגן די דאָזיקע פראַגן האָט ער נאָך פריער אויך געגומען אַ וואָרט, האָב איך די פריערדיקע בריוו נישט געבראַכט אין זייער צייט, נאָר צוליב דער סיסטעמאַטיזירונג ברענג איך זיי איצט דאָ.

דער ערשטער בריוו אויף דער פראַגע פון איבערזעצן זיינע ווערק אויף אַן אַנדערער שפּראַך, איז דאַטירט פון אדעס 6 מערץ 1898 צום פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג „אחיאסף", ה׳ קאַפּלאַן.

אחד העם שרייבט:

„איך פון מיין זייט האָב דאָך איך שוין געגעבן מיין דערלויבע־ניש איבערצוזעצן מיינע אַרטיקלען אין וועלכער שפּראַך איר ווילט. אָבער, אַז איך זאָל זיך אין דעם אַקטיוו באַטייליקן, רעכן איך ניט פאַר פּאַסיק".

אין דעם דאָזיקן בריוו רעדט זיך, ווי עס איז צו זען, סתּם וועגן דער פראַגע פון איבערזעצן, אָבער שוין דערביי מאַכט אחד העם נישט קיין אויסנאַם פאַר יידיש. כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז זיינע אַרטיקלען זיינען נישט באַשטימט פאַרן פּראָסטן המון, און יידיש האָט ער דאָך באַטראַכט נאָר אַלס די שפּראַך פון המון.

אין עטלעכע יאָר אַרום געפינען מיר שוין אַ דייטלעכע דער־לויבעניש איבערצוזעצן זיינע אַרטיקלען אויף יידיש. וועגן דעם ווענדעט זיך צו אים גרשם באַדער, וואָס וואוינט דעמאָלט אין לעמ־בערג, און אחד העם ענטפערט אים (אדעס, 2 אַפּריל 1903):

„. . . איך בין נישט מקפּיד אויף די איבערזעצונגען פון מיינע אַרטיקלען, און זיי ווערן מערסטנטייל געמאַכט אַפילו אָן מיין וויסן. אויב איר ווילט איבערזעצן דעם אַרטיקל „תחית הרוח" אויף זשאַרגאָן, האָט איר דאָס רעכט דערצו, נאָר אויב איר ווילט אים קירצן, זאָלט איר מעלדן אין אַ באַמערקונג, אַז עס איז נישט מער ווי אַ קירצונג".

עס גייען ווידער אַריבער עטלעכע יאָר. אחד העם איז אַרויס פון די ענגע ראַמען פון העברעאיש. ער שרייבט אַליין אין רוסיש, און אויף דייטש און ענגליש זעצט מען אים איבער, און דאַן מעלדעט זיך ווידער איינער, נ. הובערסאַן אין קעשענעוו, מיט אַ ביטע צו אחד העם׳ן, אַז ער זאָל אים דערלויבן איבערזעצן זיינעם אַן אַרטיקל אויף יידיש. אחד העם גיט גערן די דערלויבעניש, און ער בעט אַפילו אים צוצושטעלן דעם שפּעטער געדרוקטן עקזעמפּליאַר.

וועגן דעם שרייבט אחד העם (יעקאַטערינבורג 1 יוני 1906):

„צווישן די בריוו, וועלכע מען האָט מיר די טעג צוגעשיקט פון אדעס, האָב איך געפונען אייער בריוו. אומזיסט באַמיט איר זיך „צו פאַרענטפערן" פאַרן איבערזעצן מיין אַרטיקל אויף זשאַרגאָן. איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז מען טאָר זיך נישט באַנוצן מיטן זשאַרגאָן כדי צו ריידן צום פאָלק אין דער שפּראַך, וועלכע ער פאַרשטייט, און איך בין נישט געווען קיין קעגנער נאָר בלויז צו די „נאַציאָנאַליסטן", וועלכע מיינען, אַז מען קאָן דערהויבן דעם זשאַר־גאָן צו דער הויך פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך אנשטאָט העברעאיש.

אייער איבערזעצונג דאַרף, אַלזאָ, אָן און פאַר זיך קיין שום „היתר" נישט, און איך פאַרוואונדער עס אויך נישט קיין איבערזעצער, אויב ער קען נאָר זיין אַרבעט און זעצט גוט איבער. און פון דאָזיקן שטאַנד־

פונקט וואָלט איך געהאַט חשק צו זען אייער איבערזעצונג, ווארום איך צווייפל ווירקלעך אויב מען קאָן איבערזעצן אויף זשארגאָן אַן אַרטיקל ווי „משה", אַז ער זאָל נישט פארלירן זיין ליטעראַרישע פאָרם.

איך וועל זייער דאַנקבאַר זיין ווען איר וועט מיר צושיקן אייער איבערזעצונג נאָכדעם ווי זי וועט געדרוקט ווערן".

דער זעלבער אַרטיקל פון אחד העם, „משה", ווערט אויך שפּע־טער געדרוקט אין אַ נייער איבערזעצונג אין אַן אילוסטרירט יום־טוב־בלאַט „פסח", וואָס דער דראַמאַטורג און פארלעגער, ה. עפּפּעל־בערג, גיט אַרויס אין ווארשע, און אין אַ דריטער איבערזעצונג קומט ער אַריין אין אַ בוך „משה", אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען אויף דער טעמע פון פאַרשידענע שרייבער, איבערזעצט דורך ק—י (קאַרלינסקי).

אָבער אויסער די דאָזיקע איינציקע אַרטיקלען האָבן מיר אויך אויף יידיש אַ גאַנץ בוך פון אחד העם׳ס אַרטיקלען. דאָס בוך האָלט 130 זייטן און הייסט „אויסדערוויילטע שריפטן פון אחד העם", אי־בערזעצט (מיט דערלויבעניש פונם מחבר) דורך ש. צ. זעצער, פאַרלאַג „ביכער פאַר אַלע", ווארשע, תרע"ז.

דאָס בוך אנטהאַלט פאָלגנדע אַרטיקלען, אַלע גענומען פון ערשטן באַנד „על פרשת דרכים":

„חשבון הנפש, פריהייטס־שקלאַפן, אַ האַלבע טרייסט, הייליקעס און אַלטעגלעכקייט, מדת הדין און מדת הרחמים, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, מאָרגן־אידייען און נעכטן־אידייען, פארגאַנגענהייט און צוקונפט, נאָכאַמונג און אַסימילאַציע, דער כהן און דער נביא, און צוויי וועלטן".

וועגן דעם דאָזיקן בוך האָט אחד העם געשריבן אַ בריוו (לאָנדאָן 17 יאנואר 1913) צום איבערזעצער אין ברוקלין:

„איך האָב באַקומען דעם עקזעמפּליאַר פון אייער איבערזעצונג, וואָס איר האָט מיר פריינטלעך צוגעשיקט, און איך דריק אייך דער־מיט אויס מיין דאַנק.

איך האָב ביז איצט נישט געהאַט גענוג פרייע צייט צו לייענען אייער איבערזעצונג כסדר פון אָנהויב ביזן סוף, אָבער דאָס וואָס איך האָב געלייענט דורכלויפנדיק האָט מיך געבראַכט צו דער איבער־צייגונג, אַז דער איבערזעצער האָט זיין אַרבעט ערלעך געטאָן, דאָס הייסט, ער האָט זיך באַמיט פריער גוט צו פאַרשטיין דעם אָריגינאַל, און דערנאָך — איבערצוגעבן דעם אינהאַלט אויף אזא אַרט, אַז די לייענער פון דער איבערזעצונג זאָלן עס אויך גוט פאַרשטיין. און אויב דער זשאַרגאָן אַן און פאַר זיך איז אינגאַנצן נישט פּאַסיק, אַז מען זאָל אין אים באַהאַנדלען אַזעלכע פראַגן, איז דער איבערזעצער ניט שולדיק.

איר האָט זייער גוט געטאָן, וואָס איר האָט זיך באַנוצט מיט העברעאישע ווערטער און אויסדרוקן דאָרט וואו דער זשארגאָן האָט נישט זיינע אייגענע, און ניט, ווי אַנדערע פירן זיך, צו פאַרפולן דעם דאָזיקן מאַנגל פון דייטשן שפּראַך־אוצר.

צווישן די לייענער פון זשארגאָן איז די צאָל וואָס פאַרשטייט העברעאיש זיכער גרעסער ווי די, וועלכע פאַרשטייען דייטש. פונ־דעסטוועגן, דוכט זיך מיר, אַז דער גרעסטער טייל לייענער פון זשארגאָן וועלן אפילו די העברעאישע אויסדרוקן אין אייער איבערזעצונג אויך נישט קיין סך פאַרשטיין. און דעריבער ווידערהאָל איך דאָס וואָס איך האָב איך שוין אמאָל געשריבן: איך צווייפל אויב עס איז פאַראַן אַ גענוגנדער קאָנטינגענט לייענער פאַר אַזעלכע ביכער אויף זשארגאָן..."

לויט דעם וואָס אין דאָזיקן בוך זיינען אַריין אַרטיקלען בלויז פון ערשטן באַנד „על פרשת דרכים", איז צו זען, אַז עס איז געווען געפּלאַנט ארויסצוגעבן אויף יידיש די ארטיקלען אויך פון די איבע־ריקע בענדער „על פרשת דרכים". פון דעם פּלאַן איז אָבער גאָרנישט געוואָרן. ערשט אין 1917 האָט אחד העם'ס פריינט לובארסקי אין נויאָרק אים געשריבן, אַז דאָס וואָכנבלאַט „אַמעריקאַנער" וויל אָנהויבן דרוקן זיינע אַרטיקלען.

אחד העם איז דערצו (לאָנדאָן 30 יאַנואַר, 1917) מסכים. ער וויל אפילו דעם האָנאָראַר נישט פאַר זיך, נאָר ער איז גלאַט מסופק אויב פון דער גאַנצער זאַך וועט עפּעס ווערן:

„... און וועגן פאַרשלאַג פון דער צייטונג „אמעריקאַנער", אויב עס האָט ווירקלעך אַ גרונט, האָב איך גאָרנישט קעגן דעם — שרייבט אחד העם — איך האָב קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט מיין צושטימונג צום איבערזעצן מיינע ארטיקלען אין וועלכער עס איז שפּראַך. אָבער שטענדיק רייד איך אויס, אַז דער איבערזעצער זאָל זיין פּאַסיק דער־צו, און די קאָרעקטור זאָל געמאַכט ווערן ווי געהעריק. אין אנדערע שפּראַכן בין איך זיך נוהג צו לייענען די קאָרעקטורן, אָבער אין זשאר־גאָן וויל איך דאָס נישט, ווייל אויב איך וועל געפינען אַ פאַלשן אויס־דרוק, וועט מיר זיין שווער אים אויסצובעסערן, ווייל דער זשארגאָ־נישער סטיל (אויב עס איז פאַראַן אַזאַ סטיל) אין אבסטראַקטע ענינים איז מיר נישט באַקאַנט. און וועגן האָנאָראַר, האָב איך קיינמאָל נישט גענאָסן פון די איבערזעצונגען פון מיינע ארטיקלען, און אויך דאָס מאָל וויל איך נישט קיין געלט דערפאַר. אָבער איך גיב אייך איבער די זאַך, און אויב איר וועט ווירקלעך פון זיי קאָנען ארויסבאַקומען געלט, גיט עס אינגאַנצן אריין אין דער קאַסע פאַר דער העברע־אישער ליטעראטור אין אמעריקע (פאַרן „התורן" אָדער אַנדערע

באַדערפעניש). מער האָב איך נישט וואָס צוצוגעבן, ווארום באמת זעט מיר די גאַנצע זאַך אויס ווי געפּלוידערט, אַביסל אַמעריקאַנער „בלאָף”. . .

דאָס איז אייגנטלעך דער לעצטער בריוו וועגן דער פראַגע פון איבערזעצונגען אויף יידיש. אחד העם׳ס השערה איז געווען באַ־גרינדעט. פון פּלאַן פון „אַמעריקאַנער” איז, צוליב פאַרשידענע סבות, גאָרנישט געוואָרן.

עס קאָן זיין, אַז עס זיינען נאָך געווען פאַרשלאָגן און ווענדונ־גען צו אחד העם׳ן וועגן יידישע איבערזעצונגען פון זיינע ווערק, נאָר זיי זיינען געמאַכט געוואָרן שוין שפּעטער.

דער שרייבער פון די שורות ווייסט נאָר צו דערציילן, אַז אין אָנהויב 1925 האָט ער זיך געווענדעט צו אחד העם׳ן וועגן אַ דער־לויבעניש פאַר זיינעם אַ חבר איבערצוזעצן אַלע אחד העם׳ס שריפטן אויף יידיש, און אחד העם האָט אים גערן מינדלעך געגעבן די דער־לויבעניש דערצו.

ווען עס איז געקומען צו ריידן וועגן האָנאָראַר, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אויב מען וועט אים געבן געלט, וועט ער זיך נישט אָפּזאָגן צו נעמען, נאָר ער גלויבט נישט, אַז מען וועט אים געבן.

צוליב ריינע טעכנישע טעמים איז מיר נישט אויסגעקומען אָרייג־צוגיין מער צו אחד העם׳ן און נעמען ביי אים אַ שריפטלעכע דער־לויבעניש, און אַזוי איז דער ענין געבליבן נישט דערליידיקט.

איין מאָל נאָך איז אויסגעקומען אחד העם׳ן זיך צו דרוקן אין אַ יידישער צייטונג. דאָס איז געווען אין מאַי 1919. מיר דערוויסן זיך וועגן דעם אין אַ בריוו צו שמריהו לעווין אין לאָנדאָן.

עפּעס האָט אַ זשורנאַליסט געהאַט אין לאָנדאָן אַן אינטערוויו מיט אחד העם׳ן, און אחד העם האָט זיך געזען געצוואונגען, אין צו־זאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן אינטערוויו, אָפּצודרוקן אַ „וואָרנונג” אין נויאָרקער „טאָג”.

איצט קומען מיר צו אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל: אחד העם און זיין באַציאונג צו יידיש אין ארץ־ישראל, אָבער פאַר דעם איז איב־טערעסאַנט צו ברענגען אַ בריוו צו ש. בן־ציון אין יפו, וועגן אַ מערק־ווירדיקער געשיכטע. דער בריוו דערציילט וועגן דעם, אַז אחד העם האָט ענטשלאָסן געענדערט העברעאיש.

אַזוי פלעגט אחד העם אין די לעצטע יאָרן זיך באַמיען צו ריידן העברעאיש, הגם ער האָט אויך, ווי איך וועל שפּעטער דערציילן, גע־רעדט אין אַנדערע שפּראַכן, און דערונטער טאַקע יידיש. אָבער עפּנט־לעך פלעגט אחד העם קיינמאָל נישט ריידן העברעאיש, נאָר איין מאָל,

ווען ער איז אין 1907 געקומען קיין לאָנדאָן, און דאָרט באַקומען אַן איינלאַדונג זיך צו באַטייליקן אין אַ העברעאישן אָוונט, איז ער אַזוי געווען איינלאַדונג דערגרייכט. פֿון איינלאַדונג אָנגענומען, און ווען דעם שרייבט ער אין אויבנדערמאָנטן בריוו:

„איך וועל אייך עפּעס דערציילן פֿון וואָס איר וועט האָבן צו לאַכן: דאָס וואָס איך האָב אַבזיכטלעך נישט געטאָן נישט אין רוס־לאַנד און נישט אין ארץ־ישראל, טו איך געצוואונגענערהייט אין לאָנ־דאָן: איך רעד דאָ אָפּט העברעאיש. דאָ איז פֿאַראַן אַ געזעלשאַפֿט „דוברי שפת עבר", וואָס איר גרעסטער טייל מיטגלידער זיינען, נאַטירלעך, פֿון די מזרח־לענדער, אָבער עס זיינען אויך פֿאַראַן מענטשן פֿון אייראָפּע, און זיי קומען צו מיר און ריידן העברעאיש, און די דאָזיקע שטימען זיינען מיר אין לאָנדאָן אַזוי ליב, אַז איך האָב נישט די דרייסטקייט זיי צו ענטפֿערן אין אַן אַנדערער שפּראַך. און נישט נאָר דאָס — הערט און שטוינט! — דער דאָזיקער פֿאַראיין רופֿט אין איינעם וואָכן אַרום צונויף אַ „העברעאישע" פֿאַרזאַמלונג, און איך וועל אויך זיין צווישן די רעדנער, ווייל איך האָב נישט געקענט אָפּ־זאָגן די דאָזיקע יחידים, וואָס טראָגן די פֿאָן פֿון העברעאיש אין מיטן געטומל פֿון לאָנדאָן . . ."

אויב אין גלות האָט אחד העם נישט געהאַלטן העברעאיש אַלס די שפּראַך, וועלכע ייִדן ריידן, האָט ער אָבער געלייגט די גרעסטע האָפֿענונגען אויף העברעאיש אין ארץ־ישראל. אָבער דערביי שיידט ער זיך שטאַרק אָפּ פֿון די ארץ־ישראלדיקע העברעאיסטן. די דאָזיקע שטעלונג זיינע האָט ער פֿריער אַרויסגעוויזן אין די בריוו, וועלכע מיר וועלן דאָ ווייטער ברענגען, און שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, איז ער געקומען אין אָפֿטע קאָנפֿליקטן מיטן „גדוד מגיני השפה".

אין 1910 איז קיין ארץ־ישראל געקומען דער שריפֿטשטעלער אנכי, וועלכער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אַלס רעציטאַטאָר. עס איז געווען באַלד נאָכדעם ווי אנכי האָט אָנגעשריבן זיין באַרימטן ציקל חסידישע מעשות „ר' אבא", און אנכי האָט זיי געוואָלט פֿאָר־לייענען אין יפו, נאַטירלעך, אויף ייִדיש. עס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער סקאַנדאַל. ראַווניצקי, דער „ייִדישיסט", האָט דאָס אויס־גענוצט צו ווייזן אחד העם'ן ווי ווייט עס דערגרייכט דער פֿאַנאַטיזם פֿון די העברעאיסטן אין ארץ־ישראל, און אחד העם ענטפֿערט אים דערויף (באַדן־באַדן 23 סעפּטעמבער, 1910):

„. . . און וועגן אינצידענט פֿון „אנכי" אין יפו קאָן איך נאָר ווידערהאָלן דאָס וואָס איך האָב געטראַכט נעכטן, ווען איך האָב גע־

לייענט אין ציַיטונג דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין מאַגדעבורג וועגן דער בודזשעט־פראַגע (וואָרשיינלעך האָט איר דאָך געלייענט די איינצלהייטן, ווארום אונדזערע ציַיטונגען זיינען דאָך פול מיט באַריכטן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָנפערענצן פון דער גאַנצער וועלט): אויב די זאַך איז געשען אויסגערעכנט צוליב „פּאָליטישע" צוועקן, איז עס אַ נאַרישע פּאָליטיק. אויב אָבער עס האַנדלט זיך וועגן אַן אויסברוך פון געפילן פון עקסטער איבערגעבנהייט צו אַן אידעאַל, אַן אויסרעכענונגען וועגן די רעזולטאַטן, איז עס אַ שיינער פאַנאַטיזם, וועלכן מען דאַרף שעצן".

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען אחד העם האָט אַליין געלעבט אין ארץ־ישראל, האָט ער ערשט געהאַט די געלעגנהייט צו זען וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די דאָזיקע „אויסברוכן פון געפילן" טראָגן, און ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געזאָגט נישט קיין גוטע ווערטער אויף דעם אַדרעס פון די פאַנאַטישע יונגעלייט פון „גדוד מגיני השפה".

אָבער נישט געקוקט דערויף וואָס אחד העם האָט פיינט געהאַט דעם איבערגעטריבענעם פאַנאַטיזם פאַר העברעאיש אין ארץ־ישראל, איז ער געווען זיכער, אַז די שפּראַך פון די יידן אין ארץ־ישראל וועט זיין העברעאיש, און ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז נישט קיין זאַך פון דער צוקונפט, נאָר שוין פון דער איצטיקער קעגנוואַרט. די דאָזיקע פראַגע באַרירט ער אין אַ בריוו (לאָנדאָן 27 מערץ, 1912) צו מרדכי בן הלל הכהן אין יפו:

„. . . איר דערמאָנט מיך דעם ענין פון די שפּראַכן, וועלכע מען רעדט אין תל־אביב, און דורכדעם האָב איך זיך דערמאנט, אַז אין „ראַזסוויעט" איז געווען וועגן דעם אַ סטאַטיסטיק, וועלכע איז, לויט אַ מעלדונג פון דער רעדאקציע, זיי צוגעשיקט געוואָרן פון בצלאל יפה.

לויט דער דאָזיקער סטאַטיסטיק קומט אויס, אַז נאָר דריי־און־פערציק פּראָצענט איינוואוינער ריידן העברעאיש, און יידיש ריידן פינף־און־דרייסיק פּראָצענט. איך וואונדער זיך זייער אויף אונדזער רב בצלאל, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט פון אונטער זיין האַנט אַ נישט־פאַרטיקע זאַך, וואָס קאָן דינען אַלס געווער אין די הענט פון די שונאים פון העברעאיש. ווארום אויב אין תל־אביב רעדט די מערהייט באַפּעלקערונג אין פרעמדע שפּראַכן, און דער זשאַרגאָן הערשט דאָרט כמעט אין אַ גלייכער מאָס מיטן העברעאיש, וואו זשע איז, אַלזאָ, די אויפלעבונג פון העברעאיש? כדי צו געבן אַ ריכטיקן באַגריף ווי די לאַגע איז ווירקלעך, האָט מען געדאַרפט געבן אויס־פירלעכע ציפערן: קינדער באַזונדער, מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער, און דעמאָלט וואָלט דאָס בילד געווען גאָר אַנדערש, און

אַלע וואַלטן געזען, אַז די קינדערריידן כמעט אַלע העברעאיש, און די מענער — דער גרעסטער טייל".

די פראַגע וועגן העברעאיש אָדער יידיש אין ארץ־ישראל איז ביי אחד העם'ן נישט נאָר אַ נאַציאָנאַלע, נאָר אויך אַ פּאָליטישע. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ענגלאַנד געהאַט זייער אַ קליינע השפעה אויף ארץ־ישראל, וואָס איז געווען אין די הענט פון די טערקן. דער ציוניסטישער צענטראַל קאָמיטעט האָט געהאַט זיין זיץ אין קעלן, דער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אַרויסגעגאַנגען אין דער דייטשער שפּראַך. די אָפיציעלע שפּראַך פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן איז געווען דייטש, אָבער שוין דעמאָלט האָט געהערשט אַ מיינונג אין די ציוניסטישע אָנפירנדע רייען, אַז מען דאַרף זיך חבר'ן מיט ענגלאַנד. דר. הערצל, דער ערשטער ציוניסטישער פּרעזידענט, וואָס איז אליין געווען אַן עסטרייכישער (אלזאָ — דייטשער קולטור־ייד) האַלט זיך אויך (ווי עס איז צו זען פון זיינע „טאָג־ביכער") אין דער מיינונג, אַז ארץ־ישראל וועט געהאָלפן ווערן נאָר דורך ענגלאַנד.

אחד העם, וואָס איז זיך ווייט פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דער אויפפאַסונג פון ציוניזם מיט הערצלען, איז אָבער אין איין מיינונג געווען אייניק מיט אים — און דאָס איז אין דער ראָל פון ענגלאַנד פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל. אחד העם, וואָס האָט נאָך דערצו אייניקע יאָר געוואוינט אין דער הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד — לאָנדאָן, און פון דאָרט געקומען אין פאַרבינדונג מיט די הויכע יידיש־ענגלישע און ענגלישע קרייזן, האָט זיך באַזונדערס געהאַלטן באַרעכטיקט צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דער באַדייטונג, אַז דער ציוניזם זאָל זיין אין אייַנקלאַנג מיט דער ענגלישער פּאָליטיק.

אין אַ בריוו פון לאָנדאָן (20 מאַי 1913) צו מ. סמילאַנסקי אין רחובות, באַהאַנדלט ער די פראַגע וועגן דעם וואָס אין ענגלאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט דער גלויבן, אַז דער ציוניזם שטרעבט צו פאַרשטאַרקן דעם דייטשן איינפלוס אין אָריענט, און אַלע הכחשות פון די ציוניסטן העלפן נישט אויסצואוואָרצלען דעם דאָזיקן חשד ביי די ענגלענדער.

און באַלד דערויף באַמערקט א"ה: „דערמאָנט זיך נאָר, דער ציוניזם איז „באשאפן" געוואָרן דורכן „דייטש" הערצל. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אין דייטשלאַנד, און די יידן, וועלכע באַזעצן זיך אין ארץ־ישראלריידן דייטש (דער ענגלענדער קאָן זיך נישט פאַנאַנדערקלייבן צווישן זשאַרגאָן און דייטש), און דאָס אַלץ צוזאַמען גענוגט צו דערוועקן ביים ענגלענדער דעם חשד".

אָבער ווידער אמאָל דאָס זעלבע. געוויס דאַרף מען איינפירן העברעאיש אין ארץ־ישראל, אָבער נישט דורך צוואַנג, נישט דורך באַליידיקן דעם וואָס רעדט נישט העברעאיש, אָדער ווער שמועסט נאָך — באַרויבן זיינע רעכט.

און ווען אחד העם דערוויסט זיך, אַז בעת וואַלן אין תל־אביב וויל מען מאַכן באַגרענעצונגען צוליב נישט באַנוצן זיך מיט העב־רעאיש, שרייבט ער (לאָנדאָן 2 פעברואר 1919) צו מרדכי בן הלל הכהן אין ירושלים:

„אויב מען האָט ארויפגעלייגט אַ פליכט אויף דעם וואָס וויל געוויילט ווערן (אָדער, ווי עס ווילן אנדערע, אויף די וויילער איבער־הויפּט) אַז זיי מוזן קענען העברעאיש — בין איך גענויגט צו די, וועלכע זיינען קעגן דעם . . .״

קיין צוואנגס־מיטלען פאַר העברעאיש. אָבער ווען מען וויל אָנ־הויבן אַ קאַמף פאַר יידיש אין ארץ־ישראל, ווייטיקט דאָס אחד העמ׳ן, און אין אַ בריוו (לאָנדאָן 20 יולי 1919) צו בן־עמין אין געגנף שרייבט ער:

„צי ווייסט איר, אַז מיר שטייען שוין פאר א שפּראַכן־קאַמף אין ארץ־ישראל, און עס איז זייער מעגלעך, אַז אינגיכן וועלן מיר האָבן אַ טריאומף־געשריי פון לאַגער פון די „פּועלי־ציון״ און זייערע סימ־פּאַטיקער, וואָס גרייטן זיך ארויסצוהענגען דעם זשאַרגאָנישן פאָן אויפן יידישן באָדן?״

אין שריפט וועגן אחד העמ׳ס באַציאונג צו יידיש געפינען זיך בלויז נאָך צוויי זאַכן: אַזוי באַנוצט ער (לאָנדאָן 2 אָקטאָבער 1918) אין א בריוו צו מרדכי בן הלל הכהן אין ירושלים דעם פאָלגנדיקן אויסדרוק אויף יידיש: „אַ נאַרישקייט אַז עס איז געראָטן, בלייבט עס דאָך אַ נאַרישקייט״, און אין אַ בריוו פון י״ד שבט תרע״ח צו א. טעסעל אין לאָנדאָן (געשריבן פון לאָנדאָן) אַלס ענטפער אויף אַן איינלאַדונג צו אַ טרויער פאַרזאַמלונג נאָך מענדעלע מוכר ספרים, באַרירט אחד העם אַן אינטערעסאַנטע פראַגע: די באַציאונג פון מענדעלען צו יידיש און העברעאיש. ער שרייבט:

„אויף איין דערשיינונג וואָלט איך אייך אָבער געוואָלט אויפ־מערקזאַם מאַכן, ווייל דאָס איז באַזונדערס נוגע א העברעאישער פאַר־זאַמלונג. אין פאַרלויף פון די פיל יאָרן, וועלכע איך האָב געוואוינט צוזאַמען מיט ר׳ מענדעלע, האָב איך אפילו איין מאָל נישט געהערט פון אים קיין קלאָרע דערקלערונג וועגן דעם „שפּראַכן־קאַמף״ ביי אונדז. ווארום, אויך אין דער דאָזיקער זאַך איז ער געגאַנגען נאָך זיינע קינסטלערישע נייגונגען, און ער האָט נישט געצוואונגען זיין האַרץ צו פאַרקנעכטן זיך צו אַ באַשטימטן פּרינציפּ.

ער האָט געשריבן זיינע בעסטע ווערק אויף יידיש *), נישט דערפאַר ווייל ער האָט זי ליבער געהאַט פאַר העברעאיש, נאָר דערפאַר ווייל דאָס לעבן פון „תחום", וואָס ער האָט געשילדערט אין זיינע ווערק, איז פאַרבונדן אָרגאַניש מיט דער דאָזיקער שפּראַך, און זיין קינסטלערישער חוש האָט אים נישט געלאָזט פאַנאַנדערטיילן צווישן די באהאפטענע זאַכן און דורכדעם פאַרקלענערן דאָס לעבעדיקע בילד, וואָס ער האָט געוואָלט צייכענען מיט דער גאַנצער נאַטירלעכקייט און אמת. דאָס האָט געטאָן דער קינסטלער אין אים, אָבער נאָכדעם האָט זיך פאַרשטאַרקט דער ייד אין אים, און האָט אים גע־צוואונגען איבערצוזעצן זיינע בעסטע שאַפונגען אויף העברעאיש. די דאָזיקע איבערזעצונג איז געווען כמעט זיין איינציק ווערק אויף דער עלטער, און ווער עס האָט נישט געזען ווי אַזוי דער אַלטער האָט גע־אַרבעט אויפן איבערזעצן זיינע ווערק, ווי אַזוי ער האָט מדקדק גע־ווען אויף יעדן אויסדרוק, אויף יעדן וואָרט, אַז די העברעאישע איבערזעצונג זאָל נישט אָפּשטיין פון זשאַרגאָנישן אָריגינאַל — דער האָט קיינמאָל נישט געזען אַ „ליבהאָבער פון העברעאיש".

— — —

אין 1921 האָט זיך אחד העם באַזעצט אין תל־אביב, געקומען קיין ארץ־ישראל איז ער שוין קראַנק און פאַרמאַטערט. ער האָט זיך דאָ אַפילו באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן (געווען אַ מיט־גליד אין דער שטאָט פאַרוואַלטונג פון תל־אביב), אָבער עפנטלעך פלעגט ער קיינמאָל נישט אויפטרעטן. אויך געשריבן האָט ער זייער ווייניק. וואָס ער האָט דאָ געטאָן איז געווען דאָס צוזאַמענשטעלן די זעקס בענדער פון זיינע בריוו פון וועלכע מיר האָבן געבראַכט די בריוו וועגן דער פראַגע פון יידיש.

אין פּריוואַטן לעבן פלעגט זיך אחד העם באַנוצן מיט דער העב־רעאישער, רוסישער און יידישער שפּראַך. (דער דיכטער א. פּאַזי גיט איבער, אַז אויף אַ מיטינג אין לאָנדאָן וועגן יידישן לעגיאָן, אויף וועלכן עס זיינען אויפגעטראָטן זשאַבאָטינסקי, סאָקאָלאָוו און אחד העם, האָט אחד העם גערעדט יידיש). מיט דער פרוי פלעגט ער כסדר ריידן יידיש. טיילמאָל האָט דאָס אויך פּאַסירט מיט די מיטגלידער פון „אַדעסער קלייזל", מיט וועלכע ער האָט זיך אָבער באַמיט צו ריידן העברעאיש.

אין זיין ביבליאָטעק זיינען אויף יידיש געווען נאָר דריי בי־

*) בלשון המדוברת — אין אָריגינאַל.

כער: זעצערס איבערזעצונג פון זיינע ווערק, אַ יידישע איבערזעצונג פון ספּענסער און אַ ביכל פון משה עובד פון לאָנדאָן. די לעצטע צוויי זיינען אים צוגעשיקט געוואָרן, אָבער — ווי ער האָט מיר דערקלערט — האָט ער אין זיי קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט.

דאָס וואָס אחד העם פלעגט טיילמאָל ריידן אין גאַס יידיש, האָבן די מיטגלידער פון „גדוד מגיני השפה" (דער פאַרבאַנד צו באַשיצן די העברעאישע שפּראַך) באַטראַכט פאַר אַ פּשוטן פאַרראַט, און אין דער ערשטער צייט פלעגן זיי אים אין מיטן גאַס אַריינשטעקן צעטעלעך מיט דער אויפשריפט „עברי, דבר עברית" (ייד, רייד העברעאיש!)

ווען אחד העם, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון קוראַטאָריום פון דער העברעאישער גימנאַזיע אין תל־אביב, פלעגט יעדן טאָג אין דער פרי באַזוכן די גימנאַזיע (וועלכע האָט זיך געפונען צוויי הייזער נעבן זיין וואוינונג), האָט ער גאַנץ אָפט, צוריקקומענדיק צו זיין וואוינונג, געטראָפן אויפגעקלעפּט אויף דער טיר דאָס צעטעלע „עברי, דבר עברית". יעדן טאָג ווען ער פלעגט עפענען די פענסטער פון זיין וואוינונג, פלעגן די גדוד'ניקעס אַריינוואַרפן די צעטעלעך. דאָס האָט אחד העם'ן זייער אויפגערעגט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ווער עס רעדט בשוגג יידיש אין ארץ־ישראל, קומט אים גאָרנישט דערפאַר.

אחד העם'ס סעקרעטאַר יוחנן פּאָגרעבינסקי גיט מיר איבער פאָלגנדיקן עפּיזאָד: „איינמאָל איז אחד העם אַריינגעקומען צו זיך אין ביבליאָטעק, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, און האָט נישט געפונען קיין צעטעלע פון „גדוד", איז ער אַרומגעגאַנגען אַביסל אויפגערעגט, ווי עס וואָלט אים עפּעס געפעלט".

דער „יוד" איז אַ ייד

פון מ. ספעקטאר *

אין אייער צייטונג, אין איינעם פון די לעצטע נומערן, פרעגט ה' א־ד־ם אַ מין קשיא — ווער איז „דער יוד?"

דעם אמת געזאָגט איז דאָס, אייגנטלעך, גאָר קיין קשיא ניט, נאָר אַזוי ווי יעדע קשיא מוז האָבן אַ תירוץ, קען מען ענטפערן, מיט דעם זעלבן וואָס אַ רבי האָט אַמאָל געענטפערט זיינע חדר־יינגלעך ביים חומש:

— רבי, וואָס איז די טייטש משה? — משה איז די טייטש משה.

— ווער איז „דער יוד?" — „דער יוד" איז די טייטש אַ ייד.

און וואָס איז אַזוינס אַ ייד, ווייסט יעדער. ס'איז דאָ, אמת, יידן וועלכע אויסער וואָס זיי טראָגן דעם נאָמען ייד זיינען זיי אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר ניט קיין יידן, — פון אַזעלכע שמועסט מען אָבער ניט. מיר מיינען אַזעלכע יידן, וואָס האָבן ליב דעם יידן מיטן גאַנצן האַרצן. זיי זיינען גרייט פאַר זייער פאָלק זיך מקריב זיין, העלפן מיט וואָס זיי זיינען נאָר אימשטאַנד, זיך פרייען מיט זיינע שמחות און ליידן מיט זיינע צרות, און קיין זאַך איז זיי ניט שווער און טייער זיי זאָלן זייערע ברידער שאַפן פאַרגעניגן, פאַרגרינגערן און פאַרזיסן זייער שווער לעבן.

און אָט דאָס איז „דער יוד" און דערויף איז ער באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט.

„דער יוד" האָט ליב זיין מוטער־שפּראַך, אויף וועלכער ער רעדט צו זיינע ברידער און דורך וועלכער ער וויל זיי ברענגען נוצן.

ה' א־ד־ם פאַרזיכערט, אַז מען דאַרף ניט ליב האָבן און ניט אָפּ־געבן כבוד אונדזער מוטער־שפּראַך — דעם יידישן זשאַרגאָן.

איך פאַרשטיי ניט ווי אַזוי מען קען שרייבן און וועלן נוצן ברענ־גען מיט אַ שפּראַך וואָס מען האָט ניט ליב.

איך מיין אַז דער שרייבער וואָס האָט פיינט די שפּראַך אויף וועל־כער ער שרייבט, טאָר גאָר ניט שרייבן, וואָרום אַן ליבע, אַן הייליק פייער צום פאָלק און צו זיין שפּראַך, אויף וועלכער ער רעדט מיט אים, קען ער ניט נוצן ברענגען, נאָר פאַרקערט — שאַדן.

---

*) געדרוקט אין „דער יוד".

ה׳ א־ד־ם פאַרלאַנגט פון יידישע שרייבער, זיי זאָלן שפּייען אין דער קרעניצע און דערנאָך געבן יענעם טרינקען.

פון דעם קוואַל אין וועלכן מען שפּייט, טרינקט מען ניט — זאָגט דאָס יידישע פאָלק.

דער ייד מעג קענען העברעאיש און אַלע שבעים־לשון, נאָר אויב זיין ערשט וואָרט איז געווען מאַמע, טאַטע, מוז ער ליבן און שעצן די שפּראַך אויף וועלכער ער האָט אָנגעהויבן ריידן.

און ווי מען זאָל וועלן אַרויסרייסן פון יידישן האַרץ די ליבע צו זיין מוטער־שפּראַך, וועט עס קיינעם ניט געראָטן. עס איז אַ פאַר־פאַלענע געשיכטע . . .

אַ פּראָסטער ייד, אָדער דער געבילדעטער, ווען ער דערציילט אַ יידישן וויץ אָדער זכרונות פון זיין יוגנט, אויף פּראָסט „מאַמע־לשון", קוקט זיך דעמאָלט צו אין זיינע אויגן, וועט איר באַלד דאָרט באַמערקן אַ הייליק פייערל פול מיט ליבע צו זיין מוטער־שפּראַך.

מיט וויפיל טרערן באַגיסט זיך אַמאָל אַ יידיש האַרץ ווען ער אַליין זינגט אָדער הערט זינגען אַ יידיש לידל.

דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר רובינשטיין, וואָס איז שוין אַזוי פיל יאָרן ווייט געווען פון יידן און פון זייער שפּראַך, פלעגט אָפט מיט דער גרעסטער ליבע זיך ווערטלען אויף פּראָסט יידיש.*)

אונדזער העברעאישער פּאָעט י. ל. גאָרדאָן, ווען ער פלעגט זיך טרויעריק פאַרטראַכטן, איז זיין בעסטע טרייסט געווען אין דער שטיל זיך זינגען אַ יידיש לידל מיט אַזאַ האַרציקע ליבע צום יידן, מיט אַזוי פיל געפיל, אַז עס האָט געקאָנט רירן דעם ערגסטן פאַרשטיי־נערטן יידן.

מען דאַרף הערן אונדזער רוסישן פּאָעט פרוג ווען ער לייענט פאַר זיך זעלבסט אויסנווייניק זיינע יידישע שירים, קען מען דעמאָלט וויסן וויפיל ליבע עס געפינט זיך אין אַ יידיש האַרץ צו זיין מוטער־שפּראַך.

טויזנטער ביישפּילן, און דווקא פון יידן מיט שבעים־לשון, וואָלט איך דאָ געבראַכט צו באַווייזן ווי גרויס ס'איז ביי יעדן יידן די ליבע צו אונדזער מוטער־שפּראַך, נאָר איך רעכן עס פאַר איבעריק, ווייל יעדעס יידיש האַרץ פילט דאָס אָפטמאָל, כאָטש טייל פאַרגעסן אַמאָל אין דעם, אָדער זיי האָבן זיך איינגעבילדעט, אַז ס'איז אַ חיוב זיך צו שעמען מיט „מאַמע־לשון".

ווידער פאַרלאַנגט ה׳ א־ד־ם, אַז „דער יוד" זאָל אָנהויבן מיט

---

*) „דעראינערונגען וועגן רובינשטיין" פון ר. יוליש (וואָסכאָד 11, 1898).

זיינע לעזער פון אַלף־בית. דאָס איז דאָך אַ גרויסער טעות. אונ־דזערע „משכילים״ מאַלן זיך אויס, אַז זיי שטייען אויפן זיבעטן הימל און די „מאַסע״ ערגעץ טיף, טיף אין דער ערד, און זייערע „שטראַלן״ קענען בשום אופן נישט גרייכן אַהין . . . זיי פאַרגעסן גאָר, אַז דאָס יידישע פאָלק איז ניט קיין פאַרגרעבט פאָלק, ניט קיין עם הדומה לחמור, קיין פאַרשטאָפּטע קעפּלעך, און ווי דער ייד זאָל זיין פּראָסט איז ער נאָך געניג אנטוויקלט צו פאַרשטיין העכערע זאַכן. ער האָט פיינט אלף־בית. מיט אַנדערע ווערטער: ער האָט פיינט טרוקענע, פּיסנע, סקוטשנע זאַכן, און אַז מען וועט אים געבן אין אַ צייטונג אלף־בית וועט ער גאָר ניט לעזן אָדער ער וועט געניצן. יידן האָבן ליב מען זאָל צו זיי ריידן ווי מיט דערוואַקסענע מענטשן, ניט ווי מיט קינדער.

קיינער וועט זיין קעגן, אַז עס איז זייער נויטיק פאַר דעם פאָלק ווויסנשאַפט א. ד. ג., נאָר דאַרויף ברויכט מען אַרויסגעבן באַזונדערע ביליקע, פּאָפּולערע ביכלעך, אָדער אפילו אַ ספּעציעלן וויסנשאַפט־לעכן זשורנאַל, אויב עס איז נאָר מעגלעך, אָבער אַזאַ צייטונג ווי „דער יוד״ דאַרף האָבן אין זיך לעבן, אַ סך לעבן.

עס איז אויך ניט ריכטיק וואָס ה׳ א־ד־ם זאָגט צום סוף, אַז „דער יוד״ רעדט מיט זיינע לעזער פון אויבן אַראָפּ, פון שפּיץ דאַך. אַ שיינעם באַגריף האָט ה׳ א־ד־ם פון אונדזער פאָלק, אַז אַזעלכע אַרטיק־לען וועלכע זיינען געשריבן זייער פּאָפּולער, פאַרשטענדלעך, הייסט ביי אים גערעדט פון אַ שפּיץ דאַך! און ווען פּליייכט עס קומט אַמאָל פאַר איין אַרטיקל פון אויבן אַראָפּ, איז אויך ניט קיין אומגליק; ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, יידן זיינען ב״ה ניט קיין פאַרשטאָפּטע קעפּלעך, ווען עס איז שווערלעך, האָבן זיי ליב אָביסל קנייטשן מיטן שטערן ביז זיי פאַרשטייען און דעמאָלט זיינען זיי זייער צופרידן.

צו ענדע מוז איך זאָגן ה׳ א־ד־ם, אַז מיר דאַרפן קיינמאָל און אויף קיין איינציקע מינוט ניט פאַרגעסן, אַז צווישן די פינף מיליאָן יידן אין רוסלאַנד אַליין געפינט זיך ביי אַ פיר מיליאָן וואָס אויסער זייער יידישער מוטער־שפּראַך פאַרשטייען זיי ניט קיין אַנדער לשון.

דערצו דאַרף מען אויך שטענדיק געדענקען אַז יידיש (זשאַרגאָן) איז אַ שפּראַך גלייך ווי אַנדערע (כאָטש זי האָט ניט קיין גראַמאַטיק), ווייל זי האָט זיך איר געשיכטע כמעט 600 יאָר, איר ליטעראַטור מיט אירע שרייבער, גוטע און שלעכטע, גלייך ווי ביי אַנדערע. יידישע שרייבער ווערן איבערגעזעצט אין פרעמדע שפּראַכן און אין יידישע טאַלאַנטן פלאַקערט דער זעלבער הייליקער פונק און גייסט אויך גלייך ווי ביי אַנדערע.

עס איז נאָך ניט באַשאַפן געוואָרן די קראַפט וואָס זאָל קענען

אַרויסרייסן די ליבע צו אונדזער מוטער־שפּראַך פון עטלעכע מיליאָן ייִדן, ביי וועלכע זי עקסיסטירט שוין זעקס הונדערט יאָר.

נאָך דעם אַלעמען מוז איך זאָגן, אַז ה׳ א־ד־ם איז זיך שטאַרק טועה, ווען ער מיינט אַז „די נאַאיווע זשאַרגאָן־שוואַרמער ווילן דורכ־אויס אַז דער זשאַרגאָן זאָל בלייבן ביי אונדז אַ ווירקלעכע נאַציאָנאַלע שפּראַך״. קיינער דענקט גאָר ניט אַזוי. קיינער איז אָבער אויך ניט שולדיק, וואָס מיר זיינען געבוירן געוואָרן מיט אַ מאָגן און מען מוז עסן, אוודאי וואָלט בעסער געווען צו לעבן אָן אַ מאָגן.

מיר „נאַאיווע זשאַרגאָן־שוואַרמער״ גלויבן, אַז דער ייִדישער זשאַרגאָן איז נויטיק פאַר אונדזער פאָלק ווי עסן, נויטיק ווי די אויגן אין קאָפּ. מיר דענקען ניט פון ייִדישן זשאַרגאָן אַמאָל נחת צו האָבן, מיר קוקן ניט אויף זיין צוקונפט, מיר קוקן ניט אויף קיין סך טעלער, מיר קוקן, ווי מען זאָגט אויף פּראָסט ייִדיש, „אין טאָפּ אַריין״ — וואָס עס איז געזונטער פאַר אונדזער פאָלק, דאָס געבן מיר זיי. מיר גלויבן אַז נאָר מיט דעם זשאַרגאָן קען מען דעם פאָלק, וואָס פאַרשטייט קיין אַנדער שפּראַך, נוצן ברענגען, מיר גלויבן אַז אַלץ וואָס אונדזערע פאָלקס־פאַרזאָרגער טוען און שרייבן, און דאָס פאָלק ווייסט ניט און פאַרשטייט זיי ניט, איז ניט ווערט קיין צעבראָכענער גראָשן, ווארום אַלץ וואָס מען טוט פאַר דעם פאָלק אָן דעם פאָלק, שטייט אויף הי־נערשע פיסלעך און עס קען ניט האָבן קיין שום ממש.

עס דאַרף ענדלעך אויפהערן ביי אונדז דאָס אַלטע לידל פיינט האָבן אונדזער מוטער־שפּראַך צוליב אונדזער ליבע צו העברעאיש. איז דען דער מענטש געבוירן ליב האָבן נאָר איין זאַך? דער מענטש איז ב״ה פון דער נאַטור פּיאיק ליב צו האָבן פיל זאַכן. מיר מוזן ביידע שפּראַכן ליב האָבן, ווייל זיי זיינען אונדז ייִדן ביידע נויטיק ווי אונ־דזער לעבן.

„דער יוד״ האָט ביידע ליב. זיין צוועק איז: אַלע זיינע פּיאיקייטן באַנוצן פאַר אַלע זיינע ברידער, אַז זיי זאָלן זיין מענטשן פאַר זייער פאָלק און פאַר דער וועלט.

„דער יוד״, אויף וועלכן ה׳ א־ד־ם פרעגט „ווער איז ער״, איז נאָך זייער יונג, און אויב ער האָט לאַנגע יאָרן, וועט ער געוויס גרויסע נוצן ברענגען זיין פאָלק, און אפילו אונדזערע גייסטיקע אַריסטאָ־קראַטן, וואָס בלאָזן זיך איצט אויף אים, וועלן אויך אַרויסזען ווער ער איז און מוזן מודה זיין אַז דער יוד איז אַ ייִד, וואָס אַלע ייִדן אינ־טערעסירן זיך מיט אים.

װעגן דער ייִדישער שפּראַכן-פּראַגע

פון מתתיהו מיזיש (פּרזשעמישל) (1)

ביז איצט האָבן מיר געוואוסט, אַז יעדעס פאָלק שטרעבט אויס־דריקן זיינע געדאַנקען און געפילן אין זייער אייגענער מוטער־שפּראַך. מיר האָבן די דאָזיקע שטרעבונג געהאַלטן פאַר אַ גערעכטע און צו־געפּאַסט צו די געזעצן פון דער קולטור־אַנטוויקלונג. אָבער אָט האָט צו אונדזערע אויערן דערגרייכט אַ נייע תורה. אחד העם האָט זי פּראָקלאַמירט (2). די פאָלקס שפּראַך איז גאָרנישט די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון פאָלק. מיר האָבן אַלע געהאַט אַ טעות, באַשטימט אחד העם מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט. כדי דאָס פאָלק זאָל עס דערהייבן צו אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, איז נישט גענוג, אַז עס זאָל זיין אַ „מוטער שפּראַך", נאָר עס איז נויטיק, אַז עס זאָל גלייכצייטיק אַנטהאַלטן „אויך דעם גייסטיקן אוצר פון דעם פאָלק פון דור דורות".

גייט און דערציילט אָט די תורה צו דעם נאָרוועגער, וועלכער פאַרנעמט זיך איצט מיטן שאַפן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון זיין מוטער־שפּראַך. פרעגט אים: פאַרוואָס בייגט ער נישט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַר דעם נייעם פילאָלאָגישן באַשלוס און האַלט זיך ניט ווייטער אָן דער פינלענדישער שפּראַך, אין וועלכער עס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן זיין גאַנצער גייסטיקער אוצר פון דור דורות? ווער זיינען די גרויסע בויער פון דער פינלענדישער שפּראַך אויב נישט די בעסטע זין פון נאָר־וועגן? ביערנסאָן און איבסען זיינען די קינדער פון די פיאָרדן און די גלעטשערס. די נאָרוועגישע פויערים־שפּראַך האָט אינגאַנצן נישט קיין ליטעראַטור. עס איז אין איר גאָרנישט אָנגעזאַמלט געוואָרן פון די שטראַלן פון דער מיטן־נאַכטיקער זון. עס שפּיגלט זיך דאָרט גאָרנישט אָפּ דער שיין פון די צפון ימים. מען דאַרף דעריבער שטוי־נען אויף די נאָרוועגער פאַרוואָס זיי פאַרלאָזן אָט די גאַנצע ליטע־ראַטור, וואָס האָט ביז איצט איינגעזאַפּט זייער גאַנצן כוח און גייסט, און האָבן זיך גענומען אויפבויען אַ נייע בימה, דערהייבן זייער מוטער־שפּראַך צו דער ליטעראַרישער שפּראַך פון זייער פאָלק.

---

(1) געדרוקט אין העברעאיש אין „העתיד", באַנד 3, בערלין, 1911. דאָ געדרוקט אין מיין יידישער איבערזעצונג.

(2) אחד העם אין זיין אַרטיקל „ריב לשונות".

די גאונים פון דער פוילישער ליטעראטור זיינען ליטווינער (מיצקעוויטש, שענקעוויטש, ארזשעשקאָווא, א. א.). אין דער פוילישער שפּראך האָט זיך ביז איצט אויסגעדריקט דער גייסט פון פאָלק, וואָס וואוינט ביים ניעמאן און ביי דער ווילייע. נו, זייט אזוי גוט און פרעגט דאָס ליטווישע פאָלק פארוואָס וויל עס נישט באטראכטן די פוילישע שפּראך, וועלכע איז ביז איצט געווען זיין ליטערארישע שפּראך, ווי זיין נאציאָנאלע שפּראך? פארוואָס באמיען זיך איצט די ליטווינער צו שאפן א ליטעראטור אין זייער דאָרפישער שפּראך, וועלכע איז ליידיק פון יעדן היסטאָרישן און קולטורעלן אינהאַלט, בלויז דערפאַר ווייל זי איז זייער מוטער־שפּראַך?

די רוטענער האָבן אָנגעזאמלט זייערע בעסטע קרעפטן אין דעם אוצר פון דער רוסישער ליטעראטור (גאָגאָל, קאָראָלענקא א. א.). ווי אָרעם און נעבעכדיק איז זייער אוצר אין זייער אייגענער פויערישער שפּראך, און דאָך שטוינט און וואונדערט! די רוטענער טיילן זיך אָפּ פון זייערע רוסישע ברידער און שטרעבן צו זען נאָר אין זייער מוטער־שפּראך דעם אויסדרוק פאר זייער גייסט און נשמה. דער גייסטיקער אוצר פון די רוטענער איז אויסגעדריקט אין רוסיש, אָבער די רוטענער ווילן נישט באטראכטן דאָס רוסישע ווי זייער נאציאָנאלע שפּראך און זיי גרינגשעצן נישט, אז זייער מוטער־שפּראַך איז נאָר אַ דיאלעקט.

אויך אין מערב אייראָפּע, וואו די קולטורן זיינען אביסל עלטער און די נאציאָנאלע איינשטעלונגען זיינען אביסל מער פאָרטגעשריטן, לייגט מען גאָרנישט קיין אכט אויפן געזעץ פון דער נאציאָנאלער שפּראך, וואָס אחד העם האָט דערפונדן. די פּראָוואנסאלער זיינען אַ באשטאנד־טייל פון א גרויסן קאָלעקטיוו מיט אַ מעכטיקער קולטור. אין דער דאָזיקער שטארקער קולטור, אין דער פראנצויזישער, איז אָנגעזאמלט זייער נשמה, די נשמה פון דעם איצטיקן דרום. פונדעסטוועגן גייט שוין דאָרט אָן צענדליקער יאָרן אַ שטארקער קולטורעלער סעפּאראטיזם. לאנג ד'אָך דערציילט, אַז זיי ווארפן אָפּ פון זיך די אָפיציעלע שפּראַך, וואָס איז פרעמד זייער גייסט, און זוכן אַ פרייען אויסדרוק אין דער שפּראך זייערע וואָס איז פאר זיי נאטירלעך. די שאפונגען פון געניאלן מיסטראל באווייזן אויף וויפל עס זיינען גערעכט אָט די פאָדערונגען פון די פראנצויזישע סעפּאראטיסטן. און פונקט אזוי ווי די פּראָוואנסאלער, אַזוי טרייסלען זיך אָפּ אויך די קאטאלאָנער פון דער אפּוטרופּסות פון דער „נאציאָנאלער שפּראך” און באַפרייען זיך פון דעם שפּאנישן יאָך וואָס דריקט זיי. זייער שפּראך געווינט איר זעלבסטשטענדיקייט.

דער קאַטאַלאַנישער שבט שיידט זיך אָפּ פון שפּאַנישן פאָלק ווי אַ ניי פאָלק, וואָס האָט אפילו פּאָליטישע פאָדערונגען. דער דאָזיקער שבט האָט דערפילט, אז דער מרחק צווישן אים און צווישן דער שפּאַנישער קולטור איז צו גרויס און ער טיילט זיך אָפּ פון אים און נעמט בויען פאַר זיך אַ נייע היים.

יעדע ליטעראַרישע שפּראַך איז מער אָדער ווייניקער אַ פאָלקסשפּראַך. די ליטעראַרישע שפּראַך פון אַ לעבעדיק פאָלק איז ניט קיין אַרכעאָלאָגישער למוד. דעצידירן דאָ טוט נישט דאָס וואָס איז אַמאָל אָנגעזאַמלט געוואָרן אין דער גייסטיקער שפּראַך פון פאָלק, נאָר דאָס וואָס עס קאָן אויך היינט און ווייטער אָנגעזאַמלט ווערן אין דער שפּראַך פון דעם פאָלקס גייסט. דער וואָס פאַרנעמט זיך נאָר מיט דער פאַרגאַנגענהייט, וועט זיך ווענדן צו אַ מוזעאום פון אַנטיקן. דאָס פאָלק, וואָס דערפילט, אז זיין ליטעראַרישע שפּראַך איז אים געוואָרן פרעמד און אז זי איז צו ווייט פון דער לעבעדיקער שפּראַך, דאָס פאָלק, וואָס דערזעט, אז זיין ליטעראַרישע שפּראַך דינט מער נישט צו באַפרידיקן אַלע זיינע גייסטיקע באַדערפענישן אויף אַ נאַטירלעכן אופן, איז געצוואונגען זיך אָפּצוקערן פון דער ליטעראַרישער שפּראַך און דערהויבט די לעבעדיקע שפּראַך, די גערעדטע פאָלקס שפּראַך, אין וועלכער עס שלאָגט אַ לעבעדיקער פּולס, צום ניוואָ פון אַ נייער ליטעראַרישער שפּראַך. אזוי האָבן די ראָמאַנישע פעלקער זיך אָפּגעטיילט פון לאַטיין און האָבן זייערע פאָלקס שפּראַכן (די צווייגן פון Lingua Rustica) : פראַנצויזיש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, איטאַליעניש, רומעניש, אדג., דערהויבן צו באַזונדערע ליטעראַרישע שפּראַכן. אזוי האָבן די העברעער אָנגעהויבן די עפּאָכע פון די פּרושים אין אַ נייער שפּראַך (אַראַמעאיש-פּאַלעסטיניש). אזוי האָבן די אינדיער ערזעצט סאַנסקריט, וואָס האָט מער ניט געשטימט מיטן לעבן, אויף די שפּראַכן פּאַלי און פּראַקריט א. אַ. יעדע שפּראַכן-עפּאָכע הייבט זיך דער עיקר אָן דערמיט, וואָס די פאָלקס-שפּראַך שאַפט אָפּ די הערשנדע ליטעראַרישע שפּראַך און פאַרנעמט איר אָרט. די ליטעראַרישע שפּראַך מוז איינזויגן איר גאַנצן כוח פון דער שפּראַך, וועלכע לעבט אין פאָלק.

דאָס גאַנצע פאָלק מוז פילן, אַז די ליטעראַרישע שפּראַך דריקט אויס זיין גאַנצע נשמה. ווען די פאַרשידענע דיאַלעקטן גייען אַריבער אַ באַשטימטע גרענעץ, וואָס זיי האָבן זיך דערווייטערט איינער פון דער אַנדערער, מוז קומען צו אַ צעשיידונג. דאָס זעען מיר אין נאָרוועגיש, רוטעניש, אין פּראָוואַנסאַליש און אין קאַטאַלאַניש. דאָס איז אַן אַלגעמיינער געזעץ. ער גילט אויך אויף דער דייטשער שפּראַך. ביזן זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן די דייטשן זיך ניט דערנידעריקט

צו ריידן פלאַט דייטש אונטערן דרוק פון דער אָפיציעלער שפּראַך. נאָך איין זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן זיי געהאַט אַזאַ גרויסן דיכטער ווי לאָרענבורג. ביז מיט קרוב דריי הונדערט יאָר צוריק זיינען, אָן שום איבערייס, אָנגעזאַמלט געוואָרן אַלע אידעאַלן פון די צפון דייטשן אין זייער ליטעראַטור וואָס איז געשריבן אין פלאַט־דייטש. אָבער דאָס לעבן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור איז אויסגעגאַנגען פאַר דער צייט דורך אויסערלעכע באַדינגונגען. די אינטערעסן פון דער קייזערלעכער קאַנצעלאַריע ווי אויך די אינטערעסן פון די פּראָטעסטאַנטן האָבן געפאָדערט, אַז גאַנץ דייטשלאַנד זאָל האָבן איין אַלגעמיינע שפּראַך. די אינטעליגענץ שטודירט נאָר דאָס אָפיציעלע דייטש. די פאָלקס־שפּראַך פון די צפון דייטשן איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן ביז צו אַזאַ מדרגה, אַז זי איז כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן פון לעבן. די נידער־לענדער, וועלכע זיינען ביז דעם פּעריאָד פון דער רעפאָרמאַציע, ביז עס איז געשאַפן געוואָרן די אָפיציעלע דייטשע ליטעראַרישע שפּראַך, באַטראַכט געוואָרן ווי אַ דייטשער שבט, זיינען דעמאָלט געוואָרן זעלבסטשטענדיק. זיי האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער שפּראַך וועלכע מ׳האָט אַרויפגעצוואונגען אויף דער גאַנצער דייטשער אינטע־ליגענץ און האָבן ווייטער געשאַפן זייערע ליטעראַרישע שאַפונגען אין זייער פאָלקס־שפּראַך. דערפון איז אַנטשטאַנען די מערקוויר־דיקע דערשיינונג, אַז נידערלענדיש האָט זוכה געווען גערופן צו ווערן אַ „נאַציאָנאַל שפּראַך״, און די שפּראַכן, וועלכע זיינען ענלעך צו איר, ווי פלאַט־דייטש, זיינען געבליבן אין דער מדרגה פון דיאַלעקטן. דאָס אָנזאַמלען נאַציאָנאַלע אידעאַלן האָט דאָ גאָרנישט דעצידירט. די דייטשן וועלכע האָבן געדעדט פלאַט (נידער דייטש), וועלכע האָבן געהאַט אַ פולע זעלבסטשטענדיקייט, זיי האָבן עס דערהויבן זייערע פאָלקס־שפּראַכן צום ניווא פון אַ שפּראַך. און נישט נאָר די נידער־לענדער, נאָר אַזוי אויך די אַנגלאָ־זאַקסן און די סקאַנדינאַוויער. אין דער נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט פון שבטים דעצידירן אַ סך פאַרשי־דענע סמנים און נישט נאָר די איינציקייט פון דער שפּראַך אליין. עס זיינען פאַראַן פעלקער ווי די קראָאַטן און די סערבער, וועלכע האָבן איין שפּראַך, און פונדעסטוועגן האָט זיי די שפּראַך־איינהייט ניט פאַראייניקט אין איין פאָלק. און ווידער: די בעלגיער זיינען איין פאָלק וואָס רעדט צוויי שפּראַכן און האָט צוויי ליטעראַטורן. אין דער הינזיכט באַשליסט דעם אורטייל די היסטאָרישע טראַדיציע און זי דעצידירט.

בכלל, די עקסיסטענץ פון דיאַלעקטן איז נישט קיין נאַטירלעכע דערשיינונג. די אַמאָליקע פעלקער האָבן נישט געוואוסט פון קיין

פאָלקס שפּראַכן פון צווייטן קלאַס. יעדער דיאַלעקט האָט געהאַט אַ שפּראַכלעכע גלייכבאַרעכטיקונג. אין דער שפּראַך אין וועלכער דער מענטש האָט געפילט און גע׳חלומ׳ט, אין דער זעלבער שפּראַך האָט ער געזונגען און פאַרפאַסט זיינע ווערק, אַזוי לאַנג ווי זיין קולטור איז געווען נישט קיין געפעלשטע זעעלישע שאַפונג. די גריכן, צום ביישפּיל, האָבן קיינמאָל נישט דערהויבן די שפּראַך פון איין פּראָווינץ צו אַ צענטראַלער שפּראַך פאַר וועלכער די אַנדערע פאָלקס־שפּראַכן דאַרפן רעזיגנירן. די גריכן האָבן זייערע פּאָעטישע שאַפונגען געשאַפן אויף אַ גלייכן אופן אין אָאָליש, דאָריש און גריכיש. די אַלגעמיינע גריכישע שפּראַך איז דערהויבן געוואָרן ווען ס׳האָט זיך שוין אויסגעוועבט דער געשמאַק פון דעם קלאַסישן גריכישן גייסט, ווען די זאַפטיקע העלעניסטישע קולטור, וועלכע האָט אַרויסגעשטראָמט פון פאָלקס גייסט, האָט אָנגעהויבן צו וועלקן, ווען דער גריכישער קולטור־צענטער איז אַריבער פון אַטען קיין אַלעקסאַנדריע. די מאַקעדאָנישע אָקופּאַנטן האָבן געפונען פאַר נויטיק צו באַשטימען אַ שפּראַך־„אוניפאָרם״ צוליב די צוועקן פון אַן איינהייטלעכער הערשאַפט . . .

אין אייראָפּע איז כמעט שטענדיק דאָס באַשטימען אָפיציעלע שפּראַכן געווען פאַרבונדן מיט דער אַבסאָלוטער הערשאַפט. אַזוי איז געווען אין שפּאַניע, ווען די קאַסטילאַנישע שפּראַך איז דערהויבן געוואָרן צו ווערן די ליטעראַרישע שפּראַך פון דעם גאַנצן שפּאַנישן קעניגרייך. אין פראַנקרייך איז מיט דער אַנטוויקלונג פון אַן אָפיציעלער שפּראַך געווען פאַרבונדן די בערבערישע הערשאַפט. די דרומדיקע געגנט פּראָוואַנס איז געווען אינטעליגענטער, איר שפּראַך איז געווען שענער, אַנטוויקלטער און רייכער, אָבער דער „פראַנצויזישער הויף״ האָט זיך געפונען אין דער צפון געגנט. האָבן די טיראַנען דורך בלוט־פאַרגיסונגען און דורך צעטרעטן די בליאונגען פון קולטור געצוואונגען איינצופירן אין דער גאַנצער פראַנצויזישער קעניגרייך, אַלס די איינציקע קולטור־שפּראַך, די שפּראַך פון דער פּראָווינץ איל דע פראַנס, וועלכע טראָגט היינט דעם שטאָלצן נאָמען „די פראַנצויזישע שפּראַך״. פאַר אונדזערע אויגן קומט פאָר אַזאַ פּראָצעס אין רוסלאַנד. דערמאָנט אייך מיט וועלכע מיטלען די רוסישע מאַכט שטרעבט צו פאַרניכטן יעדע ליטעראַרישע עקסיסטענץ פון רוטעניש! אָבער עס העלפט נישט! ווען עס קומט די צייט וואָס אַ דיאַלעקט זאָל זיך אָפּטיילן און ווערן זעלבסטשטענדיק אַלס אַן אויטאָנאָמע שפּראַך, העלפט נישט קיין שום צוואַנג פון דער אָפיציעלער נאַציאָנאַלער שפּראַך. אויסער וואָס די אָפיציעלע שפּראַך און אירע אידעאַלן ווערן הויך געשעצט, זיינען אויך שטענדיק פאַראַן נאָך אַנ־

דערע שטערונגען צו דער זעלבסטשטענדיקייט פון דיאלעקט. אָבער אויך זיי זיינען נישט קיין שטענדיקע. אַ באַווייז: די באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די דיאלעקטן אין גאַנץ אייראָפּע. די קעגנער פון דער דאָזיקער שטרעבונג האָבן אומזיסט פאַרשווענדט זייערע כוחות אויב עס זיינען ניט געווען קיין אַנדערע שטאַרקע דרויסנדיקע באַדינגונגען וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג. די קעגנער דערמאָנען אונדז מיט זייערע מעשים די אינטעליגענטן פון דאַנטעס דור, וואָס האָבן געהאַט אויף אים פאַראיבל פאַרוואָס ער האָט פאַרפאַסט זיין „געטלעכע קאָ־מעדיע" אין דער שפּראַך פון פּראַכטן המון. די קעגנער ליגן שוין לאַנג אין דער ערד פאַרגעסן, אָבער דווקא די שפּראַך פון דעם פאַר־אַכטעטן המון, די באַצויבערנדע איטאַליענישע שפּראַך, האָט זיך צע־בליט מיט דער פאַרבנרייכקייט פון אַ רעגן־בויגן, און האָט געבראַכט אַ נייעם פרילינג צו די פאַרפרוירענע פון די קלויסטערס.

אַזוי איז עס מיט דיאלעקטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט לעבע־דיקע, שפּרודלדיקע שפּראַכן, וואָס סוף כל סוף איז די עטימאָלאָגישע און גראַמאַטיקאַלישע נאָענטקייט צו דער הערשנדער שפּראַך אַ גאַנץ באַדייטנדע, און פונדעסטוועגן ווען זיי דערפילן אַ ווייטקייט צווישן זיך און דער אַלגעמיינער ליטעראַרישער שפּראַך, בייטן זיי אויס די ליטעראַרישע שפּראַך, וואָס אַנטהאַלט זייער גאַנצע גייסטיקע פּרוכט, אויף דער פאָלקס שפּראַך. היינט ווער רעדט נאָך ווען עס קומט צו דער יידישער שפּראַך, וואָס אַ גרויסער שפּראַכלעכער תהום טיילט זי אָפּ פון דער העברעאישער שפּראַך און איר פאַרהעלטעניש צו אונדזער ליטעראַרישער שפּראַך קאָן זיך גאָרנישט פאַרגלייכן צו וועלכן עס איז דיאלעקט פון אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

וואָס איז די כונה פון אחד העם? וואָס וויל ער אַרויסברענגען דורך זיינען פאַרגלייכן מיט אייראָפּעאישע שפּראַכן? אַז יידיש זאָל זיך באַציען אַלס דיאלעקט צו העברעאיש אָן שום רעכט פון אַ זעלבסט־שטענדיקער שפּראַך? דאָס איז דאָך אַ פּאַראַדאָקס, וואָס האָט נישט קיין שום אָנהאַלט.

די יידישע שפּראַך איז קיינמאָל נישט געווען קיין העברעאישער דיאלעקט, און דעריבער קאָן זי זיך ניט באַציען צו העברעאיש אַלס אַ פאָלקס דיאלעקט. אמת, אַז אַמאָל איז יידיש געווען אַ דיאלעקט, אָבער נישט קיין העברעאישער, נאָר אַ דייטשער („טייטש"). אָבער דאָס יידישע פאָלק האָט, נאָכן באַאַרבעטן עס הונדערטער יאָרן, פאַר־דייעט אָט דעם דיאלעקט, האָט אים צוגעפּאַסט צו זיין גייסט, צו־געפּאַסט צו זיינע גייסטיקע באַדערפענישן, האָט אין אים אַריינ־געגעבן זיין פאָלקלאָר, האָט אין אים געשאַפן אַ באַזונדערע וועלט

פון געפילן און געדאנקען־פארבינדונגען, ביז דער דאָזיקער דיאלעקט איז געוואָרן זיין שפּראַך, און דאָס פאָלק האָט עס אַ נייעם נאָמען געגעבן, אַ יידישן נאָמען „יידיש" אָדער „אידיש". אזא שפּראַך קאָן מער איצט נישט זיין אַ דיאלעקט. עס איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע שפּראַך, אַן אויטאָנאָמע שפּראַך. די יידישע שפּראַך איז אונדזער שפּראַך, אונדזער פאָלקס שפּראַך. דאָס איז דער ערשטער פאל זינט העברעאיש איז ארויס פון פאָלקס מויל, אז דאָס יידישע פאָלק זאָל אויף וועלכער עס איז שפּראַך, וואָס עס האָט אָנגענומען, פּראָקלאַמירן, אַז זי איז יידיש. ניט אראמעאיש, ניט דאָס אלעקסאנדריער גריכיש און נישט לאדינא און נישט קיין איינע פון די אַנדערע שפּראַכן, וואָס די צעשפּרייטע טיילן פון אונדזער פאָלק האָבן אָנגענומען, זיינען ווען עס איז געקרוינט געוואָרן מיט דעם דאָזיקן וויכטיקן טיטל, נישט געקוקט דערויף, וואָס „אפילו די פרויען און עמי הארצים האָבן גע־וואוסט אז די שפּראַך איז ניט זייער נאציאָנאַל שפּראַך", דאָס מיינט, אז יידיש איז ניט לשון הקודש, פונדעסטוועגן האָבן זיי באטראכט זייער פאָלקס שפּראַך ווי אַ טייל פון זיך, פאר פליש פון זייער פליש און ביין פון זייער ביין. ווער האָט עס געזען, אַז יידן פון פאריקן דור זאָלן אָנשרייען אויף זייערע קינדער פאַר ריידן „יידיש" אזוי ווי זיי שרייען אַן אויף זיי פאר ריידן „גויאיש"? דער ייד האָט זיך נישט ארייננעלאָזט אין פילאָזאָפירן און האָט זיך ניט פארטיפט אין קיין פילאָלאָגישע פאָרשונגען. ער האָט אָבער דערפילט, אַז די דאָזיקע שפּראַך וועלכע ער רופט „יידיש" — איז זיין שפּראַך און זיין פאַר־מעגן און ער דארף זי אָפּהיטן, אַז זי זאָל ניט אומקומען. מען דאַרף זי נישט „אוועקזעצן אויף אַ טראָן", די יידישע שפּראַך, ווייל זי „האָט שוין דערגרייכט צו גרויסעס", פון זיך אליין דורך דער ארבעט פון דורות, וואָס איז אין איר אָנגעזאמלט. אויף דער דאָזיקער ארבעט זאָגט עדות די פאָלקס פּאָעזיע, וועלכע מען קאָן נישט אוועקמאכן מיט דער האנט, דער אייגנטימלעכער יידישער הומאָר, וואָס צייכנט זיך אויס מיט דער וואונדערבארער אָריגינאַליטעט, די ספּעציפישע אויסדרוקן, וואָס האָבן זיך אָנגעפילט מיט אַ נייעם אינהאלט, יידישע גראמא־טיקאַלישע געזעצן, כאָטש ניט קיין סך, אָבער וויכטיק מיט זייער ספּעציפישן כאראקטער, וואָס זיי האָבן אָנגענומען, ווי אויך א געוויסע צאָל העברעאישע ווערטער, וועלכע גיבן אַ גייסטיקע געשטאַלט צו דער יידישער שפּראַך. (אויספירלעך וועגן דעם האָב איך געשריבן אין „העולם", 22־21 און 26 פון יאָר תרס"ז).

די יידישע שפּראַך דאַרף פאַר אונדז זיין א קליינער בית מקדש. זי איז געשאפן געוואָרן אין גינסטיקע באדינגונגען וועלכע זיינען נאָך

נישט געווען זינט יידן האָבן גענומען דעם וואנדער־שטעקן אין די הענט. דער גרעסטער טייל יידן האָבן דעמאלט געלעבט אין איין לאנד, פוילן, אלס אַ באזונדערע גרופע. עס איז דעמאלט נישט געווען קיין זאך, וואָס זאָל קאליע מאכן זייער אינערלעכע אנטוויקלונג. עס איז נישט געווען קיין שום אויסערלעכע שטערנדע ווירקונג. רדיפות אין „גרויסן סטיל" (אויסער די מעשים פון די קאָזאקן אין מזרח פוילן) האָבן ניט געשטערט זייער רו. און דער רעזולטאט איז געווען, אַז פון די אימיגראנטן פון פארשידענע לענדער האָט זיך אויסגעגאָסן אַ נייער טיפ מיט אַ שטארקער נאציאָנאלער פיזיאָנאָמיע און אַ סך טי־פער ווי דער פון די מזרח יידן (די ספרדישע, די אראבישע אדג.). עס האָט זיך אויסגעבילדעט דער „פוילישער ייד". אלס פאראלעל צו דער פאָרמירונג פון דעם דאָזיקע טיפ, איז אויך אין מויל פון די פוילישע יידן געשאפן געוואָרן אַ באזונדערע ספעציעלע שפראך. דער פוילישער ייד און זיין שפראך זיינען געוואקסן צוזאמען ווי אַ טשע־רעפּאכע און זיין שיידל. דער גורל פון דער שפראך איז פונקט ווי דער גורל פון דעם פוילישן יידישן טיפ. פונקט אזוי ווי דער ייד פארלירט זיינע נאציאָנאלע אייגנשאפטן און אסימילירט זיך באוואוסט־זיניק אָדער אומבאוואוסטזיניק און פאַסט זיך צו מיט זיין גייסט און געמיט צום פרעמדן, אזוי טרעט אויך צוריק זיין שפראך פאר דער פרעמדער שפראך, וועלכע פארנעמט דאָס אָרט פון דער יידישער שפראך. אחד העם איז גערעכט ווען ער זאָגט, אַז יידיש וועט אין דער צוקונפט פארגעסן ווערן. זי ווערט שוין פאר אונדזערע אויגן פארנאכלעסיקט און פארגעסן, אָבער אזוי ווערט אויך דאָס גאנצע יידישקייט פארגעסן . . .

וואָס קאָן באשיצן אונדזער נאציאָנאלן מהות אין דעם סעקו־לערן לעבן אויב נישט אונדזער שפראך? די רעליגיע, אויב זי ווערט נישט אזוי אָפּגעהיט ווי מיט דורות צוריק, איז איר כוח קעגן אסימי־לאציע גאָרנישט ווערט. לאָמיר זיך נאָר דערמאנען די פראנקפור־טער פרומאקעס, די אָרטאָדאָקסן פון דרום דייטשלאנד, וואָס נישט געקוקט אויף זייער גאנצער פרומקייט, האָבן זיי פארלאָרן זייער נאַ־ציאָנאלע יידישקייט. די העברעאישע שפראך קאָן ניט אראָפּנידערן פון איר טראָן און זיך באזעצן אין די גאסן פון דער געטאָ כדי צו שטארקן אין פאָלק אונדזער יידישקייט. ווען אזא מעגלעכקייט וועט קיינער ניט חלומען (?—רעדאַקציע פון „העתיד"), טאָ וואָס זשע וועט זיין פון דעם אַלעם? אונדזער נאציאָנאלע זעלבסטשטענדיקע אייני־קייט וועט אויפהערן, מיר וועלן ווערן צעשפּליטערט אויף באַזונדערע צעשפרייטע גרופן, וואָס אייגער וועט נישט פארשטיין די שפראך פון

דער אנדערער גרופּע. מיר וועלן ווערן רוסן, פּאָליאַקן, אונגאַרן, רו־מענער, קראָאַטן, רוטענער, דייטשן אדג. דער „דייטשער" ייד, וועל־כער וואוינט אויף דער אנדערער זייט גרענעץ, וועט אונדז זיין אַ פרעמדער, אין בעסטן פאל, ניט אנדערש ווי דער שפּאַנישער ייד. דערווייל זעען מיר נאָך ביי אונדז יידן אַ פּרעכטיק בילד: פון ריגע ביז בוקאַרעסט, פון אדעס ביז פּעסט און ביז קראָקוי, ריידן אלע איין שפּראַך, אונדזער נאַציאָנאַליזם איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען. וועלן אָבער אזעלכע צעבראָכענע גרופּן, וואָס וועלן אנטשטיין נאָכדעם ווי דאָס פּאַראייניקטע יידנטום וועט צעשטערט ווערן, ווייטער קאָנען פּאָרט־זעצן זייער קולטור טראַדיציע? די צאָל העברעער, וועלכע רייסן זיך אזוי צו מלחמה קעגן יידיש, ווערט קלענער, פאַרשווינדט מיטן פאַרשווינדן פון יידיש פון דער גאַס. אומעטום זיינען די קענער פון העברעאיש נאָר די, וועלכע קענען אויך יידיש (אייניקע יחידים אין ארץ ישראל זיינען אן אויסנאַם). ווען דאָס „מוישעלן" (1) האָט אויפ־געהערט אין דייטשלאַנד, האָט זיך דערמיט אויך געענדיקט דאָס קע־נען די העברעאישע שפּראַך. דער וועלכער קען דאָרט העברעאיש איז אזוי ווי איינער וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט סאַנסקריט, גרי־כיש, ווי א נישט־גאַנגבאַרע סחורה. יידיש איז די בריק וואָס פּאַר־אייניקט אונדז מיט העברעאיש. יידיש איז די מויער וואָס באַשיצט העברעאיש, אַז זי זאָל נישט אונטערגיין פון אסימילאַציע. די יידישע שפּראַך קעמפט נישט קעגן דער העברעאישער שפּראַך. דאָס איז בלויז אַ פאַלשע איינבילדונג. מיר האָבן גאָר בכלל נישט קיין שפּראַכן־קאַמף. די יידישע שפּראַך קעמפט, ראַנגלט זיך, שטרעקט זיך, אָבער נאָר מיט די פרעמדע שפּראַכן. אָבער צום באַדויערן ווערן די הענט שוואַכער, די קני בייגן זיך, דער מוט פאַלט . . . מען הערט אַלץ דעם זיג־אויסרוף פון די שפּראַכן פון די פעלקער צווישן וועלכן מיר לעבן. דער פונדאַמענט פון דער יידישער שפּראַך וואַקלט זיך, אָבער — זאָלן דאָס געדענקען אויך די לעסטערער פון יידיש — ווען די פונ־דאַמענטן וועלן פאַלן, וועלן אויך אריינטרעטן די צעשטערנדע גייס־טער אין די הייליקייטן פון העברעאיש, און דעמאָלט וועט לאַנג נישט דויערן און עס וועט נישט בלייבן קיין צייכן פון אונדזער פאַרשוואונ־דענעם נאַציאָנאַליזם. די שווערד, וואָס פאַרצערט דאָס לעבן פון דער יידישער שפּראַך, איז ניט נאָר געצויגן קעגן איר אליין. זי שוועבט ארום איבער אונדזער גאַנצער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. אונדזער גאַנצער יידישער מהות איז אין געפאַר. די חלוצים פון העברעאיש,

(1) אזוי האָט מען אין דייטשלאַנד גערופן דאָס יידישע לשון.

די פאָרשטייער פון פאָלק, דאַרפן אביסל זיך פאַרטראַכטן און זיך באַרעכענען וואָס זיי זאָלן טאָן. זיי דאַרפן נעמען אין באַטראַכט, אַז אין דער צייט וואָס זיי קעמפן קעגן יידיש, גיבן זיי אליין אַ שווערד אין די הענט פון זייערע צעשטערער אונטערצוגראָבן דעם גאַנצן בנין פון פאָלק ביזן יסוד . . .

דאָס פייער איז אויסגעבראָכן. די שרפה ברענט. פייער־צונגען שפּרייטן זיך פון אונטן ביז אויבן, און קיינער ראַטעוועט נים. די בעסערע לייט וואָס זיצן אין דער הויפּטשטאָט זיינען פאַרטאַראַמט, זיינען פאַרזונקען אין הויכע געדאַנקען און האַלטן די הענט אין די טאַשן. „וואָס וועט זיין אונדזער סוף?״, פרעגט אחד העם, און אלס אַ בן עם (אַ פאָלקס קינד) וואָס וואַרט שוין טויזנטער יאָר אויף דער גאולה, אָן צו טאָן אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער,ענטפערט ער: „מיר ווילן ווירקלעך גלויבן, אַז דער ווילן פון עקסיסטענץ לעבט נאָך אין האַרץ פון פאָלק און אַז דאָס פאָלק וועט סוף כל סוף געפינען אַ ריכטיקן ענטפער אויף דער דאָזיקער ביטערער פראַגע״. אָט צו וואָס מיר האָבן דערגרייכט! אָבער דאָס פאַרשימלטע ברויט פון אָט דער מעטאַפיזיקע וועט קיינעם נישט אָנזעטיקן. דאָס איז ניט דער וועג! איך זאָג אויך אַזוי. אָבער דאָס מיין איך טאַקע די העברעער, וועלכע קעמפן קעגן זייערע יידישע ברידער. מען רעדט צו אייך לאָגישע רייד און איר ענטפערט האָץ־קלאָץ און איר פילאָזאָפירט וועגן עפּעס אַ זאַך, וואָס וויל עקסיסטירן, וואָס קיינער ווייס נישט זיין מהות. מען ווייזט אייך אָן אויף אַ שפּראַך וועלכע וואָלט געקאָנט פאַרהיטן דאָס יידישע פאָלק פון פאַרטיליקונג און וועלכע דאַרף אָפּהיטן אָט די אויפגאַבע, די שוץ־אויפגאַבע, און איר פאַרקוקט מיט אייער שפּאַק־טיװ אין עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם כוח, וואָס זאָל קומען און אייך לייזן דאָס פּראָבלעם פון דער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. העברעער! וואָס וועט איר געבן דעם פאָלק ווען אייער וואונטש וועט דערפילט ווערן און די יידישע שפּראַך וועט אונטערגיין? אייערע שווערע קאַמפן מיט די „זשאַרגאָנער״ לייגן אויף אייך אַרויף אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט. זייט פאַרזיכטיק אַז די קומענדיקע דורות זאָלן נישט קלאָגן אויף אייער צוגעאיילטקייט. די געשיכטע איז אַ ריכטערין און זי וועט אייך משפּטן!

אונדזער יידישע שפּראַך וואָלט געקאָנט האָבן אַ גאָר גרויסע אויפגאַבע. „אויב איר ווילט איז עס נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך״. דער ווילן צעשמעטערט דעם באַרג און צעפּיצלט פעלזן. דער ווילן רוקט אוועק אייביקע הייגלען. אַ גרופּע פון גרויסע גייסטער האָט מיט קרוב צוויי טויזנט יאָר צוריק אָנגעזאָגט דער וועלט אַ „גוטע

בשורה״ אין דעם יידיש־אלעקסאנדרינער זשארגאָן, און דער דאָזי־קער זשארגאָן האָט איינגענומען די העכסטע שטאפּלען פון דער קולטור, ער האָט אוועקגעשטופּט דעם אָריגינעלן גריכיש און האָט אויפגעצויגן זיין פאָן אין דער ליטעראטור. דער יידישער זשארגאָן, אַ דאנק דער גייסטיקער שטארקייט פון טאלאנטירטע מענטשן, האָט זיך דערהויבן צו דער שפּראך פון דער גריכישער קירכע, צו דער שפּראך פון דער ביזאנטישער רעגירונג. אין דעם יידיש־אראמעאישן זשארגאָן איז אויך געשריבן געוואָרן דאָס וויכטיקסטע בוך וועגן יידנטום נאָך דער ביבל — דער תלמוד, און דאָס יידישע פאָלק האָט אויפגענומען און אָנגענומען אָט דאָס דאָזיקע גרויסע בוך און האָט עס אריינגענומען אין זיין נאציאָנאלן אוצר, כאָטש עס איז נישט גע־שריבן געוואָרן אין העברעאיש. און ווער קאָן דאָס פאָראויסזאָגן און ווער ווייס, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען? זאָלן זיך נאָר באווייזן גייסטיקע גאונים אויף דער ארענע פון דער יידישע שפּראך, זאָל זיך נאָר אנטפּלעקן אַ שטארקער ווילן, גרייט צו אטאקירן, וועט די וועלט עפענען די אויגן און שטוינען וואָס דאָס וועלט־פאָלק האָט אויפגעטאָן...

און אונדזער יידישע שפּראך האָט אויך אַ גרויסע אויפגאבע. מיר שרעקן זיך אבסאָלוט נישט פאַר די באליידיקונגען פון שונאים, וואָס קאָנען אלץ נישט פארגעסן „ווען, ווי אזוי און פון וואנען איז צו אונדז געקומען אָט די נאַציאָנאלע שפּראַך?״. מיר האָבן גרייט אַן ענטפער. מיר האָבן אַ רעכט צו ריידן אָט די טאָכטער־שפּראַך פון דייטש, פּונקט אזוי ווי די גאליער און די פראנקן האָבן אַ רעכט צו ריידן די טאָכטער־שפּראַך פון די רוימער. עס זיינען נישטאָ קיין צוויי מינים געוויכטער. וואָס לערנט אונדז די לינגוויסטיק? מיר אנערקענען נאָר די אגרעסיווע אינדיווידואליטעט, וואָס האָט זי אויס־געפּרעסט אזוי ווי אַ שטעמפּל לאָזט אַ צייכן אויף וואַקס. ווער האָט דאָס טענות צו די דייטשן, וואָס זיינען געווען גייסטלאָז אין מיטל־אַלטער, אַ טרוקענער שטיין, וואָס גיט פון זיך נישט ארויס קיין פּירות, דערפאר וואָס דער גאנצער מאטעריאל פון זייערע דערציילונגען און זייערע לידער וועגן טריסטאן און איזאָלדא, וועגן הייליקן גרעיל, פּארסיוואל, לאָהענגרין א. אַז. וו., איז נישט דורך זיי געשאַפן גע־וואָרן, נאָר גענומען געוואָרן פון די קעלטן? מיר אנטציקן זיך נאָר פון דעם באהאלטענעם כוח, וואָס זי איז די נשמה פון דער קונסט, נישט פון דער פאבולא, דאָס רויע מאטעריאל. אויך געטע האָט נישט באשאפן די לעגענדע פון פאוסט; ער איז אפילו נישט געווען דער ערשטער וועלכער האָט געגעבן אַ פּאָעטישע פאָרם צו דער וואונ־דערבארער לעגענדע. געטע האָט נאָר אויף דער פאוסט־לעגענדע

אויסגעפּרעסט זיין אייגענע פּאָעטישע כאַראַקטעריסטיק. דאַנטע האָט נישט אויסגעטראַכט די גיהנום־לעגענדע. יעדער שטריך און יעדע ליניע פון דער „אינפערנאָ" זיינען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן אין עפּעס א טעאָלאָגישן ספר. שעקספּיר האָט זיך כמעט שטענדיק באַנוצט פאַר זיינע שאַפונגען מיט די אַרבעטן פון פריערדיקע דראַמאַטיקער. סלאָוואַצקי, דער גרויסער פּוילישער לירישער גאון, האָט מערסטנטייל אויסגעוועבט זיינע הערלעכע פּאָעמעס פון מאַטעריאַלן וועלכע ער האָט גענומען פון פרעמדע. און ווער האָט טענות דערויף? דאָס לאַנד פון וואַנען עס שטאַמט די יידישע שפּראַך דערהויבט נישט און דערנידריקט נישט איר ווערט אַלס שפּראַך. לאָמיר אויפהערן צו זיין אַזוי איידל געפּאַטשקעט!

די גייסטיקע געשטאַלט פון אונדזער יידישע שפּראַך — אָט דאָס איז די פּאַקטישע זייט, דאָס איז דער פּאָזיטיווער פאַרמעג. דער משל וואָס אחד העם ברענגט וועגן דעם אָרעמאַן וואָס איז גלייך צו די גבירים נאָר מיט דעם וואָס זיי האָבן אויך נישט, אָבער נישט מיט דעם וואָס זיי האָבן יאָ, הינקט אביסל אונטער. מיר האָבן אין יידיש אַ ליטעראַטור, וואָס איז אַלנפאַלס פון דער זעלבער מאָס ווי עס האָבן די רומענער און די בולגאַרן, און אַ נאַציאָנאַלע רעכט האָט אונדזער יידישע שפּראַך פּונקט אַזוי ווי עס האָבן צו זייערע שפּראַכן די רומענער, וואָס זיינען אַ געמיש פון דאַטשן און סלאַוון, אָדער ווי די בולגאַרן, וועלכע זיינען מערסטנטייל מאָנגאָלן. אויסערדעם האָבן מיר אַ פאַרגאַנגענהייט פון וועלכער מיר רעזיגנירן נישט. און עס פעלט אונדז גאָרנישט אין איבערצווריסן דעם פאָדעם, וואָס פאַראייניקט אונדז מיט די פריערדיקע עפּאָכעס אין יידנטום, ווייל יידיש איז פאַרבונדן מיט די פריערדיקע עפּאָכעס און אויף איר האָט זיך אויך אויסגעפּרעסט דער גייסטיקער כאַראַקטער פון העברעאיש.

דאָס איז נישט בלויז אַ נעגאַטיווער פאַרגלייך צווישן יידיש און די ראָמאַנישע שפּראַכן, וואָס פּונקט אַזוי ווי זיי זיינען געבאָרגטע, איז זי אויך אַ געבאָרגטע. דער פאַרגלייך איז אויך אַ פּאָזיטיווער. דאָס פאַרהעלטעניש פון די ראָמאַנישע שפּראַכן צו רוימיש, איז ווירקלעך ענלעך ווי פון יידיש צו דייטש. דאָס איז אַבסאָלוט נישט קיין מליצה פון יענע מינים מליצות, וועלכע מיר באַגעגענען, צו אונדזער באַדויער, אויף יעדן שריט אין אונדזער פּובליציסטיק. איך וועל מיר דערלויבן, כדי צו באַגרינדן מיין מיינונג, צו ברענגען עטלעכע באַווייזן.

אין איר אַנטוויקלונג האָט די רוימישע שפּראַך פאַרקלענערט די צאָל בייגונגען אין זאַך־ווערטער. די אַמאָלישע רוימישע שפּראַך

האָט געהאַט זעקס פּאַלן פון בייגונגען. די רוימישע פֿאָלקס־שפּראַך האָט אָפּגעשאַפט דעם „גענאַטיוו" און פון די זעקס בייגונגען געמאַכט נאָר פינף. דאָס אַמאָליקע פראַנצויזיש און די היינטיקע רומענישע שפּראַך האָבן שוין געהאַט נאָר צוויי בייגונגען. דאָס מאָדערנע פראַנ־צויזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש האָבן אינגאַנצן ניט קיין בייגונגען און האָבן אָפּגעשאַפט יעדע בייגונג אין זאַך־וואָרט. די אַמאָליקע דייטשע שפּראַך האָט געהאַט אַ דעקלאַנאַציע פון פינף פאַלן. דאָס מאָדערנע דייטש האָט דאָס פאַרקלענערט און געמאַכט נאָר פיר. ענגליש, וואָס איז אַן אָפּשטאַמיקע פון דייטש, האָט איר זאַך־וואָרט פאַרקלענערט צו בלויז צוויי בייגונגען. יידן האָבן אָפּגעשאַפט אַלע דעקלאַנאַציעס אין זאַך־ווערטער, וואָס באַציען זיך נישט צו מענטשן און זייערע אַדיעקטיוון. האָבן מיר, אַלזאָ, פאַר זיך, אַ פּאָ־זיטיוון שטריך, וואָס ווייזט אויף דער אַנטוויקלונג פון אונדזער שפּראַך אויף אַן אופן פּאַראַלעל צו דער אַנטוויקלונג פון מאָדערנע שפּראַכן.

די אַמאָליקע רוסישע שפּראַך איז געווען, ווי יעדע בראשית־שפּראַך, אַ סינטעטישע. אויב מען פאַרבינדט דאָרט איין זאַך מיט דער אַנדערער (וואָס איז פאַקטיש זיין באַצייכענונג), ווערט באַ־איינפלוס דורכדעם די גראַמאַטיקאַלישע פאָרם. צוםביישפּיל, „כוכבי השמים" (די שטערן פון הימל) Stellae Coeli. די ראָמאַנישע שפּראַכן זיינען אַזוינאָך אַנאַליטישע. דאָס מיינט, אַז זיי פאָרן נישט צונויף, נאָר צעטיילן. זיי באַנוצן זיך מיט אויסדרוק „פון" (הכוכבים מן השמים) Les Etoiles du Ciel אונדזער הימל („ד" אין אַרעמעאיש).

אַזוי דריקט מען זיך אויך אויס אין יידיש „די שטערן פון דעם הימל" און נישט ווי דער דייטש זאָגט „די שטערנע דעס הימעלס". דער אופן ווי מען דריקט אויס אין יידיש איז טיפּיש און פּאַסט זיך צו דעם אופן פון די ראָמאַנער.

די ראַמאַנישע שפּראַכן האָבן פאַרקלענערט די צאָל פון די מינים צו צוויי (זכר און נקבה) און האָבן אָפּגעשאַפט דאָס זאַכלעכע (ניי־טראַלע) געשלעכט. די מאָנגאָלישע און די פּערסישע שפּראַך האָבן באַזייטיקט יעדן מין געשלעכט. אין יידיש, כאָטש דער אונטערשיד אין געשלעכט איז אינגאַנצן נאָך נישט אָפּגעשאַפן געוואָרן, איז אָבער דער אונטערשיד אין די געשלעכטן געוואָרן אָפּגעטעמפּט. צום ביי־שפּיל, אין די באַצייכענונגען פון זאַך־וואָרט, און גענאַטיוו. למשל ביי באַצייכן־ווערטער אונטערשיידט אַ ייד נישט אין געשלעכט, און ער זאָגט „מיין טיש, מיין שאַפע, מיין ספר", „דיין טיש, דיין שאַפע, דיין ספר". ביי נעמען פון מענטשן, וואו מען קאָן דעקלאַנירן, זיינען די בייגונגען גלייך ביי אַלע געשלעכטער, ווי „משה, משהס, משהן",

„חנה, חנהס, חנהן”, „דאָס ייִנגל, דעם ייִנגלס, דעם ייִנגלען”.

און נישט נאָר אין דער גראַמאַטיק פון דער שפּראַך, נאָר אויך אין דער פאָנעטיק זיינען פאַראַן ענלעכקייטן. דער ייִד האָט זיך אַ סך מאָל באַצויגן צו די דייטשע אויסשפּראַכן ווי דער ראָמאַנער צו זיינע אויסשפּראַכן. אַ פראַנצויז רעדט נישט אַרויס קיין E צום סוף פון וואָרט, אַזוי באַשניידט אויך דער ייִד די דייטשע ווערטער ביי זייער ענד פון דעם „ע”, אַ שטייגער „בלום” אנשטאָט „בלומע”, „פאַרב” (פאַרבע), „ליפּ” (ליפּפּע), „ברילל” (ברילל), „אויג” (אויגגע), „רויז” (ראָזע) א. א. וו., א. ז. וו. ביי ייִדן, איבערהויפּט ביי די גאַליציאַנער און פּוילישע ייִדן, איז פאַראַן אַ נייגונג צו מאַכן דיפטאָנגען פון פּשוטע קלאַנגען, און אַזוי ריידן זיי אַרויס דאָס וואָרט „צאָהל” — „צוועל”, „וואָס” — „וואוּעס”, „דאָס” — „דוּעס”, „שאַלע” — „שוּעל” א. אז. וו. אַזוי האָט דער איטאַליענער געטאָן מיט רוימיש — Fuoro - Ferum, Buono - Bonus.

אין דער שפּאַנישער שפּראַך זעען מיר די דאָזיקע צונויפּפּאַ־רונג אין אַ שאַרפערן פאַרגלייך צו די ייִדישע דיפטאָנגען. דער שפּאַ־ניער ענדערט אויך, אַזוי ווי דער ייִד, דעם פּשוטן קלאַנג אויף „אוע” (ue) ווי Novus - Nuevo, Rota - Ruedo.

מ'זאָגט אויך, אַז דורכן זשאַרגאָן זיינען די ייִדן געוואָרן צו שאַנד און שפּאָט ביי זייערע שכנים. די פרעמדע פעלקער דערקענען אין דעם זשאַרגאָן די יסודות פון זייער שפּראַך און זעען דורך די צע־קאַלעטשונגען און פאַרדאַרבונגען די צעקאַלעטשונג און פאַרדאַרבנקייט פון די ייִדן. אויף דעם ענטפערן מיר: מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר די טענות פון די גויים. פּונקט אַזוי ווי זיי, האָבן מיר די גע־באָרגטע שפּראַך באַהויכט מיט אונדזער גייסט. און פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן מיר איר אויף נאַציאָנאַלע רעכט. דער גייסט וועלכן מיר האָבן באַהויכט אויף דער ייִדישער שפּראַך איז אַ פאַקט, אַ פּאָזיטי־ווער ענין. אויסערדעם זיינען די גויים גאָרנישט אַזעלכע עסטעטן ווי אונדזערע באַליידיקער ווילן אונדז איבערשרעקן. אַשס ווערק זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויף אייראָפּעאישע בינעס. אַזוי איז אויך געשען מיט אייניקע גאָרדינס דראַמעס, און די שאַפונגען פון אש און גאָרדין זיינען דוקא גאָרניט די סאַמע געלונגענסטע. פונדעסטוועגן ווער האָט עס דעמאָלט געדענקט דעם אָפּשטאַם פון דער ייִדישער שפּראַך? זאָל נאָר דער אינהאַלט פון דער ייִדישער ליטעראַטור זיין אָריגינעל און טיף, וועלן די גויים זיין געצוואונגען צוצוגעבן אונדזער נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט.

איבערהויפּט, וואָס אינטערעסירט אונדז וואָס די גויים וועלן

זאָגן? וואָס וויל אייגנטלעך די רעפאָרם באַוועגונג, וועלכע מיר אטאַ־קירן אזוי, אויב נישט אז מיר זאָלן אויפגעבן די זאכן וואָס געפעלן נישט די גויים? צוליב דעם, וואָס די יידישע שפראַך „וועט נישט דערפירן אז אונדזערע שכנים זאָלן צוליב איר צוגעבן אונדזערע נאַ־ציאָנאלע רעכט״, דאַרפן מיר מקריב זיין אונדזער נאציאָנאל פארמעגן? צוליב א טעפל לינזן, אָדער אפשר נאָך ערגער, צוליב פּירות וואָס זיינען נאָך גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, דאַרפן מיר זיך אָפּזאָגן פון אונדזער שפּראַך און דאַרפן בלייבן שוצלאָז קעגן דעם שטראָם פון אסימילאַציע, וואָס שווענקט אלץ אראָפּ? ענדערן אונדזער יידישע שפּראַך, טאַנצן לויטן געשמאַק פון די פרעמדע, כדי מיר זאָלן געפינען חן אין זייערע אויגן און זיי זאָלן אונדז צוואווארפן אַ שטיקל טרוקן ברויט, איז נישט קיין נאציאָנאלע רעכט. דאָס איז א נאציאָנאלע חרפה! דאָס איז קנעכטשאפט אין קנעכטשאפט! דאָס איז א נאציאָנאלער רעגרעס, וואָס פּאַסט אפילו נישט פאר ציגיינער . . .

„שוין איצט פון אַפּגעריסענע רייד, וואָס מיר הערן פון צייט צו צייט פון די סאמע בעסטע גויים, קאָנען מיר דערקענען דעם גענויעם כאראקטער פון דעם קלאָרן ענטפער, וואָס מיר וועלן הערן, ווען מיר וועלן קומען פאָדערן נאציאָנאלע רעכט, ניט אויפן גרונד פון דער פארשטאָרבענער פארגאנגענהייט, נאָר אויפן גרונד פון דער לעבע־דיקער שפּראַך״. מיט אנדערע ווערטער זאָגט אחד העם, שאפט אָפּ די יידישע שפראַך און די גויים וועלן אייך באטראכטן ווי אַ נאציע און איר וועט קריגן נאציאָנאלע רעכט. אָבער „ביז עס וועט קומען די נחמה, וועט אויסגיין די נשמה״. ווען די יידישע שפּראַך וועט אויפ־הערן, וועלן מיר אויך אויפהערן זיין אַ פאָלק און עס וועט נישט זיין וועמען צו געבן נאציאָנאלע רעכט. מיר וועלן ווערן א סינאגאָגע, אַ האלב־רעליגיעזע קהלה, אַן קאָליר, אָן אַ זעלבסטשטענדיק לעבן, אַ צעבראָכענער צבור, און אפשר נאָך וויניקער . . .

מיר טאָרן זיך נישט רעכענען מיט די אנטיסעמיטישע טענות! אויך די פאראכטונג פון די העברעאיסטן צום זשארגאָן איז נישט מער — אפשר אומבאוואוסטזיניק — ווי א רעזולטאט פון דער אנטיסע־מיטישער ווירקונג. די דייטשע אנטיסעמיטן שטעכט זייער דער יסוד וואָס מיר האָבן גענומען פון זייער שפּראַך, דווקא דאָס יידישע פּינטעלע בייסט זיי. דאַרפן מיר זיך רעכענען דערמיט?

זאָל זיך דערוועקן אַ פונק פון שטאָלץ אין די הערצער פון דעם וועלט־פאָלק! לאָמיר נישט צעשטערן אונזערע פאָלקס ווערטן צוליבן פארשאפן נחת אונדזערע שכנים. דאָס וועלט־פאָלק, וואָס זיין מהות איז „די אבסטראקטע גערעכטיקייט״, דאַרף נישט אויפגעבן זיינע נאַ־ציאָנאלע פארמעגנס צוליב אומגערעכטע פאָדערונגען פון אנדערע . . .

אחד העם וועגן „זשאַרגאָן"

פון נח פּרילוצקי *)

כ'האָב שוין לאַנג נישט געלייענט אַן אַרטיקל, וואָס זאָל מאַכן אויף מיר אַזאַ מאָדנעם איינדרוק, ווי אחד העם'ס „ריב־לשונות" אין פעברואַר העפט „השלח". כ'בין פון נאַטור פּיאַיק צו דער שטרענגסטער אָביעקטיווישקייט. כ'קאָן מיך שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט פון קעגנער און באַגרייפן דעם גאַנג פון זיינע מחשבות. כ'פאַרשטיי, אַז ניט אַלע מענטשן דענקען גלייך. וויפיל קעפּ — אַזויפיל דעות. נאָר בשעת כ'בין געזעסן איבערן מאמר פון באַקאַנטן העברעאישן שריפטשטעלער, האָט מיך אינעווייניק עפּעס אויסטערליש געריינצלט און געריינצלט. אַ זייער ניט אַנגענעם געפיל!

אין איייניקע שטעלן געשפּירט זיך ווי פערזענלעך באַליידיקט. אין אַנדערע געשעמט זיך — פאַרן מחבר. אַ מענטש מיט דעם נאָמען וואָלט געדאַרפט עפּעס נייעס אויפטאָן, ניט איבער'חזר'ן אין גראָבע שטריכן יענע פּרימיטיווע אַרגומענטן, וועלכע מיר הערן צען מאָל איבערן טאָג פון דעם מיטעלן קשה־עורף'דיקן און ווייניק־דענקענדיקן „קעמפער" פון קלויזנערס חדר. קענטיק, פון אייניקע סימנים, אַז דער מחבר פון „על פרשת דרכים" לייענט אויפמערקזאַם די טעגלעכע פּרעסע — אפילו די „זשאַרגאָנישע" — נאָר אַלץ, וואָס איז די לעצטע צייט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די פּאַרטיידיקער פון יידיש, האָט זיך עפּעס אַדורכגעגליטשט דורך זיין מוח, ניט איבערלאָזנדיק קיין שפּור. שטאָל־קאַלט איז דער טאָן פון „ריב לשונות". דער שרייבער האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרשטאָפּט זיין אויער פאַרן גערויש פון לעבן. איינמאָל פאַר אַלעמאָל האָט ער זיך פאַרענטפערט אַלע פראַגן, וואָס אַנטשטייען און קאָנען אַנטשטיין אין יידישן תחום. זיין טרוקענע סכעמע האָט ער זיך, און זאָל דונערן און בליצן אַרום, זאָל מען מיטן בלוט פון האַרצן עפּעס אַ דערשיינונג פלעגן און שיצן — ער וועט זיך פאַר גאָרניט אָפּשטעלן, אַ דריק מיטן גראָבן פינגער, און דער אָביעקט איז אַריינגעקוועטשט אין ענגן רעמל פון דער אַבסטראַקטער דאָקטרינע.

---

*) דערשינען אין זיין בוך „באַרג אַרויף" (באַנד 1) 1917.

ס׳ניינצנטע יאָרהונדערט — „יאָרהונדערט פון אויפוואַכנדיקע נאַציאָנאַליטעטן״, האָט אַן איבערקערעניש אַריינגעבראַכט אויך אין ס׳אינעווייניקסטע לעבן פון יידישן פאָלק. פון פאַסיוון יידנטום, וואָס לעבט מיטן בלויזן בטחון, האָט זיך אָנגעהויבן אויסבינדן אַן אַקטיווס, דורכגענומענס מיטן שטרעבן אַליין מיט אייגענע הענט אַ ניי לעבן פאַר זיך צו וועבן. אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז דער אויפלעבונגס פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען איינצייטיק כמעט אין אַלע יידישע ספערן. איך האַלט פאַר היסטאָרישע ווערטער דעם אויסדרוק פון באַרימטן ר׳ צבי הירש קאַלישער ז״ל: „מדוע אנשי איטליא ושאר עמים? . . . ״ — „פאַרוואָס די איטאַליענער און איבעריקע פעלקער זיינען מקריב ס׳בלוט פאַר פריהייט, און נאָר מיר, יידן, זיצן מיט פאַרלייגטע הענט?״ — אין מויל פון אַ רב — און אַזעלכע ריידן! — דערנאָך זיינען געקומען: משה העס — פאָרשטייער פון האַלב אַסימילירטן מערב־אייראָפּעאישן יידנטום, ד״ר פינסקער, — רוסישער ייד, און אַנדערע.

ווי געוויינטלעך, איז צוערשט אויפגעשוואומען און אַרויסגעשטעלט געוואָרן די ראַדיקאַלישע פאָרם, איין זייט פון פּראָגראַם: גרינדונג פון אַן אייגענער היים אין ארץ־ישראל. דערנאָך איז געקומען די איבערצייגונג, אַז אוממעגלעך אַ פאָלק מיט בלויז פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, — אויך די קעגנוואַרט מוז אַריינגענומען ווערן אין חשבון. ס׳איז אַנטשטאַנען די אידייע וועגן אָנגעמען דעם גלות. זיין נאַציאָנאַליזאַציע איז געוואָרן תחילת אַ זעלבסטשטענדיקער לאָזונג, שפּעטער — אַ פּונקט אין אַ גרעסערן פּראָגראַם. ביי היינטיקן טאָג האָבן מיר אַ גרופּע מענטשן מיט האַרמאָנישער וועלט־אַנשויאונג, וואָס נעמט אַרום פּאַלעסטינע צוזאַמען מיט די גלות־היימען.

רעכענען זיך מיט דער קעגנוואַרט הייסט אַרויסנעמען דעם בליק פון בוך און פאַרטיפן אים אין דאָס קאָנקרעטישע, אוממיטלבאַרישע לעבן, און די פליסנדיקע אַלטעגלעכקייט פון פאָלק. דאָס אויג האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אויך אויפן אַזוי גערופענעם „זשאַרגאָן״, אַלס די שפּראַך פון אונדזער „וואָכעדיקער״ווירקלעכקייט. העברעאיש האָט אויפגעהערט צו זיין אונדזער אומגאַנגס־שפּראַך און וועט אויסער ארץ־ישראל די ראָלע שוין ניט צוריקגעווינען. פריער האָבן ווייניקע דעם פאַקט געזען, איצט — זיינען כמעט אַלע מודה. אַ פאָלק אָן אַ לעבעדיקן לשון איז ווי אַ נשמה אָן אַ לייב — איז אונטערגעקומען אַ גואל: יידיש. אויב יאָ פאַרנעמען זיך מיט היסטאָרישע חקירות, לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פילאָזאָפישן זין אויך פון דער דערשיינונג. קיין געשיכטע קאָן מען ניט פאַבריצירן לויט געשמאַק,

אַרויסוואַרפן דאָס, אַריינגעמען יענעס, אַלץ מוז קומען אין באַטראַכט. דער „זשאַרגאָן״ איז אויך ניט קיין אונטערגעוואָרפן קינד. אַ גליי־כער, אַ קרומער — אַ פּראָדוקט פון אונדזער היסטאָריע, פּונקט ווי אַלע איבעריקע דערשיינונגען. און אויב אַ באַזונדערע אומגאַנגס־שפּראַך איז איינער פון די בולט'סטע סימני־המין פון אַ מאָדערנער נאַציע, האָט יידיש געמוזט אנערקענט ווערן פאַר אַ נאַציאָנאַלן לשון אונדזערן. געוואָרן אַ „חוט־המשולש״, ווי אחד העם דריקט זיך אויס, — „הדת, הספרות, הלשון״ — צו די „מטלטלים״ איז צוגעקומען אַ פערט רינגל. דערויף זע'מיר דאָך יידן, וואָס אַלץ ביי אונדז איז פאַר־וויקלט און פאַרפּלאָנטערט. גאָרניט, ווי ביי לייטן.

אַ פערט רינגל — ניט נאָר אַ טויטע מויער קעגן נאַציאָנאַלישער פאַרטיליקונג — אַ לעבעדיקע פליסיקייט, רויט בלוט, וואָס לויפט אַרום אין די אָדערן פון אַ פאָלק אַלס ווירקזאַמען אָרגאַניזם מיט אומ־מיטלבאַרישע נאַטירלעכע פונקציעס, מיט א געוויסערמאסן נאַרמאַ־לישן היינט. צוויי־דריי מיליאָן „יידן״ קענען ניט דעם „דיאַלעקט״? אַ העלפט פון זיי איז שוין סיי ווי סיי געשטאָרבן פאַרן יידישן פאָלק, און די איבעריקע זיינען אויפן וועג דערצו . . . מיט זיי רעכנט מען זיך ניט! — און ווידער: געווען אַ צייט, ווען די דייטשישע העכערע ספערן האָבן זיך געשעמט מיט זייער שפּראַך, ווען די רוסישע „באַר־סטווא״ האָט ניט פאַרשטאַנען איר נאַציאָנאַלישן לשון . . .

קומט ה' אחד העם און איגנאָרירט דעם גאַנצן געדאַנקען־לויף. פאַר אים איז די זאַך פיל פשוטער. ער האָט אויך אַ היסטאָרישן מע־טאָד — נאָר אַ פיל פּרימיטיווערן. ניט דער דערשיינונג אַליין אַנאַ־ליזירט ער — אַ משל זוכט ער פאַר איר, און געפונען אַזעלכן — איז אים שוין אַלץ אַרום און אַרום קלאָר:

„ווען ס'איז געקומען די נייע צייט, האָט זיך ווידער דערוועקט אין אונדזער פאָלק דאָס געפיל, אַז ס'איז נאָענט אַ פרישער נאַ־ציאָנאַלישער קריזיס . . . ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן די ערשטע סכנה אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, האָט זי אַרויסגערופן אַ שרעקלעכע צעמישונג ביים פאָלקסגייסט, און ער (?) האָט באַשלאָסן צו זוכן רעטונג „אונטער אַ מאַסקע״ („בהסתר פנים״): מכריז זיין, אַז די אומה איז שוין בטל געוואָרן פון דער וועלט, און דערמיט שאַפן איר די מעגלעכקייט ווייטער צו עקזיסטירן, פאַרשטעלטערהייט, אין קלייד פון אַ „רעליגיעזישער קהלה״, וואָס האָט געירשנט דאָס אָרט פון דער אומה. צודערצו איז נויטיק געווען אָראָפּצוציען פון דער יידישער רעליגיע איר אַלטע פיזיאָנאָמיע, כדי איר נאַציאָנאַלישקייט

זאָל ניט זיין צו בולט, און מפקיד זיין די נאציאָנאַלישע שפּראַך און ליטעראַטור פאַר „פאַרשער פון אַלטערטימער".

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף דער פראַגע ווּיפיל דער יידישער „פאָלקסגייסט" האָט זיך באַטייליקט אין דעם „מאַסקאַראַד". מענדעלזאָן, דאַכט זיך, קאָן ווייניקער ווי אַלץ באַטראַכט ווערן אַלס זיין פאַרשטייער. מיר ווייסן דאָך, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט מער ניט ווי איבער אַ פּאָליטיש־קאָמערציעל געשעפט: האָט מען געמוזט זיך ווייזן פאַר פּאַטענטירטע פּאַטריאָטן, און ס'האָט ניט געלוינט, ס'זאָל הייסן, אַז מ'פאַרמאָגט עפּעס אייגענע נאַציאָנאַלישע גיטער — ארץ־ישראל, העברעאיש . . . מיט אחד העם'ן קאָן מען דאָ ניט איינשטימען. נישט וועגן ווייטערדיקער, „אונטערערדישער", אַזוי געזאָגט, נאַציאָנאַלישער עקזיסטענץ האָט מען דאָ געדענקט, נאָר וועגן גאַנץ ניט צווײדייטיקער, פולקאָם אָפּנהאַרציקער אסימילאציע . . . נאָר ניט דאָס איז דער עיקר. געדענקען לאָמיר נאָר, אַז אחד העם דערציילט אונדז וועגן אַ פּעריאָד, ווען יידן האָבן געזוכט מאַסקעס.

ווייטער זאָגט ער:

„ניט אומזיסט, דוכט זיך מיר, איז די פּאַן פון „זשאַרגאָנישן נאַציאָנאַליזם" אויפגעהויבן געוואָרן גאָר איצט, ווען דער זשאַרגאָן אַליין האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגעסן צו ווערן. אויך די „רעליגיעזישע קהילה" אין מערב אייראָפּע איז געבוירן געוואָרן נאָר דאַן, ווען די רעליגיע אַליין האָט אָנגעפאַנגען זינקען. די צוויי דערשיינונגען האָבן איין סיבה. ווען אַ זאַך איז זייער נאָענט צו אונדזער אויג, האָט די פאַנטאַזיע איבער איר קיין שליטה ניט און איז ניט אימשטאַנד זי צו ענדערן, און נאָר ווען זי דערווייטערט זיך שוין פון אונדז און ווערט ניט געזען מיט אַלע צוגן פון אָנבליק, קאָנען מיר זי באַצירן אין אונדזער פאַנטאַזיע מיט אַלץ, וואָס זי האָט גאָר ניט אין זיך. כל זמן די יידן זיינען געווען באמת איבערגעבן זייער אמונה, און זי האָט געהערשט אין זייער גאַנצער לעבנסאַרט, האָבן זיי פון דער נאָענט, אוממיטלבאַריש געפילט איר אמת'ן זין, און אוממעגלעך איז געווען, ס'זאָל זיי קומען אויפן געדאַנק אַזאַ משונה זאַך, אַז מיר זענען בכח אָפּצושיידן די יידישע אמונה פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. און ווען איז די זאַך מעגלעך געוואָרן? ווען די רעליגיע האָט אויפגעהערט אריינצודרינגען אין די טיפענישן פון אינעווייניקסטן לעבן פון מערב־אייראָפּעאישן ייד, געוואָרן פאַר אים ניט מער, ווי „אַ העכערע וועלט", וואָס איז ווייט פון אַלטעגלעכן לעבן, דעמאָלט איז פאַרשוואונדן געוואָרן אויך ס'אינעווייניקסטע געפיל מכח דעם אמת'ן תמצית פון דער

רעליגיע, און ס'איז שוין ניט שווער געווען צו זען זי פונדערווייטנס אין אַ צורה, וועלכע זי האָט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט".

ווי קומט דער משל צום נמשל?! די בערלינער „משכילים", ווי מיר האָבן געזען, האָבן, צוליב זייטיקע כוונות, צוליב דיפּלאָמאַטישן מקח וממכר, זיך באַהאַלטן מיט דער יידישקייט, אָנגעטאָן אַ מאַסקע פון „רעליגיעזישער קהילה", פאַרשמאָלט די נאַציאָנאַלישע קליידער, — און די „זשאַרגאָניסטן" גייט דאָך, פאַרקערט, אין פאַרברייטערן די נאַציאָנאַלישע „מטלטלים", אין גרעבער מאַכן די וואַנט, אין שאַרפער אונטערשטרייכן די אָפּגעזונדערטקייט, אין בולטער אַרויסשטעלן די אייגנאַרטיקייט. מ'קאָן, נאַטירלעך, זיין אַ הייסער ייד, און ריידן אויף אַן עפנטלעכער נאַציאָנאַלישער פאַרזאַמלונג רוסיש, אַלאַ ד"ר קלויזנער, — קומען, אָבער, מיר, קעגן וועלכע אחד העם טרעט אַרויס, און זאָגן: „ניין! דווקא יידיש!" — איז דער משל אַמאָל ניט קיין קרומער?!

און נאָך:

אחד העם רעדט וועגן „זשאַרגאָנישן נאַציאָנאַליזם".

אַ פּובליציסט מעג זיך דערלויבן אַ וויץ אויך. מיינט ער, אָבער, אַזוינס ערנסט, איז דאָס אַן עוולה. צווישן אַלע אַרטיקלען, וועלכע זיינען נאָך דער בערלינער „קולטור קאָנפערענץ" דערשינען אין דער פּרעסע, האָב איך אייגעם ניט באַמערקט, וואָס זאָל פּרעדיקן אַ נאַציאָנאַליזם „שכולו זשאַרגאָן". יעדער פון די אָנהענגער פון יידיש האָט מיט באַזונדערער פאַרזיכטיקייט אונטערגעשטראָכן, אַז ער דענקט גאָרניט וועגן איבעררייסן אַלע פעדים פון דער פאַרגאַנגענהייט. מענדעלזאָנס כתה האָט אַלץ — ארץ־ישראל, העברעאיש, די ליטעראַטור — מפקיר געווען צוליב דער אמונה, וועלכע מ'האָט אויסדערוויילט פאַרן איין און איינציקן סימן פון יידישקייט. די אַזוי גערופענע „זשאַרגאָניסטן" האָט זיך אפילו ניט געחלומט אָפּצוזאָגן זיך פון דער העברעאישער קולטור, מאַכן יידיש פאַרן אויסשליסלעכן פונדאַמענט פון אונדזער נאַציאָנאַליזם. אין אַ געוויסער מאָס דערפאַר אויך שעצן מיר דאָך דעם „זשארגאָן", וואָס אויך ער איז אַ שטיק פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט — דער נאָענטערער . . . ניט דערפאַר אנערקענט מען אים, וואָס מ'וויל דאָס נאַציאָנאַלישע פּנים פאַרבאָרגן אונטער צווייפלדיקן גרים, נאָר דערפאַר, וואָס מ'שטרעבט אונדזער נאַציאָנאַלישעווירקלעכקייט צו פאַרשטאַרקן, אריינגעמענדיק אין ראָד אַ פריש־אויסגעוואַקסענע יידישע קולטורעלישע קראַפט . . .

אחד העם זאָגט:

„כל זמן זשאַרגאָן איז באמת געווען די אומגאַנג־שפּראַך ביי אַלע מזרח־יידן, עלטערן און קינדער, ווירקלעך געקניפּט און געבונדן מיט

זייער באַשטענדיק לעבן, האָט ניט געקאָנט אַנטשטיין אין קיינעמס מוח אַזאַ געדאַנק, אַז זשאַרגאָן איז כלומרשט אונדזער „נאַציאָנאַלישער לשון״: צוזאַמען מיטן זשאַרגאָן אַליין האָט אין פאָלקס־גייסט געלעבט אויך ס׳באַוואוסטזיין פון זיין אמתן ווערט. אַלע האָבן געוואוסט און האָבן דערקענט פון דער נאָענט, וועלכע איז אונדזער נאַציאָנאַלישע שפּראַך, וואָס צו איר איז די נשמה פון פאָלק צוגעבונדן מיט געפילן פון ליבע, כבוד און נאַציאָנאַלישן שטאָלץ. אין די אַלטעגלעכע גע־שעפטן, אין שטוב און אין מאַרק, האָט מען זיך באַנוצט מיטן „גע־ליענעם לשון״, אָבער דעם מוח זייערן און ס׳האַרץ, די געפילן פון היי־ליקייט, פרייד און טרויער, טרער און זיפץ, אַלץ, וואָס זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר ווערט, ס׳זאָל איבערלאָזן נאָך זיך אַ געדעכעניש, פאַר־בלייבן בירושה די קינפטיקע דורות, — דאָס אַלץ פלעגן זיי אַריינ־ברענגען אין אוצר פון דער איינציקער נאַציאָנאַלישער שפּראַך. אפילו פּרויען און עם־הארצים, וואָס האָבן ניט זוכה געווען צו קענען די נאַציאָנאַלישע שפּראַך, און וואָס פאַר זיי האָט מען מחבר געווען „תחינות״ און לייען־ביכער אין דער אומגאַנגס שפּראַך — אפילו זיי האָבן גע־וואוסט, אַז זייער לשון איז ניט די נאַציאָנאַל־שפּראַך, און פלעגן דער־פילן זייער חוב בנוגע צו דער נאַציאָנאַל־שפּראַך, וועלכע זיי האָבן ניט געקענט — באַמיענדיק זיך מיט אַלע כוחות, עס זאָלן זיין צווישן זיי אַזעלכע, וואָס קענען זי; די אַנדערע שפּראַך, וואָס זיי האָבן גע־קענט, האָבן זיי געהאַלטן בלויז פאַר אַן אומגאַנגס־כלי אין הויז־גע־ברויך, ניט געפילט אין זייער האַרץ קיין שום באַזונדערע ליבע צו איר.

— נאָר איצט, ווען די תנאים פון לעבן האָבן שוין אָנגעהויבן אויס־ראָטן דעם זשאַרגאָן פון פאָלקס־מויל, און אין אַ סך יידישע הייזער (איבערהויפּט אין יענע ערטער, פון וואַנען די זשאַרגאָנישע תורה שטאַמט . . .) הערט מען שוין ניט קיין קלאַנג פון אים, און דער יונגער דור באַמיט זיך ניט אפילו אים צו פאַרשטיין — איצט, ווען דער זשאַרגאָן אַליין געזעגנט זיך שוין מיטן לעבן — ווערט אויך טריבער ס׳לעבעדיקע באַוואוסטזיין פונם אָרט און ווערט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין האַרץ פון דער נאַציע, און דעריבער איז מעגלעך איצט צו קוקן אויף אים דורך „ראָמאַנטישע ברילן״ און אָנ־וואַרפן אים ניט־געשטויגענע און ניט־געפלויגענע קרוינען, גלייך ווי ער וואָלט אין אמתן געווען געליבט און געאַכטעט פון פאָלק, ווי דער שטייגער איז פון אַ „נאַציאָנאַל־שפּראַך״.״

אַלץ אין דעם ציטאַט איז ווילקירלעך.

פונוואַנען האָט דער אויטאָר גענומען, אַז דער „זשאַרגאָן״ ליגט שוין אין גסיסה? דערפון, אפשר, וואָס די אינטעליגענץ האָט פאַר־

געסן דעם לשון? קיין ראיה! די טשעכישע און בולגאַרישע שפּראַכן זיינען אַמאָל גאָר פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַלישער אויפלעבונג פון די צוויי פעלקער האָבן אויך זייערע לשונות זיך דערכאַפּט צום לעבן . . . ניט דערפאַר טוט מען אָן קרויגנען דעם „זשאַרגאָן", וואָס עס כלומרשט ווייט שוין איז און ווערט אין אַ לעגענדע איינגעוועבט, נאָר דערפאַר, וואָס אַ התקרבות האָט זיך אָנגעפאַנגען, דערווייטערטע האָבן דערנענטערן זיך גענומען. אחד העם איז שוין לאַנג פון רוסלאַנד, ווייסט ער, קענטיק, ניט, וואָס איבער דער צייט איז פאָרגעקומען. אַ באַקאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער, דער גרייז־גרויער א. פּאַפּערנא, האָט זיך מיט אַ דריי חדשים צוריק אויסגעדריקט אין מיין אַנוועזנהייט, אַז 35 יאָר שוין, ווי ער רעדט ניט קיין „זשאַרגאָן", אָבער זיין זון, אַ דאָקטאָר אין פּעטערבורג, איז דערפאַר יאָ אַ פלאַמיקער פריינט פון יידישן וואָרט, טעטיקער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקסמוזיק . . . מיר אַליין וואָלט זיך מיט דריי יאָר פריער ניט געגלויבט, אַז יידישע צייטונגען וועלן אָנשפּאַרן אין אַזעלכע הייזער וואוהין כ'געפין איצט זיי האָבן זיך אַריינגעקראָגן . . . אַ פאַקט: אונדזער איבטעליגענץ קערט־אום צום מבוזה'דיקן לשון מאַסנווייז און מיט פייערדיקער שנעלקייט . . . ניט ריכטיק, אַז „דער יונגער דור באַמיט זיך ניט אפילו אים צו פאַרשטיין" — דער ערשטער צי פון אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלישן געפיל אין זיי באַשטייט אין ליידנשאַפטלעכער אָנשטרענגונג דעם „זשאַרגאָן" צו באַהערשן . . . כ'שטוין נאָר, ווי קאַטעגאָריש דער מחבר פון „על פרשת דרכים" גיט ארויס די אין לופט־געבויטע השערות פאַר אומדערשיטערטע אמתן . . .

— — —

וואָס, אַז ניט דאַרער פלפול איז אזא מין פראַזע:

— אין שטוב און אין מאַרק האָט מען זיך באַנוצט מיטן „געליענעם" לשון, אָבער דעם מוח זייערן און ס'האַרץ, די געפילן פון הייליקייט, פרייד און טרויער, טרער און זיפץ — אַלץ, וואָס זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר ווערט, ס'זאָל איבערלאָזן נאָך זיך אַ געדעכעניש, פאַרבלייבן בירושה די קינפטיקע דורות, דאָס אַלץ פלעגן די יידן אַריינברענגען אין אוצר פון דער איינציקער נאַציאָנאַלישער שפּראַך"...

קומט אויס:

— — — „דער מוח און ס'האַרץ, די געפילן פון הייליקייט, פרייד און טרויער, טרער און זיפץ" זיינען אין אַ באַזונדער אָרון־קודש,

היגטער אַ פעסטן שלאָס, תמיד געלעגן, און נאָר אין גרויסע ימים־טובים האָט מען זיי אַרויסגענומען . . .

— — — אין שטוב — אָן מוח און אָן האַרץ פלעגט מען לעבן, און נאָר אויסערהאַלב אירע טמא ווענט, ערגעץ אין געדיכטע וועלדער, אָדער ווייטע מדבריות, אָדער גאָר אויף די וואָלקנס אפשר — פלעגן „די געפילן פון הייליקייט, פרייד און טרויער, טרער און זיפץ" באַקומען פרייהייט.

קומט אויס:

— — — אַ דורכשניטלעכער מענטש, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, טביה דער מילכיקער, למשל, ווען ער האָט דערשפּירט: באַלד דערוואַכט אין אים „הייליקייט, פרייד און טרויער, טרער און זיפץ" — פלעגט ער קודם־כל אין אַ פאַרזאָרגטע פּאָזע זיך אוועקזעצן, דעם טייטפינגער אין שטערן אַנשפּאַרן און חקר'נען נעמען: „לאָמיר נאָר אַ קלער טאָן, וואָס איז דאָס מהות דערפון, וואָס כ'גיי דאָ איבערלעבן? איז עס ווערט, ס'זאָל נאָך זיך אַ געדעכעניש איבערלאָזן, בירושה די קינפטיקע דורות פאַרבלייבן?" . . . ניין — איז אים דערלויבט געווען צו געברויכן דאָס מאַמע־לשון; — יאָ — האָט ער געמוזט אָן שום טענות ומענות — „אַריינברענגען עס אין אוצר פון דער איינציקער נאַציאָנאַל־שפּראַך" . . .

קומט אויס:

— — — אַ כשרע יידישע מאַמע, מוצאי־שבת, מיט איבערפולטן האַרץ, אין פייערלעך־געררירטער שטימונג ווען זעצט זיך אַנידער מיט די קינדערלעך און זאָגט מיט זיי, פּילייכט די שענסטע נאָך פשטות און באַהאַרצטקייט, תפילה:

גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
דער הייליקער שבת גייט שוין אַוועק —
אַזוי זאָלן אונדזערע צרות האָבן אַן עק,
און מיר אַלע, קינד און קייט,
זאָלן האָבן נחת און פרייד;
און אַלע יידן, גרויס און קליין,
זאָלן זיי ביי גאָט נושאי חן.
אליהו הנביא שטייט אויף אַ גרויסן לייטער
און ווער טאָן אַ גרויסן טראַמייטער:
„אַהיים אין אייער לאַנד — וועט ער זאָגן —
הערט־אויף יאָמערן און קלאָגן!" —

קומט אויס, אַז אין די ווייכע אמת־יידישע ווערטער איז קיין גע־

פיל פון הייליקייט ניטאָ — אַנדערש וואָלט דאָס ליד דאָך נישט גע־שאַפן געוואָרן אין „זשארגאָן״! . . .

קומט אויס — — — —

— — — ווען די רעקרוטשינע אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן האָט אַן אימה אויף די יידישע פאָלקסמאַסן געוואָרפן, און דער זיפץ פון די פאַרצאַפּלטע האָט זיך אַן אויסדרוק געפונען אין עטלעכע פראַכטפולע „זשארגאָנישע״ לידער, פון וועלכע איך וועל ברענגען דאָס קורצסטע: —

טרערן גיסן זיך אין די גאַסן,
אין קינדערשן בלוט קאָן מען זיך וואַשן.
געוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאַג!
צי דען וועט קיינמאָל ניט ווערן טאָג?
קליינע עופה׳לעך רייסט מען פון חדר,
מען טוט זיי אָן יונ׳ישע קליידער.
אונדזערע פּרנסים, אונדזערע רבנים
העלפן נאָך אָפּצוגעבן זיי פאַר יונים.
ביי זושע ראַקאָווער זיינען זיבן בנים,
איז פון זיי ניט איינער אין יונים!
נאָר לאה די אלמנהס איינציקע קינד
איז אַ כפרה פאַר קהלשע זינד.
עס איז אַ מצוה אָפּצוגעבן פראָסטאַקעס, —
שוסטער, שניידער זיינען דאָך ליידאַקעס;
קרעציקע חייציקלעך פון אַ משפחה אַ שיינער
טאָר ביי אונדז ניט אַוועקגיין ניט איינער . . .

קומט אויס, דער האַרצרייסנדיקער זיפץ איז קיין זיפץ ניט, — ס׳טייטש — ער איז דאָך ניט „אַריינגעבראַכט אין אוצר פון דער איינציקער נאַציאָנאַל־שפּראַך״ . . .

און די גאַנצע „זשארגאָנישע״ פאָלקסשאַפונג?

אחד העם האָט פאַראויסגעזען די פראַגע און פטר׳ט זי אָפּ מיט איין קורצער, אָבער ענערגישער אָנמערקונג:

— „די זשארגאָנישע „פאָלקסלידער״, וואָס גינזבורג און מאַרעק האָבן געזאַמלט און ארויסגעגעבן — לידער, אין וועלכע ס׳איז ניטאָ קיין שאָטן פון פאָעזיע אָדער פון געדאַנק, נאָר בלויז פּלוידעריי — זיינען די בעסטע עדות, אַז דאָס פאָלק אין אַלגעמיין האָט גאָרניט געטראַכט(?), ווירקלעך אויסצוגיסן אין דער שפּראַך זיין האַרץ און מאַכן זי פאַר אַ שפּיגל פון זיין אינעווייניקסטן גייסט״ . . .

די דריי שורות פּעטיט — ווען כ׳האָב זיי איבערגעלייענט — האָבן ביי מיר גאָר „אָפּגענומען ס׳לשון״.

אָט ווי ווייט עס האַלט שוין!

זאָל דאָס זיין בלויז אַ פּאָלעמיש מיטל? כ׳האָב ניט ס׳רעכט צו צווייפלען אין דער ערלעכקייט פון באַקאַנטן שריפטשטעלער. — אָפּנים, אחד העם׳ן איז טאַקע אין אמתן אוממעגלעך צו פילן עפּעס זאַפטיקס, לעבעדיקס, צאַפּלדיקס, אַזוי גרויס איז זיין אָפּגעריסנקייט פון דער אוממיטלבאַרערווירקלעכקייט, אַזוי פאַרקנעכט איז שוין זיין געדאַנק ביי דער קאַלטער אבסטראַקציע . . .

דער באַנד יידישע פאָלקס־לידער — גאָט מיין איינציקער! — דאָס איז דאָך אַ מטמון מיט מאַטעריאַל פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דער פאָלקסטימלעכער פּסיכיק. ווי אין אַ לויטער וואַסער האָט די נשמה פון יידן אין דעם בוך זיך אָפּגעשפּיגלט, מיט זיין באַציאונג צום אויבערשטן, צו דער וועלט, צו זיך אַליין . . . בילדער פון אונדזער לעבנסאַרט, יום־טובדיקער און וואָכעדיקער, פון פאָלקס־לעבן, קהל־לעבן, פאַמיליען־לעבן; אמתע „געפילן פון היילקייט, פרייד און טרויער, טרער און זיפץ״ — „אַלץ, וואָס איז ווערט, עס זאָל נאָך זיך אַ געדעכעניש לאָזן, פאַרבלייבן בירושה די קינפטיקע דורות״ — אַלץ האָט איר דאָ.

„קיין שאָטן פון פּאָעזיע״ . . . און דאָס, וואָס איז:

אונטער דעם קינדס וויגעלע
שטייט אַ גילדן ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען . . .

אָדער:

כ׳בין אויסגעפאָרן אין אַלע שיפן און אַלע ימען,
כ׳האָב געמיינט כ׳וועל קריגן קויפן פאַרן יתומל אַ מאַמען,
אין דעם יתומס וויגעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פייער,
ווי אויפן פרייען פעלד אין די שטרוי פון אַ שייער.

איך קלאָג, וואָס איך האָב דיך געבוירן
אויף צרות, אויף אומגליק, אויף שמערץ,
ווען איך האָב דיין פאָטער פאַרלוירן,
ביסטו געווען ביי מיר אונטערן הערץ.
ווען דו ביסט אַרויס פון דיין בליאונג,
איז ער שוין ביי אונדז ניט געווען.

קיין פאָטער, מיין קינד, האָסטו ניט, —
ער האָט דיך ניט דערלעבט צו זען.

וואָלט איך געווען אַ פייגעלע —
וואָלט איך צו אים געפלויגן,
ניכיי וואָלט ער אויך געזען
מיינע פאַרוויינטע אויגן! . . .

וואָלט איך געווען אַ פישעלע,
וואָלט איך צו אים געשוואומען!
אַז ער וואָלט וויסן מיין ביטער האַרץ,
וואָלט ער צו מיר געקומען.

די זיידנקלייד וועסטו אויפהויבן,
אונטערן ביימעלע זיך אַוועקלייגן;
דאָס ביימעלע וועט דיך צודעקן,
די פייגעלע וועט דיך אויפוועקן . . .

שווארצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין, —
שיינע בחורים נעמען מיר,
מיאוסע לאָזן מיר גיין.

„קיין שאָטן פון געדאַנק" . . . און דאָס:

ה' אחד ושמו אחד!
איין אַדיר
איז ער אויבן.
איין ברוך
איז ער אונטן.
אונטן, אויבן,
אַלע גלויבן,
אַלע גלויבן,

אַלע זאָגן,
אַלע ריידן:
ער איז איינער,
איבער אים איז קיינער!

אין מיטן וועג שטייט אַ בוים
און האָט זיך איינגעבויגן:
פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל
מיט פאַרוויינטע אויגן.
גאָט, מיין גאָט, גאָט, מיין גאָט!
לאָמיר דאַווענען מנחה, —
בשעת מיר וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל,
וועט זיין אַ גרויסע שמחה!

פאַרוואָס זאָלן מיר זאָרגן,
וואָס וועט זיין מיט אונדז מאָרגן?
לאָמיר בעסער פאַררעכטן,
וואָס מיר האָבן געזינדיקט נעכטן!
נישט זאָרגן און נישט טאָן אַ קרעכץ,
נאָר גאָט דינען, וועלן מיר ניט וויסן פון שלעכטס . . .

דאָס, וואָס איז?

וועגן ברענגען ביישפּילן פון קלוגע און שיינע לידער, וואָלט אויסגעקומען אַרויסשרייבן דריי פערטל פון גאַנצן ספר . . .

און וואָס הייסט — „דאָס פאָלק אין אַלגעמיין האָט ניט געטראַכט ווירקלעך אויסצוגיסן אין דער שפּראַך זיין האַרץ און מאַכן זי פאַר אַ שפּיגל פון זיין גייסט" — ?

אַ פאָלק טראַכט ניט, ווען עס שאַפט. „אַלע אויפרעגונגען ענדיקן זיך ביי מיר אין פערזן" — האָט אַמאָל געשריבן בייראָן צו טאָמאָס מור. דאָסזעלביקע מיט דער מאַסע. יעדעס געפיל, יעדע איבערלעבונג, יעדע דערשיינונג, יעדע געשעעניש רופט אַרויס אַ דראַנג צו דיכטונג, און אַ ליד ווערט געבוירן. דעם פאָלק האָט ווי געטאָן — האָט עס אויסגעשריען:

„געוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג, —
צי דען וועט קיינמאָל ניט ווערן טאָג?"

דאָס פאָלק פרייט זיך, זינגט עס:

„וואָס מיר זיינען — זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר״ . . .

אַלע אַזעלכע לידער צוזאַמען בילדן אַ שפּיגל. אַ פאָלק נעמט זיך ניט פאַר: „כ׳גיי מאַכן אַ שפּיגל פאַר מיין גייסט!״ — אַ פאָלק קלייבט ניט: „וועלכע שפּראַך זאָל דער שפּיגל זיין?״ — און איז ניט מכריז: „יידיש, זיי דו דער שפּיגל!״ — אַ שפּיגל אַנטשטייט פון זיך, סטיכיש, אומבאַקלערט . . .

און אויב איר ווילט, האָב איך גאָר חרטה דערויף וואָס כ׳האָב פריער געזאָגט, — דער טרוקנסטער מענטש, דאַכט זיך, קאָן נישט בלייבן גלייכגילטיק צו די יידישע פאָלקסלידער, צווישן וועלכע ס׳איז פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס ס׳איז אויף זיי ווי אַנגעמאָסטן עמערסאָנס אַן אויסדרוק: „שנייד איבער די ווערטער, וועט בלוט רינען, ווייל זיי זיינען לעבעדיקע און פול מיט אָדערן״. . . . מער ניט, אחד העם האָט זיי ניט אַנגעטאָן דעם כבוד אויפמערקזאַמער אַדורכצוקוקן. מעשה־אַריסטאָקראַט: קוים האַנדלט זיך וועגן „זשאַרגאָן״ — גילט אַן אויי־בערפלעכלעכע באַציאונג; אַ „זשאַרגאָניש״ ווערק, אַז מ׳נעמט אין האַנט, איז דורכאויס מיט הענטשקעס, מ׳זאָל זיך חס־וחלילה ניט פאַר־שמירן די אויסגעפּעסטעטע פינגער . . .

קומט צו „זשאַרגאָן״ — מעג מען זיין ניט קאָרעקט אויך. אפילו אחד העם דערלויבט זיך אַזאַ „ראיה״:

— ווען ס׳האָט זיך געטראָפן צו זען דאָס עקלדיקע העפט פון די זשאַרגאָנישע „ליבע אַפאָריזמען״, וועלכע ה׳ בערנשטיין פון וואַר־שע האָט געזאַמלט און אַרויסגעגעבן אַלס מאַטעריאַל פאַר יידישער עטנאָגראַפיע, דער וועט פאַרשטיין, וועגר ס׳איז געווען „דאָס פאָלק״, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין „גייסט״ אויף זשאַרגאָן אין „שאַפונגען״ פון דעם מין, וועלכע ווערן ביי יעדער אומה אויך גערעכנט פאַר פּרוכט פון נאַציאָנאַל־גייסט אין אַלגעמיין. אויסגעשלאָסן איז גאָר די מעגלעכקייט, אַזעלכע גראָבע „שפּריכווערטער״, וואָס אפילו עמנואל הרומי וואָלט זיך די אויערן פאַר זיי פאַרשטאָפּט, זאָלן באַשאַפן ווערן דורכן גייסט פון יידישן פאָלק אין אונדזער „נאַציאָנאַל־שפּראַך״.

כ׳וועל זיך שוין ניט אָפּשטעלן אויף דער לעכערלעכקייט פון דער פאַרזיכערונג, אַז אויף העברעאיש וואָלט אוממעגלעך געווען „גראָבע שפּריכווערטער״. ס׳איז די אַלט באַקאַנטע פּסיכאָלאָגיע פון אַן „אתה־בחרתנו׳ניק״. דער געדאַנק איז אין גרונט פאַלש. פון וואַנען נעמען זיך פרייע פאָלקס אַפאָריזמען? דער ווייניק קולטורעלישער המון איז

ניט אַזאַ גרויסער אסטניס אין „הלכות עסטעטיק“, איז ניט איבעריק מדקדק אין ווערטער, געווינט אַנצורופן יעדע זאַך ביים נאָמען, דערפון אנטשטייען שפּריכווערטער, אָפטמאָל גאַנץ וויציקע און בייסנ־דיקע אין אידייע, נאָר מער ווייניקער ווולגאַרישע אין אויסדרוק. יעדער לשון האָט אַזעלכע, און ווען העברעאיש איז די אומגאַנגס־שפּראַך פון יידישן המון געווען, האָט געוויס ניט געפעלט אויך קיין לשון־קודשדיקע „גראָבע פּתגמים“. מ׳קאָן ניט זאָגן, אין דער אַל־טער ליטעראַטור אונדזערער, אין דער גמרא, למשל, זאָל ניט זיין אַ היפּש ביסל גאַנץ ריזיקאַלישע פּראַזן, וועלכע מ׳וואָלט אָן שום שאָדן געקאָנט אַרויסלאָזן . . .

איבעריקנס, אַלס שטיקל פאָלקלאָריסט, בין איך נאָענטער באַ־קאַנט מיטן יידישן שפּריכוואָרט, און קאָן פאַרזיכערן, אַז אַ גרויסער, אויב ניט דער גרעסטער טייל „פּתגמים גסים“, וואָס דרייען זיך אַרום אין תחום, שטאַמען פון גאַנץ אריסטאָקראַטישן געבורט: אראָפּגעקו־מען אין המון פון אויבן, פון די געלערנטע, לומדישע און זאָגאר משכילישע קרייזן. איגנאַץ בערנשטיין האָט סך־הכל אַ צוויי הונ־דערט, און ווייניק כאַראַקטעריסטישע, צונויפגעקליבן. כ׳פאַרמאָג אויך אַ קליינע קאָלעקציע ניט־כשרע שפּריכווערטער. זיי טראָגן אַלע אַ נאַציאָנאַל־יידישן אָנבליק, זיינען דורך און דורך יידיש. מערסטנטיילס זיינען דאָס גראָבע אָדער אויסגעלאַסענע, הגם ניט זעלטן שטאַרק־קלוגע און סאַרקאַסטישע פּאַראָדיעס און טראַוועסטיעס אויף פּסוקים פון דער תורה, אויף מימרות פון דער גמרא, פון מדרש, פון די תפי־לות; טיילמאָל גאַנצע פּירושים און פּלפּולים אויף טעמעס פון די זעלביקע קוועלן. אין ישיבה, אין בית־המדרש, אין קלויז, אין חסידיש שטיבל איז דאָס אַלץ אויסגעטראַכט, אָפּגעשטעמפּלט, אַרומגעטאָקט און אַרומגעשליפן געוואָרן . . .

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. מיך אַרט עפּעס אַנדערש. מיך אַרט, וואָס אחד העם האָט זיך גראָד אויף דעם העפט אָפּגעשטעלט. מיך אַרט, וואָס ער מאַכט זיך כלומרשט ניט ווויסנדיק, אַז פאַראַן אַ גרע־סער און וויכטיקער ווערק בערנשטיינס — אַ שיינער באַנד „שפּריכ־ווערטער און רעדנסאַרטן“ — כשרע. אַ באַנד, וועלכער שפּיגלט אין זיך אָפּ גאַנץ געוויסנהאַפטיק און דייטלעך אונדזער נאַציאָנאַלישן גייסט.

אָט דער באַנד גיט דעם גרונט־מאַטעריאַל פאַר יידישער עטנאָ־גראַפּיע! דאָס העפט מיט די צוויי הונדערט „רוסטיקא עט עראָ־טיקא“ איז נאָר אַ טפל. אַז מ׳האַלט אין זאַמלען, און ס׳וואַרפט זיך דורך אַ ניט גאַנץ ריינס — פאַרשרייבט מען אויך. ס׳קומט צונוץ. אַ פאָלקלאָריסט און אַ היסטאָריקער איז פּונקט ווי אַ כעמיקער אָדער

אַ דאָקטאָר: מיאוסט זיך מיט גאַרניט . . . ווירקלעך, פאַרן עטנאָגראַף איז אינטערעסאַנטיש צו זען דאָס פאָלק אויך פון דער זייט — אין דער תּאווה, אין נבול־פּה. מיינט ניט, אויך אין דעם שפּיגלט זיך אָפּ דער גייסט פון פאָלק; ניט אַלע אומות זענען גלייך אפילו אין שמוץ . . .

ווען באַגעגנסט אַזעלכע פאָלעמישע מיטלען ביי אַזאַ מענטש, ווי אחד העם, פאַרדריסט דאָס. ניט טפל־זאַכן, נאָר תּוך־זאַכן ברענגט מען אַלס ראיה — און האָט דער מחבר פון „על פרשת דרכים״ דעם דאָזיקן דיקן באַנד בערנשטיינס פאַרשוויגן, וואָלט ער, כ׳לעבן, געמעגט אויך דאָס דינע העפט צורו לאָזן!

אַקיצור: אָט וואָסער ווערט עס האָבן אַלע דרכים, מיט וועלכע דער העבראַאישער שריפטשטעלער באַמיט זיך דעם אַזוי גערופענעם „זשאַרגאָן״ צונישט מאַכן.

צו לייכט זשאָנגלירט ער אויך מיטן באַגריף „באַוואוסטזיין פון פאָלקסגייסט״.

אוודאי האָבן די אָנשויאונגען פון דער מאַסע אויף געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלישע דערשיינונגען אַ געוויסן אינטערעס, און די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע מוז זיך מיט זיי אויך רעכענען. אָבער אוממעגלעך איז, שטענדיק זיי צו נעמען „פשוט כמשמעם״, בוכשטעבלעך, אָן קריטיק און באַלייכטונג. שוין נישט ריידנדיק דערפון, אַז „באַוואוסטזיין פון פאָלקסגייסט״ איז זייער אַ שיטערער און דינער שטאָף, און ניט תמיד לאָזט ער זיך גרינג אָנטאַפּן מיט די פינגער. אָט זינגט אַ פאָלקס־ליד למשל:

אָמן ואָמן, דאָס איז וואָר,
משיח וועט קומען היינטיקן יאָר . . .

און איבערצייגט איז דער המון, וואָס האָט דאָס ליד באַשאַפן, אַז נאָר אַזוי אַרומער וועט די גאולה קומען. — „מ׳טאָר ניט דוחה זיין את הקץ״ — זאָגן זאָגאַר אייניקע ספרן, איבערהויפּט די, אין וועלכע אחד העם זעט ס׳גאַנצע פאָלק, די אמתע פאַרשטייער פון „פאָלקסגייסט״, — איז דערפון געדרונגען, אַז די אַרבעט פון די אַלע, וועמער עס שטרעבט ארץ־ישראל ווידער צו קאָלאָניזירן, איז אַנטינאַציאָנאַליש?

דאָס „באַוואוסטזיין פון פאָלקסגייסט״ האַלט אויך, אַז נישט די ערד אַרום דער זון, נאָר די זון אַרום דער ערד גייט; אַז מאַגנטיק איז אַ שלעכטער טאָג; אַז הושענא־רבא קאָן מען זיך זען אָן אַ קאָפּ; אַז פאַר טראָגן קורצע קליידער שטאַרבן קליינע קינדער . . .

קאַטאָוועס אין אַ זייט! בכלל איז אַ שרעקלעכער טעות צו זאָגן, אַז די ברייטע מאַסן האָבן ביז איצט געמאַכט עפּעס אַ חילוק צווישן די צוויי שפּראַכן בנוגע צו זייער נאַציאָנאַלישער באַדייטונג. די השגה וועגן נאַציאָנאַלישן איז פּראָדוקט פון דער נייער צייט, אין די יידישע גאַס אַמשפּעטסטן אָריינגעדרונגען. נישט מחמת העברעאיש איז „נאַציאָנאַל־שפּראַך" ווערט עס פון פאָלק געליבט און געאַכפּערט, נאָר מחמת די קדושה אויף דעם לשון אויסגעגאָסן איז. דאָס איז — „לשון־קודש" — די שפּראַך פון דער תורה און פון די תפילות . . . בעסער: דער העברעאיש־קענער האָט אַ קנאַפּע ווערט געהאַט פאַרן פאָלק; דעם למדן האָט מען געשעצט, דעם תלמיד־חכם, דעם באַנקקוועטשער; אַ רב האָט מען געגאַרט צו האָבן אין דער משפחה, אַ גמרא־קעפּל האָט מען פאַר אַן איידעם געקויפט . . .

דאָס קינד וועט לערנען תורה;
פלעצעלעך מיט פּוטער וועט'ן אים שמירן,
אין חדר אַריין וועט מען אים פירן;
ספרים וועט ער שרייבן,
איין גוטער און אַ פרומער ייד
וועט ער אי"ה בלייבן . . .

אַט וואָסער אידעאַל עס ווערט געשילדערט אין אַ פאָלקסטימלעך וויג־ליד.

ווי קליין ס'איז געווען דאָס אָרט, וואָס העברעאיש, אַלס העברעאיש, אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך, האָט אין אַלטן יידישן לעבן פאַרנומען, איז צו זען דערפון, אַז ריב"ל האָט געמוזט מיט אותות ומופתים, מיט מראה־מקום'ס און מיינונגען פון אויטאָריטעטן, באַווייזן און איינדויבען דעם פּשוטן געדאַנק אַז אַ ייד באַדאַרף קענען דאָס לשון . . .

די וועלטלעכע, ריין־נאַציאָנאַלישע ווערט פון העברעאיש איז אנערקענט געוואָרן גאָר ניט לאַנג, נעכטן ערשט . . .

וועגן „זשאַרגאָן" — — כ'בין אין אַ גרויסן ספק צי דער „פאָלקסגייסט" האָט זיך ווען ניט איז אָפּגעגעבן מיט דער קשיא וועגן אָרט און ווערט פון „זשאַרגאָן".

אחד העם, אַלס אינטעליגענט פון דעם טיפּ, וואָס דער קאַלטער רעפלעקס איז זיין אייביקער באַגלייטער און טויט מיטן שניידיקן צוריר יעדע נאַטירלעכע באַוועגונג — אומפּייאיק איז צו פאַרשטיין, אַז מ'קאָן לעבן אָן אַן אַנאַטאָמיש מעסער אין האַנט, לעבן ווי גאָט האָט

געבאָטן, פריי, מיט פולער ברוסט, ניט גריבלענדיק זיך אין איי־גענער פסיכיק, ניט צוקלייבנדיק קיין עטיקעטן צו די אייגענע אברים.

אין „זשאַרגאָן" לעבט די מאַסע, און אַזוי ווי זי גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון אין „אָרט און ווערט" פון בעט, מיט וועלכן זי באַ־נוצט זיך צום אָפּרו, פון ברויט, מיט וועלכן זי שטילט איר הונגער, אַזוי האָט זי ניט געמאַכט קיין חקירות וועגן „זשאַרגאָן" . . .

העברעאיש — „הייליק", זשאַרגאָן — „וואָכעדיק", — דער גאַנ־צער אונטערשייד, וואָס די מאַסע האָט געזען.

אָבער ס'גאַנצע לעבן פון מענטשן איז דאָך וואָכעדיק! וואָכע־דיק — דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָכעדיק יעדער אָטעם — נאָר דער אָדער יענער צופעליקער מאָמענט פאַרהייליגט אַ זאַך, וואָס איר אָנהויב איז וואָכעדיק אין בעסטן זין פון וואָרט, ד. ה. נאַטירלעך, ניט געקינצלט, פּראָסט, ווי פּראָסט און אוממיטלבאַריש ס'איז דער שטראַל פון דער זון, דער גערוך פון דער רויז . . . נאַציאָנאַליזם אַליין איז וואָכעדיק, און אמת שטאַרק איז ער נאָר אַלס אַזעלכער!

אַ שפּאַס צו זאָגן: „דעם זשאַרגאָן האָבן די יידן געהאַלטן פאַר אַן אומגאַנגס־כלי צום שטוב־געברויך" . . .

אין דעם איז זיין קראַפט! הלואי וואָלט העברעאיש דאָסזעלביקע געווען — וואָלטן מיר די ביטערע ברודער־מלחמה, דעם אומניצלעכן תוהו־ובוהודיקן „ריב־לשונות" נישט געהאַט . . . הלואי זאָל אַלץ, אַלץ, וואָס דינט אונדז איצט פאַר אידעאַל, אַלץ, צו וואָס מיר בוקן זיך — „נאַציאָנאַליזם", „קולטור", „יידישע קונסט", „טעאַטער" — ווערן ניט מער, ווי אַן אומגאַנגס־כלי צום שטוב־געברויך" . . . דאָס הייסט דאָך דערגרייכן דעם ציל . . . אַ קלייניקייט: „אין די אַלטעג־לעכע געשעפטן, אין שטוב און אין מאַרק האָט מען זיך באַנוצט מיט דער „געליענער שפּראַך" . . . דאָס באַטייט דאָך: אויף שריט און טריט, זיבן טאָג אין דער וואָך, פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, צווישן מאַן און ווייב, טאַטע־מאַמע און קינדער, צווישן סוחר און קונה, בעל־מלאכה און באַשטעלער, ביים עסן, ביים טרינקען, ביים אָפּרו, ביים פריינטלען זיך, ביים קריגן זיך . . . זאָלן אַלע אונדזערע קולטורעלישע גיטער אַזוי דורכווייקן ס'פאָלקס־לעבן, מער ווינטש איך ניט פאַרלויפיק . . . וואָס איז דען, מ'שטיינס געזאָגט, אונדזער גאַנץ אומגליק, אַז ניט דער תהום צווישן אידעאַל אוןווירקלעכקייט? אַז ניט די איינגעשרומפּנקייט פון אוממיטלבאַרן לעבן און היפּער־טראָפיע פון אַבסטראַקטן איבערגעשפּיצטן געדאַנק!? . . .

ביי די אומות־העולם ניט שכיח זיין קאָן גאָר, אַ מענטש, וואָס

רעדט וועגן אויפלעבונג, זאָל זיין אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט, אַזוי פאַרזונקען אין שטויב פון טרוקענעם פּלפּול . . .

— — — —

אויף אַזוי פיל איז דער מבוזה׳דיקער לשון אין אחד העם׳ס אויגן נישטיק, אַז גיכער „אַלס טעמע פאַר אַ שיינעם פעליעטאָן״ האַלט דער פּובליציסט די גאַנצע „שאלה״ וועגן דער „נאַציאָנאַלער שפּראַך״, וואָס דערוועקט די לעצטע צייט „הייסע וויכוחים״ אין צייטונגען און אויף אספּות.

כ׳וועל נאָכגעבן אויף אַ מינוט אַ געדאַנק, אין וועלכן כ׳גלויב אַליין נישט:

— אפשר בלאָנדזשען מיר טאַקע? —

און אפילו! — פּאַרט די פרישסטע, די יינגסטע כוואַליע אין אויפלעבונגס־שטראָם זיינען מיר, מיט טיפן נאַציאָנאַלישן התלהבות דורכגעדרונגען, — און צו ברעגעס פון שענערן, געזונטערן, ברייטערן לעבן שלאָגט די מונטערע, שטורעמדיקע כוואַליע! — נישט מיט חוזק־שמייכל דאַרף וועגן אונדז געשמועסט ווערן! — נאָר לאָמיר זיך נישט געפינען באַליידיקט דערפון, וואָס מ׳גיט אונדז איבער צו אַ פעליעטאָניסט אין די הענט, ער זאָל פון די „פּוסטעפּאַסניקעס״ אַ „מאכל־מלכים״ פאַר די זשאַרגאָן־פּרעסער צוגרייטן: קאָן דען אַנדערש אורטיילן אַ קאַבינעט־מענטש, וואָס שוועבט אין די פּראַסטיקע רוימען פון אַבסטראַקציע און איגנאָרירט איגנאַנצן די לעבעדיקע ווירקלעכקייט? . . .

איינס האָט געצוואונגען אחד העם׳ן אַליין צו נעמען ס׳וואָרט אין דער „פעליעטאָן־שאלה״: דער פּחד, וואָס אַ געוויסער טייל „העברעאיסטן״ האָט אָנגעהויבן פילן פאַרן „זשאַרגאָן״. דער מחבר פון מאמר איז כלומרשט ניט אַזוי פאַרביסן:

— קאָן דען זיין, למשל, אַ מער ווילדע זאַך — שרייבט ער — ווי דאָס, וואָס אויף נאַציאָנאַלישע יידישע פאַרזאַמלונגען, וואו ס׳הערשט אַ מישמאַש פון כל׳ערליי שפּראַכן, הערט מען פּראָטעסטן קעגן געברויך פון דעם לשון, וואָס די מערהייט יידן רעדט עד היום און וועט אוודאי נאָך ריידן אויף אים אַ צוויי־דריי דורות״?

ווי מיר זעען, פליסט אחד העם׳ס גוטמוטיקייט נאָר פון דער איבערצייגונג, אַז „זשאַרגאָן״ וועט שוין לאַנג זיך ניט אַרומדרייען אויף דער וועלט. צו איינעם, וואָס טראָגט אויף זיך אַ טויט־אורטייל, באַציט מען זיך תמיד מיט געוויסער ווייכקייט.

— „אַ סך צענדליקער טויזנטער פון אונדזער המון קענען נישט לייענען אויף קיין אַנדער שפּראַך אויסערן היימישן „זשאַרגאָן״. זאָל

דערפאַר ביי זיי צוגענומען ווערן דאָס רעכט אַרויסצוקריגן זיך פון פינסטערניש, און צו פאַרברייטערן זייער בילדונג און וועלט־אנשוי־אונג״? — מיט אַזעלכע גוטע ריידעלעך דריקט זיך אויס אחד העם וועגן נישטיקן לשון און טאַקע גלייך אויפן אָרט — צעטרעט ער אים מיט די פּיס:

— „מחמת אונדזער אייגענע נאַטירלעכע שפּראַך איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון אונדזער מויל, האָבן געקאָנט אַנגענומען ווערן ביי אונדז אַלע שבעים לשון און כל מיני זשאַרגאָנען — צווישן זיי אויך דער. אָבער קיין איינער קאָן זיך ניט איינוואָרצלען אין אונדזער נשמה. אַ לשון גייט אַוועק, און אַ לשון קומט אָן — אַלץ נאָך באַדערפעניש פון דער שעה; אַלע זיי געברויכן מיר, און אַלע זיינען זיי אונדז פרעמד; אַלצאיינס איז אונדז, וועלכע הערשט היינט, און וועלכע וועט הערשן מאָרגן. די נאַציאָנאַלישע שפּראַך דער־לייגט ניט און פאַרדינגט ניט פון דעם חילוף. זי קאָן ניט קאָנקורירן מיט זיי אין זייער גבול, און דאַדורך טאַקע קאָנען זיי אויך ניט קאָנקורירן מיט איר אין איר גבול.

„לאָז מען שרייבן און שרייבן גוטע ביכער אויף זשאַרגאָן, און לאָז דער המון לייענען און בילדן זיך. קיין „נאַציאָנאַלישע ליטעראַטור״ וועט מען אין דער שפּראַך ניט באַשאַפן. וואָס ס׳איז ראוי פאַרהיט צו ווערן לדורות — וועט פאַרהיט ווערן אין העברעאישער איבערזעצונג, אַזוי ווי ס׳איז פאַרהיט געוואָרן ספרים, געשריבענע אויף אַראַביש און אַז. וו. — דאָס איבעריקע וועט פאַרגעסן ווערן צוזאַמען מיטן זשאַרגאָן — גלייך ווי גאָר אויף דער וועלט נישט גע־ווען. קאָן דען עמיצער זיין אין ספק, אַז דער זשאַרגאָן אַליין מוז פאַרגעסן ווערן נאָך אין צוויי־דריי דורות אַרום?״

נישקשהדיקע פּאַרציע! — געהערט אַ זאַג: „אַ לשון גייט אַוועק און אַ לשון קומט אָן, און אַלע זיינען אונדז פרעמד, און אַלץ איינס איז אונדז, וועלכע הערשט היינט, און וועלכע וועט הערשן מאָרגן״ . . . אפילו אַ דירה, ווען אַ מענטש דינגט זיך און וואוינט אין איר אַפּ אַ צייט, ווערט זי אים געוויסערמאַסן טייער . . . מכל־שכן אַ שפּראַך פאַר אַ פאָלק!

צוויי טויזנט יאָר — נישט קיין קליינער מהלך, און אַן אומה, וואָס לעבט אַזוי לאַנג, מוז אויסשטיין „קאַלטס און וואַרעמס״.

קיין חידוש, אַז אַ סך לשונות האָבן אין אונדזער אומענדלעכן וואַנדערן זיך אַדורכגעוואָרפן. דערפון איז, אָבער, נאָך נישט גע־

דרונגען, אַז די באַציאונג פון יידישן פאָלק צו זיי איז געווען אַזאַ אַפּאַטישע.

וואָס הייסט: אַ שפּראַך נעמט זיך אָן צווישן אַ מענגע מענטשן? — דאָס הייסט: זי ווייקט אַדורך זייער גאַנץ לעבן, פאַרלאָזט וואָרצלען אין זייער קאָלעקטיווער נשמה! . . . זי קאָן מיט דער צייט פאַרשווינדן, אַרויסגעשטופּט ווערן פון אַן אַנדערער, אָבער כל־זמן זי איז נאָך אויף דער צונג פון די פאָלקס־מאַסן, — ליב, טייער מוז זי זיין. אַ נאַציע, וועלכער ס׳איז „אַלצאיינס, וואָסער שפּראַך הערשט היינט, און וואָסער עס וועט הערשן מאָרגן״, איז געגליכן צו אַ פּראָסטיטוטקע, און ניט מיר זיינען אַזאַ נאַציע!

ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי: „אַ לשון גייט אַוועק, אַ לשון קומט אָן״ — הונדערטער מיט יאָרן געדויערט דער פּראָצעס! יעדער פון די „שבעים לשון״, וואָס האָבן אונדז שוין באַגלייט אין אונדזער שווערן וועג, האָט איבער צענדליקער דורות געהערשט. אַמקורצסטן און אַמשוואַכסטן איז, דאַכט זיך, געווען די שליטה פון פראַנצויזישן „זשאַרגאָן״, אויף וועלכן נאָר אַ קליין הייפל יידן האָט גערעדט, דאָך, האָט אויך דער געליהענער לשון ניט מיטאַמאָל ארויסגעגליטשט זיך פון יידישן לעבן. לאַנג נאָכן גירוש־צרפת האָבן יידישע קהילות אין אונגאַרן נאָך געשריבן ספרים אינם פאַריידישטן פאַריזער דיאַלעקט . . . נישט נעכטן זיינען די גולי־ספרד געקומען קיין טערקיי, דאָך עקסיסטירט נאָך צווישן זיי די שפּאַניאָלישע שפּראַך, דערביי — האַלט זיך גאַנץ פעסט, הגם ניט מיליאָנען, נאָר בסך־הכל אַ פּאָר הונדערט טויזנט מענטשן לעבן אין אים.

ניין, צו פרימיטיוו טייטשט אויס אחד העם היסטאָרישע דערשיינונגען: יעדע פון די שפּראַכן, וועלכע מיר האָבן ווען נישט איז געבערויכט, האָט בשעתה געקעניגט אין דער פאָלקס־נשמה. דער אומדערבאַרימדיקער גאַנג פון די אָביעקטיווע פאַרהעלטענישן האָט איינע פון טראָן אַראָפּגעוואָרפן, אַ צווייטע אויף איר אָרט אַרויפגעפירט — דער ווילן פון פאָלק — כ׳בין אין דעם איבערצייגט — ווען פון אים אַליין זאָל די זאַך אָפּהענגען, וואָלט באַשטימט נישט מסכים געווען אויף אַזעלכע אָפּטע חלופים.

כ׳מוז ענערגיש פּראָטעסטירן קעגן דער אויבערפלעכלעכער באַלייכטונג פון דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע אין מאמר „ריב לשונות״. מיר זיינען דורכאויס נישט אַזעלכע ציגיינער אין דער שפּראַכן־פראַגע. און ווייניקער ווי אַלץ איז אונדזער אומה גלייכגילטיק צום איצטיקן „זשאַרגאָן״.

אחד העם האָט די טבע אָנצופרעגן ביים „באַוואוסטזיין פון

פאָלקס־גייסט״ — לאָז ער געדענקען, אַז דער המון־עם האָט געקרוינט די שפּראַך מיט די נעמען — ״מאַמע־לשון״, ״יידיש״ . . .

״יידיש״ — פון וואָרט ״ייד״.

— ״ער וויל ניט ריידן קיין וואָרט יידיש!״ — איז די ערגסטע אַטעסטאַציע, וואָס דאָס פאָלק גיט איינעם, און פאַרשטיין דאַרף מען די פראַזע כמעט: ״ער איז אַ מומר להכעיס״ . . .

כ׳האָב פיינט כל מיני ״טרעפּעניטשן״. ס׳איז מיר זייער נישט אָנ־גענעם צו פּאָלעמיזירן אויך וועגן דער צוקונפט פון ״זשאַרגאָן״. כ׳מוז, אָבער, קאָנסטאַטירן: די טענדענץ פון דער עפּאָכע איז דורכאויס נישט אַזעלכע, דער לשון זאָל קאָנען אונטערגיין אין משך פון צוויי־דריי דורות.

קודם כל: צווישן אַלע ״גליהענע״ אומגאַנגס־שפּראַכן אונדזערע, אָפּגעשטאָרבענע און לעבעדיקע, איז יידיש די ערשטע און איינציקע, אויף וועלכער מיליאָנען ריידן . . . מיליאָנען — דאָס איז קיין שפּי־לעכל . . . דרך־ארץ פאַר אַזאַ לשון!

אַ שפּראַך, וואָס לעבט אין מויל פון מיליאָנען, צו שטאַרקע וואָרצלען פאַרמאָגט, זי זאָל אימשטאַנד זיין אַזוי לייכט אויסגעראָטן צו ווערן.

דער באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַליזם, וואָס פאַנאַנדערשפּרייט זיי־נע פליגל אויף דאָס מאָדערנע יידישע לעבן, האָט פיל מיטגעווירקט, די וואָרצלען זאָלן נאָך מעכטיקער ווערן, און איז עלול זיי נאָך און נאָך צו פאַרפעסטיקן.

אחד העם איז מסכים, מ׳זאָל דעם המון־עם בילדן אין ״זשאַר־גאָן״. ביי דעם שריפטשטעלער געפינט נאָך צוטרויען די אַלטע נאַ־איווע מיינונג, אַז אַ שפּראַך קאָן זיין בלויז אַ מיטל צו עפּעס זייטיקע צוועקן. ניין! דער לשון אין וועלכן אַ פאָלק באַקומט זיין גייסטיקע שפּייז, ווערט דורך דעם גופא פאַרהייליקט, און די נשמה פון די מאַסן אַזוי פעסט מיט אים באַהעפט זיך, אַז אוממעגלעך איז דער־נאָך דעם בונד לויז צו מאַכן . . .

״לאָז מען שרייבן און שרייבן גוטע ביכער אויף זשאַרגאָן״ — אָבער דורך דעם וועט דער ״זשאַרגאָן״ אַליין אַלץ רייכער, אַלץ טי־פער, אַלץ פיינער, אַלס שפּראַך, ווערן. זיין קולטורעלישע ווערט וועט שטייגן, און אויך ס׳אָרט, וועלכעס ער פאַרנעמט אין אונדזער נאַציאָ־נאַלישן לעבן.

ארץ־ישראל — דאָס איינציקע לאַנד, וואו העברעאיש האָט די האָפענונג אויפצולעבן אַלס אומגאַנגס־שפּראַך. דאָרט איז עס אַ באַ־דערפעניש אין פּראַקטישן לעבן: יידן קומען זיך צונויף — מארבע פנות העולם; איינער דעם צווייטן פאַרשטייט נישט; — דער טער־

קישער רעדט שפּאַניאָליש, — דער רוסישער — יידיש, דער תימנער — אַראַביש, דער בוכאַרער — סאַרטיש, דער פּאַלאַש — געזיש . . . אונדזער אַלטע נאַציאָנאַלישע שפּראַך איז דער נייטראַלישער באָדן, וואָס פּאַראייניקט אַלע. פונדעסטוועגן — בין איך זיכער — זאָל מאָרגן זיך אָנהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע פון אייראָפּעאישע יידן קיין פּאַלעסטינע — אפילו דאָרט, וואו העברעאיש, אַלס אומגאַנגס־שפּראַך, איז אַ מוז — וועט דער „זשאַרגאָן” ביי זיין שטאַרקער קראַפט בלייבן, אויך אין וויגל פון אונדזער קולטור וועט „מאַמע־לשון” געוויס גע־העריקע אנערקענונג באַקומען . . . .

נאָר לאָז שוין זיין, ווי אחד העם וויל. לאָז זיין — דעם „זשאַר־גאָן” דערזעלביקער גורל דערוואַרט, ווי אייניקע אונדזערע פריער־דיקע אומגאַנגס־שפּראַכן, אויף וועלכע ניט מיליאָנען, נאָר קליינע מאַסן גערעדט האָבן.

מיר דאַרפן, אָבער, דערפון גאָר ניט טראַכטן אפילו.

ביי היינטיקן טאָג, יידיש — אַ לעבעדיקער לשון איז, און מיר אים ליבן. מער גייט מיך ניט אָן!

צום טייווּל דער קאַלטער רעפלעקס, וואָס לאָזט נישט לעבן, וואָס ווייסט נאָר — פאַרניכטן, פאַרניכטן — נישט בויען . . .

שוין זשע איז דאָס יידנטום נאָר אַ טויטער קערפּער, און אַ ייד זיין — הייסט, זיך אַליין צוליב אַרכעאָלאָגישע צוועקן פּאַלמעסן?! . . .

און נישט אמת איז, אַז „ספרות לאומית” וועט אין „זשארגאָן” ניט געשאַפן ווערן . . . זי איז שוין פאַראַן!

אַ שלום־עליכם, אַלס פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלישן זשעני, איז, כ׳לעבן, נישט קלענער, ווי אַנדערע גרויסע מענער, וואָס האָבן אויף העברעאיש געשאַפן.

ווערק, וואָס גיבן אַזאַ מערקווירדיקן סינטעז פון פאָלקס־לעבן אין אַ באַשטימטער עפּאָכע און פון נאַציאָנאַלישן כאַראַקטער אין זיינע היסטאָרישע גרונט־שטריכן — שלום־עליכמס ווערק זענען אַזעלכע — גייען אַריין אין אוצר פון די אינטימסטע נאַציאָנאַלע שאַפונגען.

און זאָל אונדזער מאַמע־לשון אַמאָל יאָ אַלס אומגאַנגס־שפּראַך פאַרשווינדן — די ביכער וועלן פאַרבלייבן אין די נאַציאָנאַלישע שאַץ־קאַמערן — און ניט איבערזעצטערהייט! — אַזוי ווי פיל יידישע ספרים זיינען ביז אויף היינטיקן טאָג פאַרבליבן אין זייער אַראַמישן אָריגינאַל . . .

ניט די שפּראַך — דער אינהאַלט פאַראייביקט אַ ספר . . .

וואַרשע, אַפּריל 1910.

די שפּראַכן-פּראַגע ביי יידן

פון חיים נחמן ביאַליק *)

. . . איך וויל היינט ווידמען מיינע רייד צו דער שפּראַכן־פּראַגע ביי יידן.

איר אַלע ווייסט וויפיל הייס בלוט די דאָזיקע פּראַגע האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער לעבן. זי האָט פּשוט פאַרגיפטעט די לופט פון אונדזער וועלט, און זי איז אַ שטערונג סיי פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, סיי פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. און שטעלט אייך אַליין פאָר: מענטשן טראָגן דאָ אַריין אַלערליי זייערע אַמביציעס און נייגונגען, אָבער קיינער האָט זיך נישט באַמיט אַריינצוטראַכטן אין דער פּראַגע פון אַ ריין היסטאָרישן שטאַנדפּונקט! אָבער באמת איז דאָך גאָר די גאַנצע זאַך נישט אַנדערש ווי אַ ריין היסטאָרישע דערשיינונג, און מען קאָן זי נישט באַהאַנדלען אָדער באַטראַכטן ווי נאָר מיט געניוע היסטאָרישע מעטאָדן. ווארום אַ שפּראַך איז, סוף כל סוף, ניט נאָר אַ היסטאָרישע קאַטעגאָריע! עס איז אויך גוט באַקאַנט, אַז עס זיינען פאַראַן און עס ווערן אַרויסגערוקט שטענדיקע באַשטימטע און געניויע געזעצן, טיילמאָל אפילו אייזערנע געזעצן, וועלכע ווירקן ביי דעם אָדער יענעם פאָלק אין דער צייט ווען אַ שפּראַך זאָל זיך איינפלאַנצן אָדער זאָל זיך אויסוואָרצלען.

דאָס יידישע פאָלק האָט אין משך פון זיין עקסיסטענץ אַ סך מאָל געענדערט זיין שפּראַך. די ערשטע און נאַטירלעכע שפּראַך ביי יעדן פאָלק, איז די שפּראַך, וואָס מען געדענקט נישט ווי אַזוי זי האָט זיך אָנגעהויבן, וואָס דאָס פאָלק איז צוזאַמען מיט איר געבוירן געוואָרן, ווען ס'איז אוממעגלעך צו באַשטימען דעם טאָג ווען דאָס פאָלק האָט אָנגענומען, אַז עס איז זיין שפּראַך — פונקט אַזוי ווי אַ קינד געדענקט נישט ווען עס איז געבוירן געוואָרן. אָבער, וואָס זעען מיר ביי יידן, פונקט אַזוי ווי ביי מאַנכע אַנדערע פעלקער, אַז פּלוצלונג קערט זיך אָפּ דאָס פאָלק פון זיין ערשטער נאַציאָנאַלער שפּראַך, טוישט זי אויס אינגאַנצן אָדער טיילווייז אויף אַן אַנדערער

*) געדרוקט אין „דברים שבעל־פה״, תל־אביב, תרצ״ה, באנד 2, זז. 142־157, איבערזעצט דורך מיר.

שפּראַך, אָדער לאָזט זי איבער ווי אַ בוד־שפּראַך, אָבער אין דער פּראַקטיק רעדט עס און לעבט זיך אויס אין אַן אַנדערער שפּראַך. ביי יידן האָט דאָס, ווי באַקאַנט, געטראָפן שוין אַ סך מאָל. איין שריפטשטעלער האָט אויסגערעכנט און געפונען, אַז אין פאַרלויף פון זייער געשיכטע האָבן יידן געענדערט זעכצן מאָל זייער שפּראַך. איך ווייס ניט אויף וויפיל די דאָזיקע ציפער איז גענוי. יענער שריפטשטעלער האָט זיך אַליין גאַרנישט אָפּגעגעבן מיטן פּראָבלעם אַן און פאַר זיך, נאָר ער האָט עס בלויז דרך אגב באַרירט, און איך ווייס נישט אויף וויפיל ער איז אַ ספּעציאַליסט אין דער פראַגע און אויף וויפיל מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. אלנפאַלס, איז קלאָר, אַז יידן האָבן אַ סך מאָל געענדערט זייער שפּראַך. אין זייער וואַנדערונגס־וועג איבער אַלע עקן וועלט האָבן זיי שטענדיק אויפגענומען די שפּראַך פון יענעם פאָלק וואו זיי האָבן זיך באַזעצט צייטווייליק אָדער אויף שטענדיק. און ווען זיי האָבן שפּעטער געענדערט זייער וואוין־אָרט און האָבן אויסגעוואַנדערט אויף אַן אַנדער פּלאַץ — האָבן זיי ווידער געענדערט זייער שפּראַך, און אַזוי איז עס אַלע מאָל געשען. יידן האָבן שטענדיק געהאַט אַ „גוטן מאָגן” צו פאַרדייען די פרעמדע שפּראַכן, און אויך אַריינצוגעבן אין זיי עפּעס פון זייער גייסט און זיי אַזוי ענדערן ביז עס איז געוואָרן זייער „אייגנס”, אַ גאַנץ נייע דערשיינונג. און עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז דאָס גאַנצע פּראָבלעם פאָדערט אַ גרינטלעכן און ערנסטן שטודיום: פאַרוואָס און ווען האָבן יידן פאַרלאָזט די אָדער יענע שפּראַך און ווען האָבן זיי אָנגענומען די נייע שפּראַך. צו אונדזער באַדויער, האָט מען ביז איצט גאָרנישט געטאָן וועגן דאָזיקן שטודיום, און דערווייל גייען מיר נאָך אַרום און דיסקוטירן אין דער שפּראַכן־פראַגע פון אינדיווידועלן אָדער פאַרטיי־שטאַנדפּונקט. אָבער פּונקט אַזוי ווי עס איז נישט מעגלעך צו שניידן זייד מיט אַ האַק און האַקן האָלץ מיט אַ שערל — ווייל יעדע זאַך האָט זיך איר ספּעציעלן אינסטרומענט — פּונקט אַזוי איז אוממעגלעך צו לעזן וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען מיט נישט־וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. מען קאָן פאַר קיין פאַל נישט מאַכן די שפּראַכן־פראַגע פאַר אַ פאַרטיי־ענין. מיר האָבן פאַר זיך אַ ריין היסטאָרישע דערשיינונג, און כדי זי צו פאַרענטפערן, דאַרפן מיר זיך באַנוצן מיט אַ היסטאָרישן מעטאָד, און נאָר אַזוי נאָך וועלן מיר קאָנען דערגרייכן צו דעם צו וואָס מיר שטרעבן.

קיינער האָט זיך ניט באַמיט אויסצורעכענען גענוי וויפיל שפּראַכן דאָס יידישע פאָלק האָט שוין געביטן. די ציפער פון 16, ווי געזאָגט, איז אַ צופעליקע און מען קאָן זיך אויף איר נישט שטיצן. עס

וועט אָבער זיין אַ גרינטלעכער טעות צו באַשטימען, אַז אונדזער פאָלק האָט געהאַט נאָר צוויי „יידישע" שפּראַכן, דהיינו: אונדזער יידיש און די וועלכע מען רופט שפּאַניאָליש. פאַקטיש האָבן מיר גע־האַט אַ סך מער. נאָך היינט געפינען מיר רעשטלעך פון אַ סך „זשאַר־גאָנען". נאָך מיט פערציק יאָר צוריק האָט אַ רייזנדער, וועלכער האָט באַזוכט אַ קליין שטעטל אין איטאַליע, דערציילט, אַז אירע יידן ריידן אַן „איטאַליענישן יידיש". מיר האָבן אויך איצט אַן אַמעריקאַנער יידיש, אַן אַראַבישן, פּערסישן און אַן אַראַמעאישן. אין די צייטן פון רש"י האָט אויך עקסיסטירט אַ פראַנצויזישער יידיש, און עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז אין די צייטן פון דער אַלעקסאַנדרישער פּעריאָדע האָבן מיר אויך געהאַט אַ גריכישן יידיש אין וועלכן עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע ליטעראַטור פון אַן אייביקן ווערט. צווישן די יידן אין קאַווקאַז גייט אויך אַרום אַ „טאַטערישער יידיש", און עס זיינען זיכער געווען אַנדערע „יידישן", וועלכע זיינען אין פאַרלויף פון די יאָרן אונטערגעגאַנגען און מען ווייסט נישט קיין זכר פון זיי.

דוכט זיך, אַלזאָ, עס איז כדאי די זאַך צו לערנען און שטו־דירן, וואָס זיינען אַזעלכע די סיבות, וואָס האָבן געצוואונגען די יידן אוועקצוגיין פון איין שפּראַך און אַריבערגיין אין דער אַנדערער שפּראַך, ווארום עס איז דאָך נישטאָ קיין ספק, אַז עס איז אַ טראַגישע דערשיינונג פאַר אַ פאָלק כסדר צו ענדערן זיינע שפּראַכן. דאָס איז דאָך ממש ווי אַ גלגול: מען דאַרף אַריבערפירן די נשמה פון איין קערפּער אין אַן אַנדערן. דאָס איבערגיין פון אַ פאָלק פון איין שפּראַך צו אַן אַנדערער איז אַזוי ווי די איבערוואַנדלונג פון אַ נשמה פון איין קערפּער אין אַן אַנדערן. אַזעלכע איבערוואַנדלונגען קומען נישט פאַר אָן שרעקלעכע ליידן. דאָס איז אַ שווערער, ביטערער פּראָצעס, וואָס איז פאַרבונדן מיט ביטערע און שרעקלעכע יסורים, און די נשמה פאַרלירט אַ סך פון זיך אין יענעם מאָמענט.

אָט די דאָזיקע טיף־טראַגישע דערשיינונג וואָלט געדאַרפט באַ־האַנדלט ווערן שטרענג אָביעקטיוו, נאָר פון ריינעם היסטאָרישן שטאַנד־פּונקט, און מען טאָר דערפון פאַר קיין פאַל נישט מאַכן קיין „טאָג־פראַגע" מיט די אַלע פּלאַנטערנישן און שטרויכלונגען, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן. דאָס איז אַ ריין היסטאָרישע פראַגע, און אַזוי דאַרף מען זי באַהאַנדלען און אַרויסטראָגן אַן אורטייל וועגן איר. אמת, אַז די קראַפט פון ווילן איז גרויס און ער איז אויך אימשטאַנד צו אַנטשיידן. אָבער ווען איז דאָס גערעדט? ווען די געזעצן פון דער נאַטור העלפן אים צו. אָבער קעגן דער נאַטור איז נישטאָ קיין ווילן אויף דער וועלט, וואָס קאָן זיך אַקעגנשטעלן. דער ווילן דעצידירט נאָר

דעמאָלט ווען ער פאַסט זיך צו צו די טענדענצן פון דער היסטאָריע, קעגן דער היסטאָריע — וועט ער נישט אויסהאַלטן!

צו אונדזער באַדויער, ווי איך האָב געזאָגט, האָבן מיר נאָך נישט קיין פאַרשעריסעשע אַרבעט וועגן די גלגולים פון די שפּראַכן ביי אונדז. מאַכן אַזאַ ארבעט אויף איין פוס, קאָן מען נישט. אָבער, פונדעסט־וועגן, אויף וויפיל צייט וועט מיר דערלויבן, וועל איך פּרואוון עפּעס אַרויסצוזאָגן וועגן דעם. אפשר וועלן מיר סוף כל סוף צוקומען צו געוויסע אויספירן.

ווי אַ שרייבער וועט מיך קיינער נישט חושד זיין, אַז איך בין נישט אָביעקטיוו אין דעם פּראָבלעם. איך בין קיינמאָל נישט גע־ווען קיין קעגנער פון יידיש. פאַרקערט, עס איז געווען אַ צייט וואָס איך האָב אַליין געשריבן יידיש. איך האָב זיך קיינמאָל נישט אַריינ־געמישט אין דעם שפּראַכן־קאַמף, און דעריבער האָב איך נישט קיין פּערזענלעכע אָדער פּאַרטייאישע אַמביציעס. איך קאָן מיט אַ ריין גע־וויסן באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם. איך וועל זיך שטיצן נאָר אויף דער היסטאָריע און אירע דערפאַרונגען. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם דאַרף און קאָן נאָר באַהאַנדלט ווערן פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, און פון דער פאַרגאַנגענהייט וועלן מיר מאַכן פאַרגלייכן פאַר דער צוקונפט.

עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן צי די שפּראַכן־פראַגע אין אונ־דזערע טעג איז די ערשטע אין אונדזערע היסטאָרישע איבערלע־בונגען און איז אנשטאַנען בלויז אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, אָדער אויך אין די פריערדיקע עפּאָכעס, ווען מען האָט געביטן אַ שפּראַך, איז אַזאַ פּראַגע ארויפגעשוואומען און אויפגעקומען אין אונדזער יידישער וועלט? האָט מען אויך דעמאָלט, אין די פריערדיקע עפּאָ־כעס, אַריינגעטראָגן באַוואוסטזיניקייט און ווילן אין דאָזיקן פּראָב־לעם ווי מען טראָגט עס איצט אַריין? זיינען פאַראַן רעשטלעך פון אַזעלכע אַמאָליקע שפּראַכן־קאַמפן פון דעמאָלט ביז היינט?

אויף וויפיל איך וויים, האָבן מיר נישט אין אונדזער ליטעראַ־טור אַזעלכע רעשטלעך. אויף וויפיל עס איז דערפון צו דרינגען, אַז אַזאַ פּראָבלעם איז בכלל נישט געווען אין דער יידישער וועלט, איז שווער צו זאָגן. אָבער וועגן איין שפּראַך האָבן מיר יאָ געוויסע ידיעות און אָנוואונקען, אַז עס איז אַרום איר פאַרגעקומען אַזאַ קאַמף: דאָס איז די שפּראַך, וועלכע איז געווען זייער נאָענט צו יידן. איך מיין — די אראמעאישע שפּראַך, וועלכע יידן האָבן אָנגעהויבן ריידן נאָך אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש. אין אונדזער אַלטער ליטעראַטור זיינען דאָ אַ סך רמזים, וואָס זאָגן עדות, אַז אין פאַר־

שידענע קרייזן האָבן זיך, קענטיק, אָנגעהויבן פֿאַרמירן האַרציקע באַציאונגען צו דער אַראַמעאישער שפּראַך. מיר געפֿינען דעריבער נישט אומזיסט אין תּלמוד אַזאַ מין אויסדרוק, ווי „זאָל דאָס לשון סורסי (אַראַמעאיש) נישט זיין לייכט אין דיינע אויגן". דער דאָזיקער אויסדרוק ווייזט דייטלעך אויף אַ באַציאונג פֿון כּבֿוד און ליבע צו אָט דער שפּראַך און מען הערט דערפֿון אַן אָפּקלאַנג פֿון האַרציקער און אינטימער נאָענטקייט. פֿון דער אַנדערער זייט אָבער געפֿינען מיר סיי אַ נעגאַטיווע און סיי אַ גרינגשעצנדיקע באַציאונג צו אַראַמעאיש. אַזוי דריקט זיך אויס איין געלערנטער וועגן איר, אַז „די מלאכים באַהעפֿטן זיך נישט מיט איר, ווייל זיי פֿאַרשטייען נישט קיין אַראַמעאיש". וואָס דאָס מיינט צו זאָגן, אַז עס איז אַ נידעריקע שפּראַך. אַן אַנדערער געלערנטער שטעלט אַוועק אַזאַ פֿראַגע: „צו וואָס דאַרף מען אין ארץ ישׂראל די סורסי שפּראַך? אָדער לשון קודש אָדער גריכיש!". דעמאָלט איז ארץ ישׂראל געווען אונטער דער גריכישער הערשאַפֿט, און יענער געלערנטער זעט נישט קיין מאָטיוו פֿאַרוואָס מען זאָל זיך באַנוצן מיט אַראַמעאיש, וואָס איז נישט די נאַציאָנאַלע שפּראַך און נישט די לאַנד־שפּראַך. ווידער אַן אַנדערער געלערנטער פֿרעגט: „צו וואָס דאַרף מען אין בבֿל אַראַמעאיש? אָדער לשון קודש אָדער פּערסיש!". מיט אַנדערע ווערטער: וואָס דאַרף מען די פֿרעמדע שפּראַך אין די דאָזיקע אַנדערע לעבנס־באַדינגונגען? אַהער אָדער אַהין: אָדער די נאַציאָנאַלע שפּראַך אָדער די לאַנד־שפּראַך! דאָס דערמאָנט אַן די, וואָס פֿלעגן זיך אין רוסלאַנד אויסדריקן „עבֿרית אָדער רוסיש". אַלנפֿאַלס, זעען מיר, אַז עס זיינען געווען פֿאַרשידענע מיינונגען וועגן דער אַראַמעאישער שפּראַך, וואָס איז דעמאָלט געווען די אומגאַנגס־שפּראַך פֿון יידישן פֿאָלק. אייניקע זיינען פֿאַר איר פּאָזיטיוו, אַנדערע נעגאַטיוו.

אַלנפֿאַלס, איז דאָס אַ פֿאַקט, וואָס מען קאָן נישט פֿאַרבאַרגן, אַז די אַראַמעאישע שפּראַך האָט זיך איינגעוואָרצלט ביי יידן פֿון אַלטע צייטן און האָט געשלאָגן שטאַרקע וואָרצלען אין לעבן פֿון פֿאָלק. נאָך אין דער תּורה געפֿינען מיר אַ צייכן פֿון איר ווי „יגר שהדותא", און שפּעטער ביי פֿאַרשידענע נבֿיאים. און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מיר האָבן דאָך גאַנצע ספֿרים פֿון נבֿיאים, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין אַראַמעאיש, ווי „דניאל" און „עזרא". דערפֿון קאָן מען זען, אַז אין יענער צייט איז אַראַמעאיש געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט צווישן פֿאָלק און האָט באַהערשט אפֿילו די פּירער פֿון פֿאָלק און אירע בויער. אויף וויפֿיל אַראַמעאיש איז געווען פֿאַרשפּרייט אין מויל פֿון פֿאָלק נאָך אין דער צייט פֿון ערשטן בית המקדש קאָן

עדות זאָגן די לעגענדע, אַז די יידן זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין בבל דערפאַר, ווייל זיי האָבן דאָרט גערעדט אַראַמעאיש, וועלכע איז נאָענט צו העברעאיש און די אבות האָט עס געקענט. און די גמרא טייטשט עס אויס דורך אַ משל: צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ פרוי אויף וועלכער איר מאַן האָט געצאָרנט און זי אַפּגעג׳גט און זי איז צוריק אַוועק צו אירע עלטערן. אַזוי איז מיט דער כנסת ישראל, ווען גאָט האָט זיך אויף איר אָנגעג׳ברוגז׳ט און האָט זי פאַרטריבן, איז זי אַוועק צוריק קיין בבל, וואו מען האָט גערעדט אַראַמעאיש.

שוין אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש האָט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין ארץ ישראל גערעדט נאָר אַראַמעאיש. און נישט נאָר דאָס, נאָר אַלע דאָקומענטן זיינען דעמאָלט געשריבן געוואָרן אין אַראַמעאיש, און אייניקע פון זיי האָבן אפילו ביז צו אונדזערע טעג איינגעהאַלטן זייער אַראַמעאישע פאָרם, ווי די כתובה און דער גט. די העברעאישע שפּראַך האָט געהערשט נאָר אין די העכערע קלאַסן, צווישן דער אינטעליגענץ און די סנהדרין, אין די אָפיציעלע שריפטן און אין די קאָמענטאַרן פון די חכמים. אָבער די דאָזיקע קאָמענטאַרן זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַראַמעאיש כדי דאָס פאָלק זאָל זיי פאַרשטיין, און נישט נאָר די פאָלקס־מאַסן אַליין האָבן גערעדט אַראַמעאיש, נאָר אפילו די תלמידי חכמים פון יענער צייט; אַ סך פון זיי האָבן אפילו מער אָדער ווייניקער פאַרגעסן העב־רעאיש, ווי מיר געפינען, אַז די דינסט פון רבי האָט געגעבן צו פאַרשטיין און דערקלערט זיינע תלמידים העברעאישע ווערטער פון וועלכע זיי האָבן שוין ניט געוואוסט דעם טייטש און באַדייט.

אויף וויפיל עס האָט זיך אין יענער צייט איינגעוואָרצלט אין דעם פאָלקס־לעבן פון ארץ ישראל די אַראַמעאישע שפּראַך, קאָן מען זען פון די פאַרשידענע אויסגראַבונגען, וועלכע אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ מאַסע דאָקומענטן און שריפטן פון יענער צייט, וואָס זיינען געשריבן אין אַראַמעאיש. דאָס אַראַמעאישע איז אַריינגעדרונגען טיף אין דער נשמה פון פאָלק און האָט דאָרט גענומען הערשן פולשטענדיק. אמת אַז אפילו דעמאָלט האָט העברעאיש נישט אויפגעהערט צו זיין אויך די רייד־שפּראַך, אָבער נאָר אין אַ באַגרענעצטער מאָס. דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט גערעדט אַראַמעאיש.

און ווען די יידן זיינען ווידער פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד און אַ סך האָבן אויסגעוואַנדערט קיין בבל, וואו עס האָט דעמאָלט געהערשט אַן אַנדערע לאַנד־שפּראַך, האָבן זיי פונדעסטוועגן דאָרט ווייטער גערעדט אַראַמעאיש, און דער „תלמוד" איז אין זיין גרעסטן טייל געשריבן געוואָרן — אייגנטלעך, גערעדט (ווייל דעמאָלט איז ער

דאָך נאָר געווען אַ מינדלעכע תורה, תורה שבעל פה) אין אַראַמעאיש.

אמת, אַז מען דאַרף נישט איבערטרייבן בנוגע דעם דאָזיקן טייל פון תלמוד, וואָס איז אין אַראַמעאיש. סוף כל סוף איז דער גרעס־טער טייל פון תלמוד געזאָגט און געשריבן געוואָרן דווקא אין העב־רעאיש, ווי די משנה, די תוספתא און די ברייתות. אַזוי אויך דער גרעסטער טייל פון די הלכות און די דרשות. אָבער פונדעסטוועגן טאָר מען נישט פאַרלייקענען, אַז אַראַמעאיש פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין תלמוד און איז דאָרט אַ וויכטיקער און עיקרדיקער יסוד. און דערפון קאָן מען זען וואָס פאַר אַ וויכטיק און קענטיק אָרט אַראַמע־איש האָט פאַרנומען אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די יידן אין בבל. מיר ווייסן אויך, אַז עס איז אפילו געקומען דערצו, אַז דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט צו פאַרשטיין די תורה אין איר אָריגינאַל, אין דער העברעאישער שפּראַך, און מען איז געווען געצוואונגען ביים לייענען די תורה אָוועקצושטעלן אין די שולן איבערזעצער, וועלכע האָבן איבערזעצט די רייד פון דער תורה פאַרן פאָלק אין אַראַמעאיש.

און דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אַזוי איינגעוואָרצלט אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, אַז עס האָט עס מיטפאַרשלעפּט אין יעדן אָרט וואוהין עס האָט אויסגעוואַנדערט, און אפילו אין לענדער וואו עס האָבן געהערשט אַנדערע שפּראַכן. אַזוי געפינען מיר די יידן ריידן אַראַמעאיש אין די אַראַבישע און שפּאַנישע לענדער, און אפילו דעמאָלט ווען די שפּראַכן פון די דאָזיקע לענדער האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט ביים פאָלק, אין אַ לאַנגן פּעריאָד פון טויזנט אָדער צוועלף הונדערט יאָר, האָט דאָס יידישע פאָלק אָנגעהאַלטן די אַראַמעאישע שפּראַך און איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן די גאַנצע צייט. און נאָך אַזוי ווייט ווי אין די צייטן פון די גאונים האָבן יידן גערעדט אַראַמעאיש, כאָטש די לאַנד־שפּראַך איז דעמאָלט געווען אַראַ־ביש. אַזוי געפינען מיר ביי רב האי גאון, אַז ער דערקלערט דאָס וואָרט „שיננא" וואָס אין תלמוד, נישט אין דעם אָנגענומענעם זין, „אַ שאַרפער און געשליפענער תלמיד חכם", נאָר גאָר „אַ מאַן מיט לאַנגע ציין", וואָס דאָס איז דער באַדייט פון וואָרט אין אַראַמעאיש. און ער ברענגט אַלס באַווייז, אַז די פאָלקס־מאַסן אין זיין דור באַנוצן דאָס דאָזיקע וואָרט אין דאָזיקן זינען. איז אַלזאָ אַ סימן, אַז אין זיין צייט האָבן די פאָלקס־מאַסן גערעדט אַראַמעאיש. אַזוי גייט אַן אַ גאַנץ לאַנגע עפּאָכע אין וועלכער מען רעדט אַראַמעאיש.

און יידן האָבן אין דער דאָזיקער שפּראַך געשאַפן גרויסע און שטאַרקע קולטור ווערטן. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע שאַ־

פונגען זיינען אין פאַרלויף פון דורות פאַרלאָרן געגאַנגען, אָבער דאָס ביסל וואָס איז פאַרט פאַרבליבן, גיט אונדז אַ באַגריף וועגן דעם הויכן ניוואָ פון דער דאַזיקער שאַפונג און איר גרויסן ווערט. און די דאָזיקע שאַפונג איז אָנגעגאַנגען ביי יידן אַזוי לאַנג ווי יידן האָבן גערעדט אַראַמעאיש. 12 הונדערט יאָר האָבן יידן געלעבט און גע־שאַפן אין דער דאָזיקער שפּראַך. און נישט נאָר דאָס, נאָר אפילו אין יענער עפּאָכע, ווען אַנדערע שפּראַכן האָבן איר אָנגעהויבן ענג מאַכן און זי אַרויסשטויסן, האָט דאָס יידישע פאָלק ווייטער געשאַפן אין איר זיינע גייסטיקע שאַפונגען. פון דעם זעען מיר ווי ווייט קאָנסערוואַטיוו דאָס יידישע פאָלק איז בנוגע שפּראַכן, וועלכע עס האָט אויפגענומען פון דער פרעמד, פון פרעמדע פעלקער. עס קאָן זיין, אַז דאָ שפּילט אַ גרויסע ראָל „די געוואוינהייט״, און אפשר איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דער נייגונג פון די יידן צו זיין אָפּגעטיילט און אָפּגעשיידט פון אַנדערע, און זיי בויען זיך דעריבער שטענדיק מחי־צות פאַר זיך, און אפשר איז עס דערפאַר, ווייל אַראַמעאיש איז פאַרט אייגנטלעך אַ שוועסטער־שפּראַך צו העבּרעאיש.

דער ערשטער, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט די אַראַבישע שפּראַך אין דער ליטעראַטור ביי יידן, איז געווען רבי סעדיה גאון. וואַר־שיינלעך דערפאַר, ווייל די שפּראַך, ווי די לאַנד־שפּראַך, האָט שוין געהאַט באַוויזן אַריינצודרינגען טיף אין פאָלק און פאַרנומען דאָס אָרט פון דער אַראַמעאישער שפּראַך. דאָס איז געשען אויף אַ סטי־כישן אופן, אָן באַוואוסטזיין, אָן אַ באַשטימטן ווילן.

עס איז שוין פאַראַן אַן אַלטע מחלוקה, די פילאָזאָפיש־פּסיכאָ־לאָגישע מחלוקה, צי די פיל־שפּראַכיקייט מאַכט רייכער דעם מענטש און דאָס פאָלק, אָדער עס לייגט אַרויף צופיל לאַסט אויפן זכרון, בּידערט אַראָפּ דעם קולטורעלן ניוואָ און פאַרוועקסלט די באַגריפן דורך אַ נעבל פון ווערטער. אַלנפאַלס איז נישטאָ קיין ספק, אַז פאַר אַ נאָרמאַל און נאַטירלעך פאָלק איז גענוג איין שפּראַך, זיין נאַציאָנאַל־שפּראַך. אָבער אַן אומנאָרמאַל פאָלק, אַ שטייגער ווי דאָס יידישע, מוז אויף זיך טראָגן צוויי שפּראַכן: די נאַציאָנאַל־שפּראַך און אַן אומגאַנגס שפּראַך. אָבער די דאָזיקע אומגאַנגס שפּראַך האַלט זיך אין איין ענדערן מיט דער ענדערונג פון דער עפּאָכע און ערטער. דעמאָלט באַמיט זיך דאָס פאָלק צו ראַטעווען אויף וויפיל עס איז מעגלעך פון יענע אוצרות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין איר אומ־גאַנגס שפּראַך, אין דעם פריערדיקן „זשאַרגאָן״ (און איך וויל מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק קיינעם נישט באַליידיקן. איך באַנוץ זיך מיט אים נאָר כדי צו ווערן קלאָר פאַרשטאַנען) און זיי איינשליסן אין

איר אייביקן נאַציאָנאַלן אוצר. ווען עס קומט אַזאַ מאָמענט, האָט דאָס פאָלק נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי איבערצוזעצן אָט די שאַפונגען אין זיין נאַציאָנאַלער שפּראַך, וועלכע ענדערט זיך נישט און עקסיס־טירט אויף אייביק. און דערפאַר זעען מיר, אַז אַלע יענע יידישע שאַפונגען, וואָס זיינען איבערזעצט געוואָרן אויף העברעאיש, זיינען געבליבן אויף אייביק, און זיי ווערן אָפּגעהיט און געפינען זיך אין דעם שאָץ פון פאָלק, און זיי ווירקן ווייטער אויף דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון פאָלק. און פון דער אַנדערער זייט, זיינען די אַלע אָריגינעלע שאַפונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין די פאַר־שידענע גערעדטע שפּראַכן פון פאָלק און זיינען נישט איבערזעצט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, פאַרשוואונדן פון דער וועלט ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט עקסיסטירט. ס'איז פון זיי גאָרנישט געבליבן, און נישט דאָס פאָלק אָנערקענט זיי און נישט עס איז דער־פון באַווירקט געוואָרן.

און נאָך אַ וואָרט וועגן אַראַמעאיש. דער „תלמוד" איז געוואָרן „דאָס לעבנס בוך" פון יידישן פאָלק, וואָס אָרדנט און פירט דאָס יידישע לעבן, און עס איז געווען אַ טענדענץ צו מאַכן דעם „תלמוד" פאַר אַ „פאָלקס בוך", אַ זאַך צו וועלכן יעדער איינער זאָל קאָנען צוטרעטן, פאַרן בוך פון יעדן ייד, אָבער דערווייל איז געקומען די שוידערלעכע צעשפּרייטונג. די יידן זיינען פאַנאַנדערגעשפּרייט גע־וואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געמיש פון שפּראַכן ביי יידן, און עס איז געקומען דערצו, אַז גרויסע טיילן פון פאָלק האָבן מער נישט געקאָנט פאַרשטיין געוויסע טיילן פון תלמוד, ווייל זיי זיינען געשריבן אין אַראַמעאיש. אַזוי זיינען אַריבער הונדערטער יאָרן, וואָס מען האָט געזוכט עצות און וועגן ווי אַזוי פאָרט מאַכט מען צוטריטלעך דעם „תלמוד" פאַר יעדן ייד, און מען האָט נישט געפונען קיין עצה, ביז עס איז געקומען רבי יהודה גאון און האָט איבערזעצט אין זיין ספר „הלכות פסוקות" אַלע אַראַמעאישע סוגיות אין תלמוד אויף ריין העברעאיש, און ערשט דע־מאָלט איז דער תלמוד געוואָרן דאָס פאַרמעגן פון אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט, און איז ווירקלעך געוואָרן אַ פאָלקס־בוך. אָבער די חכמים האָבן זיך דערמיט אויך נאָך נישט באַגנוגנט, און האָבן ווייטער אַריינגעטראַכט אין דאָזיקן פּראָבלעם, ביז עס איז געלייזט געוואָרן דורך דער ריזיקער אַרבעט פון דעם גרויסן אָדלער, דער רמב"ם אין זיין ספר „יד החזקה". דער דאָזיקער גייסטיקער ריז איז געוואָרן אַ רוקן־זייל פאַר די דורות פאַר אים און די דורות נאָך אים. ער האָט עס געמאַכט, אַז די תורה שבעל פה זאָל בלייבן פאַראייביקט פאַר דורות.

ער איז געווען רייך אין וויסן און אין פארשטענדעניש. זיין ווירקונג האלט אן ביזן היינטיקן טאג און מען קאן זי גארנישט אפשאצן. ווען ער האט געוואלט ארויסזאגן זיינע פילאזאפישע געדאנקען, וועלכע זיינען געווען געצילט נאר צו יחידים פון זיין דור, האט ער זיי געשריבן אין אראביש, אבער דעם קרוין פון זיינע שאפונגען, זיין „יד החזקה", דאס הייסט, דעם קווינטעסענץ פון תלמוד און פון דער העברעאישע קולטור פון אנהויב ביז צו אים, זיין „קאדעקס", וואס איז געווען באשטימט פארן גאנצן פאלק און פאר יעדן יחיד פאר אלע ערטער פון דער צעשפרייטונג און פאר אלע דורות, ביזן סוף פון די דורות, דעם „יד החזקה", האט ער פארפאסט דווקא אין העברעאיש, א קלאסישן העברעאיש, און דורכדעם אים געמאכט פאר א „נאציאנאל בוך", פארן בוך פון יעדן ייד, פאר אלע לענדער פון גלות, וואס האבן זיך פארקנעכט צו פרעמדע שפראכן, אדער וואס האבן זיך ארייגעטאן אין זייערע „יידישן". אט די דאזיקע ווירקונג פון רמב"ם וועט בלייבן א שטענדיקע טאט און זיין באדייט איז אייביק.

אין דער ווירקלעכקייט האט זיך דער דאזיקער פראצעס נאך אנגעהויבן אין די צייטן פון ר' יהודה הנשיא. אויך ער האט מיט זיין גרויסן גייסט געזען, אז די יידן וועלן זיך פאנאנדערשפרייטן צווישן פארשידענע פעלקער און זיי וועלן ריידן פארשידענע שפראכן, און זיי וועלן פארגעסן אראמעאיש. טא וואס זשע וועט דעמאלט ווערן פון דער תורה? יידן קאנען דאך אמאל, חס ושלום, פארגעסן די תורה! האט ער דעריבער מסדר געווען די משנה אין העברעאיש. אונדזער געלערנטער האט איינגעזען מיט זיין הייליקן גייסט, אז אן אייביקע גאראנטיע איז פאראן נאר אין העברעאיש, און עס איז נישטא קיין אנדערע כלי אין וועלכער מען זאל קאנען האלטן דאס פארמעגן פון פאלק אויף אייביק — נאר אין העברעאיש!

מיט אן אינסטינקטיוון געפיל און מיטן רוח הקודש, און צוליב דער הייליקער זארג, אז די שרעקלעכע צעשפרייטונג פון יידישן פאלק זאל נישט ווירקן, אז פון דער יידישער תורה זאלן ווערן א סך תורות, איז דער אראמעאישער טייל פון „תלמוד" איבערזעצט געווארן אין העברעאיש, און אזוי נאך איז פארבליבן דער „תלמוד". דער גרעסטער פארמעג פון יידישן פאלק, איז געבליבן עקסיסטירן פארן גאנצן פאלק ביז צום היינטיקן טאג. און אזוי נאך איז אויך געראטעוועט געווארן די תורה פון דער געפאר צו ווערן צעטיילט און צעברעקלט, און די קולטורעלע גאנצקייט פון פאלק איז אפגעהיט געווארן און זיך איינגעפעסטיקט אויף דורות.

דאס איז דאס איבערבלייבעניש, וואס איז אונדז פארבליבן פון

יענעם גרויסן פאַרמעגן, וואָס דאָס פאָלק האָט אָנגעזאַמלט און אָפּגעהיט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער און לאַנגער עפּאָכע פון צוועלף הונדערט יאָר, יאָרן אין וועלכע מען האָט גערעדט און געשאַפן אין אראמעאיש. און וואָס איז אונדז נאָך פאַרבליבן פון אראמעאיש? יאָ, עס זיינען אונדז פאַרבליבן די כתובה און דער גט. ווערטער וואָס זיינען אַבסאָלוט אומפאַרשטענדלעך פאַרן פאָלק, און אייניקע תפילות, ווי יקום פורקן און קדיש יתום. דאָס איז פאַרבליבן פון דעם גאַנצן היסטאָרישן פאַרמעגן!

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אין דעם פּעריאָד ווען דאָס פאָלק האָט גערעדט אראמעאיש, האָט עס דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז ביים לייענען די תורה האָט מען גערדאַרפט אָוועקשטעלן אַן איבערזעצער, וואָס זאָל איבערזעצן פאַרן עולם דעם העברעאישן טעקסט אויף אַראַמעאיש. אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן די חכמים אָכטונג געגעבן, כדי אויסצומיידן אַ טעות, אַז מען זאָל די איבערזעצונג נישט אָוועקשטעלן אויף איין מדרגה מיטן העברעאישן אָריגינאַל, און האָבן איינגעפירט: „צוויי מאָל אָריגינאַל און איין מאָל איבערזעצונג". דאָס מיינט, אַז אין אָנהייב דאַרף מען לייענען דוקא דעם העברעאישע אָריגינאַל, כאָטש דער עולם וועט נישט פאַרשטיין וואָס מען לייענט, און ערשט דערנאָך זאָל דער איבערזעצער עס איבערזעצן אויף אראַמעאיש, און צום סוף, ווען דער עולם האָט שוין פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון דעם וואָס מען לייענט, זאָל מען נאָך אַמאָל ווידער לייענען דעם אָריגינאַל, כדי דער עולם זאָל זיך אויסלערנען דעם סאַמע אָריגינאַל און עס זאָל זיך ביי אים איינקריצן אין האַרצן אין דער העברעאישער שפּראַך. די חכמים האָבן דערמיט געוואָלט ווייזן דעם פאָלק, אַז דער עיקר איז דער אָריגינאַל, וואָס איז געשריבן אין העברעאיש, און די איבערזעצונג איז נאָר אַ נעבן־זאַך. דורכדעם איז די שפּראַך פאַרהייליקט געוואָרן ביים פאָלק און עס איז געוואָרן לשון קודש. אָבער דאָס האָט נאָך אַלץ ניט באַפרידיקט די חכמים ביז זיי האָבן גוזר געווען, אַז דער איבערזעצער טאָר ניט אויפהייבן זיין קול העכער ווי דער לייענער. און דאָס אַלץ כדי צו פאַרקלענערן דעם באַדייט פון אראמעאיש און דערהייבן די חשיבות פון דער העברעאישער שפּראַך און זי מאַכן פאַרן עיקר און דעם באַזיס. און פון דעמאָלט אָן ביז היינט איז געוואָרן אַ מנהג ביי יידן, אַז דער אָריגינעלער העברעאישער טעקסט דאַרף זיין געדרוקט אין גרויסע אַנזעעוודיקע אותיות, און די אראמעאישע איבערזעצונג אין קליינע פּיטשינקע אותיות. און אַלץ פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן אַלץ מורא געהאַט טאָמער וועט סוף כל סוף דורך דער צייט די איבערזעצונג

ווערן דער עיקר און דער אָריגינאַל די נעבן־זאַך, און די העברע־אישע שפּראַך וועט דורכדעם ווערן דערנידעריקט און צווייטקלאַסיק. האָבן זיי געמאַכט אַ גדר און צו דעם גדר נאָך אַ גדר. און אַלץ כּדי אָפּצוהיטן די נשמה פון פאָלק!

און וואָס איז געוואָרן פון יענער גרויסער שאַפונג אין אַראַביש, וואָס איז נישט איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש? קיין זכר איז פון איר נישט פאַרבליבן, אפילו אין די ספרים איז פון איר נישט געבליבן קיין געדעכעניש. אַלץ איז פאַרלאָרן געגאַנגען ווי קיין זאַך וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען! און עס זיינען דאָך אין אַראַביש פאַרפאַסט געוואָרן גרויסע און וויכטיקע ווערק, וואָס זיינען ווערט געווען צו פאַרבלייבן פאַר דורות. וואו, אַ שטייגער, איז דאָס ספר „מקור חיים״ פון רבי שלמה בן־גבירול, וואָס איז איבערגע־זעצט געוואָרן אין אַ וואולגאַרן לאַטיין און נישט אויף העברעאיש? וואָס פאַר אַ שפּורן האָט עס געלאָזט אין יידישן פאָלק? און עס איז דאָך געווען אַ גרויס וויכטיק בוך, און עס האָט געהאַט אַ גרויסע וויר־קונג אויף דער קריסטלעכער פילאָזאָפיע פון מיטלאַלטער! אָבער אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק האָט עס ניט געהאַט קיין שום ווירקונג.

און איר מעגט עס אויך וויסן: נישט נאָר ביכער, נאָר גאַנצע טיילן פון פאָלק זיינען פאַרשוואונדן ווי קיינמאָל ניט געווען, זינט זיי זיינען אָפּגעשיידט געוואָרן פון דער העברעאישער שפּראַך. אָט, אַ שטייגער, די יידן אין דער עגיפּטישער אלעקסאנדריע אין פילאָס צייטן. דאָס איז געווען אַ וויכטיקע, באַדייטנדע עפּאָכע. דאָס יידנ־טום אין אלעקסאנדריע איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג. פילאָ האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אפילו אויף די שפּעטערע דורות. זיין פילאָזאָפישער סיסטעם איז אפילו געווען אָנגענומען צווישן אַנדערע פעלקער. אָבער זיין דור האָט שוין גע־האַט פאַרגעסן די העברעאישע שפּראַך און האָט זיך צוגעפּאַסט צו גריכיש. די תורה איבערזעצונג אין גריכיש (די סעפּטואגינטע, די איבערזעצונג געמאַכט דורך זיבעציק) איז אייגנטלעך מער געמאַכט געוואָרן פאַר די יידן, וועלכע האָבן געדאַרפט האָבן אַן איבערזע־צונג, ווייל זיי האָבן זיך געהאַט דערווייטערט פון אָריגינאַל און האָבן אים שוין ניט פאַרשטאַנען, ווי זי איז געמאַכט געוואָרן פאַרן קעניג תלמי. פילאָ אַליין איז אויך נישט געווען קיין בקי אין דער העב־רעאישער שפּראַך. די יידן האָבן גערעדט, געשריבן און געשאַפן אין גריכיש. אָבער וואָס איז פון זיי געוואָרן? דאָס גאַנצע יידנטום פון אלעקסאנדריע איז, ווי עס איז געשטאַנען און געגאַנגען פאַר אונדז

פאַרלאָרן געגאַנגען. עס איז דערפון נישט געבליבן קיין שריד ופליט, און מיר ווייסן אפילו נישט וואוהין עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען. דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרלאָרן אַ גרויסן קבוץ פון מיליאָנען יידן, אָנ־געוואָרן זיין גאַנצע שאַפונג, און זיין איינפלוס איז היינט צו טאָג מיט גאָרנישט קענטיק. און אַלץ נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך אָפּ־געריסן פון זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך, די העברעאישע שפּראַך, און האָבן זיך אונטערגעוואָרפן אַ פרעמדער שפּראַך.

דער רמב״ם האָט עטלעכע ספרים געשריבן אין אַראַביש, אָבער זיין נאַציאָנאַלער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז זיי וויכ־טיקסט בוך דאַרף ער פאַרפאַסן דוקא אין העברעאיש. ער אַליין דריקט זיך אויס, אַז מיט זיין חבור „יד החזקה״ צילט ער צו מאַכן דעם „תלמוד״ צוגענגלעך פאַרן גאַנצן פאָלק, און דעריבער האָט ער אים געשריבן אין העברעאיש. זיינע פילאָזאָפישע ווערק האָט ער געשריבן אין אַראַביש, ווייל זיי זיינען געווען באַשטימט נאָר פאַר געציילטע מענטשן, אָבער זיין גאַנצן לעבן האָט ער זיך נאָר געזאָרגט און געגומען צום האַרצן ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דער סוף וועט זיין, אַז דאָס „יידיש־אַראַביש״ וועט פאַרגעסן ווערן ביי יידן און זיינע ווערק וועלן פאַרלאָרן גיין פאַר דער יידישער וועלט. און אין איינעם פון זיינע בריוו גיסט ער אויס זיין האַרץ און אַנטפּלעקט זיינע זאָרגן און שרייבט: „זון מיינער, איך ווייס ווי איך האָב געזינדיקט קעגן מיין פאָלק און איך בעט צו גאָט, אַז ער זאָל מיך מזכה זיין, אַז איך זאָל קאָנען צוריקגעבן די גזלה צו אירע אייגנטימער און איבערזעצן מיינע ספרים אויף לשון הקודש״. ער האָט טאַקע אַליין נישט זוכה געווען איבערצוזעצן זיינע ספרים, אָבער ער האָט זיך די מי געגעבן און געזאָרגט דערפאַר, אַז אַנדערע זאָלן זיי איבערזעצן. ער האָט זיך אַליין באַמיט און געפונען אַן איבערזעצער פאַר זיין ספר „מורה נבוכים״, געהאָלפן אבן־תיבן אין דער אַרבעט, אַליין אַכטונג געגעבן אויף דער איבערזעצונג, און ער האָט נישט גערוט ביז ער האָט זיינע ספרים איבערגעלאָזט אין העברעאיש ווי אַ ירושה פאַר די קומענדיקע דורות.

און נישט נאָר דער רמב״ם, נאָר אַזוי האָבן אויך געטאָן אַנדערע. ווען די געלערטע פון אַ געוויסער עפּאָכע האָבן אָנגעהויבן צו דער־פילן די געפאַר, אַז אַ סך אוצרות פון דער נאַציאָנאַלער שאַפונג ווערן באַדראָט פאַרגעסן צו ווערן ביי יידן, דורכדעם וואָס יידן האָבן אָנגעהויבן אַריבערצוגיין פון דער אַראַבישער שפּראַך צו שפּאַניש, איז דעמאָלט אין אַ סך יידישע קהילות אויפגעשטאַנען אַ גרויסע באַ־וועגונג איבערצוזעצן סעדיה גאון און ענלעכע אין העברעאיש, אַזוי

איז אויך געווען מיט רבי יהודה הלוי, וועמענס גרויס ווערק „דער כוזרי" איז אויך איבערזעצט געוואָרן אויף העברעאיש. און היינט צו טאָג זעען מיר, אַז אַלץ וואָס איז ניט איבערזעצט געוואָרן אויף העברעאיש, איז פאַרלאָרן געגאַנגען אויף אייביק. די אַלע אוצרות פון גרויסער שאַפונג, וואָס זיינען אנטשטאַנען אין אראמעאיש און אַראַביש, וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן, האָבן נישט אויס־געהאַלטן קיין אייביקייט. דאָס געזעץ פון דער נאַטור טוט זיך זיינס. דאָס לעבן שטופּט אַרויס די פרעמדע שפּראַכן, און קיין שום קינסט־לעכע מיטלען קענען דאָ ניט העלפן. דאָס איז אַ געזעץ, וואָס מען קאָן נישט ענדערן.

און איך וויל דאָ באַרירן נאָך איין עפּיזאָד וועגן אראמעאיש. די דאָזיקע שפּראַך איז שוין טויט. זי עקזיסטירט מער נישט. מען רעדט נישט אויף איר און מען שרייבט נישט אויף איר. און דאָ האָט געטראָפן אַן אויסטערלישע זאַך: דאָס קלאַסישע ספר פון קבלה, „דער זוהר" איז פאַרפאַסט געוואָרן דוקא אין אַ פסעוודאָ־אראמעאישער שפּראַך. זיכער, אַז דערביי איז געווען אַ באַשטימטע כוונה: צו מאַכן דאָס ספר מער מיסטיש. אָבער דערווייל איז עס אַ פאַקט, אַז דאָס ערשטע קבלה־ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אַ שפּראַך, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען פולשטענדיק טויט. אָבער אויך דאָ שטעלט זיך אַרויס אַן אינטערעסאַנטע זאַך: אויך די קבלה באַנוצט זיך מיט דער אראמעאישער שפּראַך נאָר אין דעם ספר „זוהר" און די נאָענטע ספרים ווי „תקוני זוהר" און די אַנדערע. אָבער פון דעם מאָמענט וואָס די קבלה איז געוואָרן אַ לערע פאַרן פאָלק, ווען זי האָט געגור־מען פאַרשפּרייט ווערן צווישן די ברייטע פאָלקס מאַסן, האָט זי באַלד זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט דער העברעאישער שפּראַך, און אַלע אירע ספרים זיינען געשריבן געוואָרן אין העברעאיש. און אַזוי איז שטענדיק די טענדענץ: יעדעס מאָל ווען עס איז פאַראַן אַ שטרע־בונג און אַ פאַרלאַנג צו שאַפן אַ געזונטע גייסטיקע שפּייז פאַר די ברייטע פאָלקס מאַסן, שאַפט מען עס אין העברעאיש!

דאָ האָב איך גערעדט וועגן צוויי שפּראַכן: אראמעאיש און העברעאיש. די העברעאישע שפּראַך איז דעמאָלט נישט געווען קיין אומגאַנגס־שפּראַך. זאָל דאָס מיינען, אַז העברעאיש איז נישט געווען קיין לעבעדיקע שפּראַך? אַז עס האָבן איר, אַזוי צו זאָגן, געפעלט די וויטאַמינען פון אַ לעבעדיקער שפּראַך? אַז איר לעבנס־זאַפט איז פון איר צוגענומען געוואָרן און איבערגעגאַנגען צו אַנדערע שפּראַכן, און זי אַליין איז, אַזוי צו זאָגן, געוואָרן בלויז אַ שבת־יום־טוב׳דיקע שפּראַך?

איך בין נישט קיין מיסטיקער, נאָר אַ ראַציאָנאַליסט. איך גלויב אין די געזעצן פון דער נאַטור. אָבער אין דער זעלבער צייט גלויב איך באמונה שלמה, אַז דער טיפער, געזונטער אינסטינקט פון פאָלק, איז עס געווען דער וואָס האָט נישט דערלאָזט אַז העברעאיש זאָל זיין די אומגאַנגס־שפּראַך און די שפּראַך פון לעבן, און דערפאַר האָט דאָס פאָלק אַזוי געהאַנדלט.

עס איז געשען אַ גליק, וואָס מיר האָבן נישט גערעדט קיין העברעאיש אין אַלע יענע עפּאָכעס. וואָרום ווען מיר וואָלטן גערעדט העברעאיש אין די אַלע יאָרן פון אונדזערע גלות־וואַנדערונגען, ווייס איך גאָרנישט וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דער שפּראַך און צי מיר וואָלטן נאָך בכלל היינט צו טאָג געהאָט אַ העברעאישע שפּראַך? אמת, אַז יעדע שפּראַך האָט אַ סך דיאַלעקטן און עס זיינען אין דער היינ־זיקער נישטאָ קיין אויסנאַמען. אָבער דאָס איז נישט געפערלעך ווען אַ פאָלק זיצט אויף זיין ערד און עס האָט די קראַפט אונטערצואוואַרפן אַט די אַלע דיאַלעקטן אונטער דער הערשאַפט פון איינער, וואָס זי ווערט אָנגענומען ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך פאַרן גאַנצן לאַנד. אין אַזאַ סיטואַציע ברענגען די פאַרשידענע דיאַלעקטן נישט נאָר נישט קיין שאָדן צום הערשנדן דיאַלעקט, נאָר זיי דערגנערן אים נאָך, באַ־רייכערן אים און גיבן אים צו אַ סך פאַרב און קלאַנג, ניואַנסן און פאַרמען. אָבער וואָס וואָלט געשען מיט דער העברעאישער שפּראַך ווען דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט נישט געהאַט קיין לאַנד, קיין צענטער און קיין כוח, און עס האָט געהאַלטן אין איין וואַנדערן פון איין פאָלק צום אַנדערן, און וואָלט זיך געדאַרפט אונטערגעבן די איינפלוסן פון פאַרשידענע פעלקער, שפּראַכן און אומשטענדן? די העברעאישע שפּראַך וואָלט אַריינגענומען אין יעדן אָרט פינף און ניינציק פּראָצענט ווערטער פון פרעמדע שפּראַכן, אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט מיט דעם סיריש־אַראַמעאישן דיאַלעקט, וואָס ווערט ביזן היינטיקן טאָג גערעדט פון די סירישע יידן, און זי אַליין וואָלט בטול געוואָרן דורך דער מערהייט. שטעלט זיך אַליין פאָר, וואָס וואָלט געוואָרן פון דער העברעאישער שפּראַך ווען די יידן אין שפּאַניע, אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד וואָלטן אין זייער צייט גערעדט העברעאיש, אין דער צייט וואָס זיי וואָלטן נישט צובאַקומען אַביסל „זאַפט" פון אַ צענטער? די העברעאישע שפּראַך וואָלט זיך צע־ברעקלט אויף פאַרשידענע דיאַלעקטן אַזוי ווי די צאָל גלות און וואַנ־דער־לענדער, און יעדער דיאַלעקט וואָלט געווען אַנדערש פון אַנ־דערן, פונקט אַזוי ווי די שפּראַך פון איין לאַנד איז אַנדערש פון דער שפּראַך פון אַנדערן לאַנד, און עס וואָלט געקומען דערצו, אַז די

יידן פון איין לאַנד וואָלטן ניט פאַרשטאַנען די יידן פון אַן אַנדער לאַנד. אמת, אַז עס איז נישטאָ קיין שום שפּראַך אויף דער וועלט, וואָס ענדערט זיך נישט אין משך פון דורות. אָבער דאָס זיינען ענ־דערונגען פאַרן גאַנצן פאָלק, אָן שום אויסנאַם. אַנדערש וואָלט אָבער געווען מיט העברעאיש, וואו די ענדערונגען וואָלטן פאָרגעקומען אין יעדן לאַנד, און וואָלטן געבליבן אַן ענין נאָר פאַר יענעם לאַנד אַליין, און די העברעאישע שפּראַך אין די אַנדערע לענדער וואָלט אַט די ענדערונגען ניט אָנגענומען. אויף אַזאַ אופן וואָלטן מיר אין משך פון עטלעכע דורות געהאַט עטלעכע העברעאישע שוועסטער־שפּראַכן, אַ מאַסע פון פאַרשידענע דיאַלעקטן, וואָס וואָלטן אנטהאַלטן נאָר ווייניקע פּראָצענט געמיינזאַמע ווערטער, און דאָס איבעריקע וואָלט געווען אַ געמיש פון עטלעכע שפּראַכן, און די אָריגינעלע העברע־אישע שפּראַך וואָלט אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט.

דורך אַ טיפן אינסטינקט האָט דאָס יידישע פאָלק אַליין גענו־מען אויף זיך אַ גזירה און האָט אַט די גזרה אויסגעהאַלטן און אָפּ־געהיט מיט אַ געוואַלדיקער עקשנות: אָפּצוהיטן די העברעאישע שפּראַך נאָר אין דער ליטעראַטור, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין צענטער, וואָס זאָל איר דינען ווי אַ גאַראַנטיע פאַר איר ריינקייט און די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון אַ גערעדטער שפּראַך. און האָט נישט דאָס יידישע פאָלק געהאַט גענוג עקשנות מקיים צו זיין דעם „שניים מקרא ואחד תרגום" אפילו אין אונדזערע צייטן, ווען דער דאָזיקער תרגום איז געוואָרן אַ זאַך וואָס האָט נישט קיין שום טעם און ריח, ווייל די אַראַמעאישע שפּראַך איז דאָך שוין געוואָרן אומ־פאַרשטענדלעך פאַרן פאָלק, נאָך אפילו ווייניקער פאַרשטענדלעך ווי די העברעאישע שפּראַך? אָבער אין דער זעלבער צייט האָט דאָס פאָלק בנוגע דאָס ריידן העברעאיש נישט אַרויסגעוויזן קיין ברעקל עקשנות, נאָר האָט עס תיכף ומיד אויפגעגעבן, ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ נישט־וויכטיקע זאַך. פאַרוואָס? ווייל אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט געטאָן, האָט עס געטאָן אויסגערעכנט און מיט אַ פּלאַן. און אויב עס האָט צייטווייליק זיך אָפּגעזאָגט פון ריידן העברעאיש, איז עס נאָר געווען צוליב דעם פאַרדאַכט, אַז דאָס ריידן העברעאיש וועט אפשר ברענגען שאָדן דער העברעאישער שפּראַך, נישט האָבנדיק קיין צענטער, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף דער ריינקייט און אָפּ־געהיטנקייט פון דער שפּראַך. און דאָס פאָלק האָט בעסער אויסגע־קליבן, אַז עס זאָל האָבן איין ריינע העברעאישע שפּראַך אין שריפט ווי אַ סך העברעאישע שפּראַכן אין אומגאַנג, וואָס זאָלן זיך זיין פרעמד און ווידערווילּיק איינע דער אַנדערער.

דאָס אַלץ איז געווען ריכטיק און לאָגיש ביז היינט. אָבער איצט ווען די ארץ ישראל באַוועגונג האָט אָנגענומען אַ פּראַקטישע פאָרם, ווען די העברעאישע שפּראַך איז געוואָרן די הערשנדע אין לאַנד, איז שוין מער נישטאָ קיין אָרט פאַר דעם פּאַרדאַכט און מורא און מען קאָן שוין מאַכן העברעאיש פאַר אַן אומגאַנגס־שפּראַך אויך אין די גלות־לענדער, ווייל עס איז דאָ אַן ארץ ישראל, וואָס היט עס אָפּ און גיט אַכטונג דערויף. און דעריבער האָט זיך איצט אָנגעהויבן אין אויסלאַנד אַט יענע שטאַרקע באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען די העברעאישע שפּראַך אין אַן אומגאַנגס־שפּראַך אומעטום, און זי האָט די בעסטע און גערעכטסטע אויסזיכטן צו האָבן דערפאָלג.

ווי אַזוי האָט זיך דאָס יידישע פאָלק באַצויגן צו דער דערצי־אונגס פראַגע אין העברעאיש און אין אַנדערע שפּראַכן? וואָס האָט אונדז וועגן דעם געזאָגט דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט?

דאָס פאָלק האָט אַט דאָס פּראָבלעם געלייזט אויף אַ קלאָרן אופן: דער עיקר דערציאונג אין דער שול איז דאָס העברעאישע בוך.

עס איז ניט אמת וואָס מען זאָגט, אַז די יידישע שול איז געווען איינזייטיק, רעליגיעז. נאָך מיט דריי הונדערט יאָר צוריק האָבן יידן געהאַט שולן וואו מען האָט געלערנט אויך פילאָזאָפיע, אַסטראָ־נאָמיע, געאָמעטריע, און אַנדערע לימודים. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין יענע צייטן זיינען אַלע לימודים געווען פאַרבונדן מיט רע־ליגיע, אָבער געלערנט האָט מען אַט די לימודים.

און אויב מיר ווילן זיין ערלעך, מוזן מיר צוגעבן, אַז כאָטש די אומגאַנגס־שפּראַך האָט פאַרנומען אַן אָרט אין דער שול, האָט מען דאָס אָבער נישט באַטראַכט ווי אַן עיקר און אַ באַזיס. עס איז גע־ווען אַן ענין פון לערנען און פּראַקטישן געברויך. אין די ערשטע יאָרן האָט מען זיך דערמיט באַנוצט כדי צו דערקלערן די תלמידים וואָס עס איז אַזוינס געשריבן אין דעם העברעאישן בוך. אָבער ווען די תלמידים זיינען אונטערגעוואַקסן און האָבן שוין געקאָנט פאַר־שטיין דעם אָריגינאַל אָן שום איבערזעצונג, איז די איבערזעצונג באַלד באַזייטיקט געוואָרן. אמת, אַז עס זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס צוליב געוואוינהייט, האָבן זיי ווייטער אָנגעהאַלטן די איבער־זעצונג און פלעגן לערנען „אמר רבא — האָט רבא געזאָגט״, אָבער, ווי געזאָגט, געעניטיקט זיך אין דער איבערזעצונג האָט מען זיך נישט. נאָר אַ געוויסע צייט האָט מען זיך ביים לערנען גמרא באַ־נוצט מיט יידיש, דערנאָך איז מען אין אַלץ אַריבער צו העברעאיש. און דאָס אַלץ איז נישט אַ צופעליקע זאַך, נאָר אַלץ איז געטאָן גע־

וואָרן דורכן געזונטן אינסטינקט פון פאָלק, וואָס האָט זיך געהאָט זיינע מאָטיוון דערביי.

ווען די העברעאישע שפּראַך וואָלט געבליבן איינגעשלאָסן נאָר אין בוך אַליין, וואָלט זי אפשר צום סוף אינגאַנצן פאַרשטיינערט געוואָרן, אַזוי ווי די לאַטיינישע שפּראַך, און זי וואָלט נישט באַזעסן קיין אינטימקייט און וואַרעמקייט פון אַ לעבעדיקער שפּראַך. די העברעאישע שפּראַך וואָלט דעמאָלט געוואָרן אַ קינסטלעכע טרוקענע שפּראַך. אָבער פּונקט אַזוי ווי דוד המלך האָט אויף דער עלטער געדאַרפט האָבן אַ וואַכטערין, וואָס זאָל אים דערוואַרעמען, אַזוי האָט אויך די העברעאישע שפּראַך געדאַרפט האָבן אַ „וואַכטערין”, אַ לעבעדיקע אומגאַנגס־שפּראַך — אַמאָל די אַראַבישע שפּראַך, אָדער איצט יידיש, אַז זי זאָל קריגן פון איר אַביסל וואַרעמקייט, לעבן, אינטימקייט און עלאַסטישקייט. דערפאַר איז די העברעאישע שפּראַך קיינמאָל נישט געווען אַ טויטע בוך־שפּראַך, ווייל זי האָט זיך שטענדיק צוגעקלעפּט צו אַ לעבעדיקער שפּראַך, און אַזוי נאָך איז זי אַליין אויך געוואָרן לעבעדיק. און פון דער אַנדערער זייט האָט די אומגאַנגס־שפּראַך דורך דאַזיקער דער באַהעפטונג זיך דערהויבן און אָנגענומען אַביסל פון דער הייליקייט פון דער העברעאישער שפּראַך. ווען מען האָט צו דער „עברי” צוגעגעבן דעם „טייטש” און געמאַכט פון זיי אַ זווג, איז דערפון אַרויסגעקומען דער „עברי־טייטש” און געוואָרן יידיש, וואָס איז אָנגענומען ביי אַ גרויסן טייל פון פאָלק. אָבער ווען מען זאָל אָפּטיילן דעם „טייטש” פון דער „עברי”, בלייבט דעמאָלט בלויז „טייטש” און עס האָט נישט קיין שום פונק פון „עברי” און אויך ניט פון יידיש. יידיש האָט אַ חיות און אַ ווערט אַזוי לאַנג ווי זי איז באַהאַפטן צו דער העברעאישער שפּראַך און זויגט פון איר ברוסט. אָבער ווען זי גייט אַוועק פון דער העברעאישער שפּראַך, איז אויס מיט איר רעכט און זי פאַרלירט איר ווערט.

געוויס איז אונדזער יידיש ביי אונדז ווי אַ „גר'טע” און טאַקע אַ כשרע גר'טע. אַזוי ווי „רות” אין איר צייט, האָט זי באַגלייט די העברעאישע שפּראַך אין פאַרלויף פון אַ סך דורות. און דעריבער, כל זמן זי האַלט זיך מיט איר, אַזוי ווי רות פון מואב, און טוליעט זיך, ערלעך און אויפריכטיק, צו דער העברעאישער נעמי, איז זי אונדז געוואונטשן און זי קאָן אפילו האָבן דעם זכות, אַז עס זאָל פון איר אַרויסקומען דוד המלך. אָבער, פון מאָמענט וואָס זי וויל זיך נישט צובינדן צו די קינדער פון ישראל, און זי ציט זיך צוריק און קערט צוריק קיין מואב, האָט זי נישט קיין אויסזיכטן אַרויסצוגעבן פון זיך קיין דוד המלך, נאָר בלויז אַ „מואב”.

אַט דאָ האָבן מיר פאַר זיך דעם נאַטירלעכן וועג, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט געטאָן יעדעס מאָל ווען עס איז געשטאַנען פאַר אַ ברירה: צי עס זאָל מאַכן פון דער העברעאישער שפּראַך אַן אומגאַנגס־שפּראַך און דעריבער זי שטעלן אין געפאַר אַז זי זאָל זיך צעפאַלן אויף צען אַלערליי פאַרשידענע דיאַלעקטן, אָדער זי זאָל זיין נאָר אַ בוך־שפּראַך און זי זאָל דורכדעם ווערן פאַרשטיינערט און אָפּגעריסן פון לעבן. ווען דאָס פאָלק איז געשטאַנען פאַר אַזאַ ברירה, האָט דאָס פאָלק מיט זיין געזונטן אינסטינקט אויסגעקליבן דעם גייעם וועג: אָנצואַווענדן די העברעאישע שפּראַך מיטן אַטעם־צוג פון אַ לעבעדיקער אומגאַנגס־שפּראַך, און דערווייל איז די העברעאישע שפּראַך געבליבן לעבן נישט נאָר אין בוך, נאָר אויך אין דער נשמה.

אַזוי האָט זיך דאָס פאָלק געפירט אין אַלע יענע צייטן ווען די העברעאישע שפּראַך האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין אָרט אויף דער וועלט, וואו זי זאָל זיין אַ לעבעדיקע אומגאַנגס־שפּראַך, אָבער פון דעם מאָמענט ווען די העברעאישע שפּראַך האָט אויפגעהערט צו זיין אין ארץ ישראל „לשון קודש" און איז דאָרט געוואָרן אַ וואָכעדיקע שפּראַך, די שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן, די רייד־און־טו־שפּראַך, פון דעם מאָמענט אָן הערט אויף די נויטווענדיקייט אין „זיווגים", און די העברעאישע שפּראַך דאַרף מער נישט האָבן קיין „וואַכטערקע"...

אודאי דאַרפן מיר דאַנקבאַר זיין דער ייִדישער שפּראַך, וואָס זי האָט אַ לאַנגע צייט אַנגעוואָרעמט די העברעאישע שפּראַך. מיר גיבן דאָס צו. איר זכות וועט איר דערפאַר ביישטיין. אָבער איך ווייס נישט צי די ייִדישע שפּראַך וועט ווערן פאַרדייעט דורך העברעאיש ווי עס האָט פּאַסירט מיט אַראַמעאיש. סוף כל סוף איז דאָך אַראַמעאיש, וועלכע איז אַ סעמיטישע שפּראַך, נאָענט צו דער העברעאישער שפּראַך. און אגב גרייט זיך גאַרנישט די העברעאישע שפּראַך צו שילדערן דעם גלות, דאָס געטאָ־לעבן, נאָר אין העברעאיש וועט מען שילדערן און מאָלן דאָס פרייע לעבן אין ארץ ישראל. אָבער מען קאָן אויך אין העברעאיש שילדערן דאָס גלות־לעבן און מען זאָל דורכדעם נישט פאַרלירן די וואַרעמקייט פון יענעם לעבן און ניט די פאַרשידענע ניואַנסן. דאָס קאָנען אַמגלענצנסטן זאָגן עדות מענדעלע מוכר ספרים און בערקאָוויטש מיט זיינע קינסטלערישע איבערזעצונגען פון שלום עליכם, וואָס לויט דער מיינונג פון אַ סך שטייגן זיי נאָך טיילמאָל איבער מיט זייער פיינקייט און שטאַרקייט דעם ייִדישן אָריגינאַל.

און אויב ייִדיש וויל זיך שטעלן אַ מאָנומענט אויף אייביק, האָט

זי נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי זיך צו פֿאַרבינדן מיט דער העב־רעאישער שפּראַך. אָן אַזאַ בונד האָט יידיש נישט קיין אריכת ימים. פֿון מאָמענט וואָס זי הויבט אויף איר האַנט קעגן העברעאיש, פֿאַר־לירט זי איר רעכט אויף עקסיסטענץ.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך בין נישט קיין קעגנער פֿון יידיש, ווייל אין איר האָט מיך מיין רבי געלערנט „עברי" און יידישע גע־שיכטע. איך בין שטאַרק אין ספק צי אין דער איצטיקער צייט און אין די איצטיקע באַדינגונגען קאָן אונדזער פֿאָלק זיך ווידער באַשאַפֿן נייע שפּראַכן, אַ נייעם יידיש. איין זאַך איז אָבער פֿאַר מיר קלאָר און זיכער: פֿון דעם מאָמענט וואָס די העברעאישע שפּראַך איז געוואָרן לעבעדיק אין ארץ ישראל, און זי באַווייזט זיך אויף דער לעבנס־אַרענע ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך, אין דעם מאָמענט האָט זיך גענו־מען שטאַרק וואַקלען דער צושטאַנד פֿון יידיש, און דאַקעגן האָט זיך זייער פֿאַרשטאַרקט — צי מיר ווילן יאָ אָדער ניט — דער מצב פֿון דער לאַנד־שפּראַך. און אַזוי ווי דאָס יידישע פֿאָלק וועט קיינ־מאָל זיך ניט אָפּזאָגן פֿון דער העברעאישער שפּראַך (קיין מענטש קאָן איר דאָס נישט צווינגען, אפילו נישט זשיטלאָווסקי), און דער־פֿאַר ווייל קיין פֿאָלק קאָן נישט דערטראָגן דריי שפּראַכן, קומט ממילא אויס, אַז דאָס אונטערגיין פֿון יידיש איז אַ „היסטאָרישער אימפּע־ראַטיוו", און מ'קאָן אים נישט ענדערן. און לטובת דער עקסיסטענץ פֿון יידישן פֿאָלק מוזן מיר איינפֿירן אין לעבן די העברעאישע שפּראַך. און אויב דאָס דייטשע יודנטום — און דאָסזעלבע איז מיטן פֿראַנ־צויזישן און איטאַליעניש — שטייט אויף דער שוועל פֿון נאַציאָנאַ־לער דעגרעדאַציע, איז עס צום גרעסטן טייל דערפֿאַר וואָס זיי זיינען אַוועק פֿון דער העברעאישער שפּראַך.

פֿאַר מיר איז דער סוף אָפֿן און קלאָר, און איך זע אין אים אַ גרויסע טראַגעדיע. סוף כל סוף איז יידיש געווען אַן אכסניה פֿאַר אונדז אַלעמען. סוף כל סוף איז דאָס די שפּראַך פֿון אונדזערע עלטערן און אור־עלטערן, סוף כל סוף איז עס די שאַפֿונג פֿון פֿאָלק, וואָס האָט געדאַווענט און געוויינט אין אָט דער שפּראַך. איין טרייסט אָבער האָב איך, אַז די יידישע שפּראַך וועט האָבן השארת הנפש דורך איבערזעצונגען, גוטע און שלעכטע, אין דער העברעאישער שפּראַך. אָבער דאָס אַלץ וואָס וועט פֿון איר נישט איבערזעצט ווערן אין העברעאיש, וועט פֿאַרלאָרן גיין און ס'וועט נישט בלייבן דערפֿון קיין זכר. קיין גוטער ווילן און קיין גוט־געמיינטע כונה וועלן דאָ נישט העלפֿן. דאָס איז אַ גזר דין פֿון הימל און עס איז נישטאָ קיי־נער וואָס זאָל אים קאָנען אָפּהאַלטן. דאָס וואָס עס האָט געטראָפֿן,

איז געשען מיט זעכצן „יידישע״ שפראַכן, וועט אויך געשען מיט דער זיבצנטער. דאָס איז אַ גזירה פון דער געשיכטע און מען קאָן זי נישט ענדערן. מיר קאָנען רייסן קריעה צוליב דעם, מיר קאָנען אויסטאָן אונדזערע שיך ווי אבלים, מיר קאָנען זיך אַוועקזעצן „שבעה״ אויף דער ערד, אָבער דאָס אַלץ וועט נישט העלפן. דער גזר־דין איז שוין אָנגעשריבן און גע׳חתמ׳עט געוואָרן מיטן שטעמפּל פון דער געשיכטע, און מען קאָן עס נישט ענדערן. עס איז אַ גזירה!

און דעריבער, וואָס מיר אנבאלאנגט, שרעק איך מיר גאָרנישט פאַרן „יידישיזם״. איך האָב די זיכערע איבערצייגונג און די פעסטע זיכערקייט אין די רעזולטאַטן פון אָט דער דיסקוסיע, און דעריבער ציטער איך נישט און פלאַטער ניט. פאַרקערט, זאָלן זיין געבענטשט די הענט, וועלכע שאַפן פאַרן פאָלק אין יידיש — אויב זייער שאַפונג אין אָט דער שפראַך וועט נאָר זיין ניצלעך. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט פון קיין שרייבער, אַז ער זאָל שרייבן נאָר העברעאיש, אויב אויף יידיש וועט זיין שאפונג ארויסקומען שענער און בעסער. אָבער אין זעלבן מאָמענט וואָס דער יידישיזם הויבט אויף אַ האַנט אויף דער העברעאישער נאַציאָנאַל־שפּראַך, ווערט ער אַ שונא און אַ פיינט און עס איז אַ מצווה אָפּצוהאַקן זיינע הענט!

איך אַליין קעמף אפילו נישט קעגן חוצפה׳דיקסטן יידישיזם, ווייל איך ווייס, אַז אפילו די סאַמע גרעסטע חוצפה וועט דאָ גאָרנישט העלפן. דר. זשיטלאָווסקי האָט מיך אַמאָל געבעטן, אַז איך זאָל אַרויסזאָגן מיין מיינונג וועגן דער שפּראַכן־פראַגע, האָב איך אים דערויף געשריבן אַן ענטפער, און צווישן אַנדערעס האָב איך אים אַזוי געשריבן:

„איר ווילט צעברעכן דעם רוקן־ביין פון פאָלק און אָראָפּנעמען דעם קאָפּ פון זיין קערפּער און איר מיינט, אַז דורכדעם וועט זיך אייך עפּעס איינגעבן, אַז איר וועט דורכדעם דערגרייכן עפּעס אַ תכלית, אָבער איר פאַרגעסט איין זאַך, אַז עס האָט שוין אַזעלכעס פּאַסירט אין די צייטן פון ירבעם בן נבט. אויך ער האָט געוואָלט אנשטאט איין נאַציאָנאַלן צענטער פאַרן פאָלק ישראל אין ירושלים אויפבויען נאָך אַ צווייטן צענטער, און צוליב דעם האָט ער אַוועקגעשטעלט איינס אָדער צוויי קעלבער אין שומרון, און האָט געמיינט, אַז דורכדעם האָט ער דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות. אַלע ווייסן מיט וואָס די געשיכטע האָט זיך געענדיקט. די צען שבטים זיינען פאַר אונדז פאַרלאָרן געגאַנגען, און קיינער ווייס אפילו נישט וואוהין זיי זיינען אַוועקגעקומען. אויף דער וועלט זיינען געבליבן נאָר יענע צוויי שבטים, וואָס

האבן אויסגעהאלטן טרייהייט צו דעם פאלקס היסטארישע היילי־ק־טימער״.

פון דעם קאנט איר זען, אז נישט די מערהייט דעצידירט, און נישט דער ווילן זיגט. דעריבער קאן די פראגע פון די שפראכן נישט זיין קיין פראגע פון ווילן, אדער א פראגע פון א מערהייט און א מינדערהייט. איך גלויב שטארק אין דעם געזונטן חוש פון יידישן פאלק; און דאס דאזיקע פאלק וועט קיין פאל נישט דערלויבן קיינעם, אז ער זאל צעברעכן דעם רוקן־ביין אדער אראפנעמען איר קאפ פון אירע פלייצעס.

עס זיינען אויך פאראן ביי אונדז חכמים שלום־פרעדיקער: — חסידים פון דריי שפראכן. דאס זיינען די „פאלקיסטן״, די „דעמא־קראטן״, פון דובנאווס חדר. זיי זיינען פאר דריי שפראכן: יידיש, די לאנד־שפראך און העברעאיש.

דער „תלמוד״ דערציילט, אז אין משה רבינו׳ס צייטן, ווען מען האט געבויט דעם משכן, האט דעמאלט געלעבט אויף דער וועלט א חיה מיטן נאמען „תחש״, וואס האט געהאט צוויי רוקן־ביינער. די מאדערנע זאאלאגן ווייסן נישט וועגן אזא חיה. אויך די ארכעאלאגן האבן נישט געפונען פון איר קיין שפורן. אלנפאלס, איך גלויב נישט אין א חיה, וואס זאל האבן דריי רוקן־ביינער, דאס וואס די פאל־קיסטן ווילן באשאפן. איך גלויב אין א פאלק, וואס האט נאר איין רוקן־ביין — די העברעאישע שפראך!

דאס וואס איז געווען, וועט ווידער זיין.

די שעפערישקייט פון יידישן וואָרט
אין מזרח־אייראָפּע *)

פון ש. ניגער

וועגן תנ״ך זאָגט א. מענעס זייער ריכטיק, אַז ס'איז „געווען דער ספר, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון פאָלק און וואָס האָט דאַן ווידער געהאָלפן צו פורעמען און געשטאַלטיקן דאָס יידישע פאָלקס־לעבן״. עפּעס ענלעכס דערצו קאָן מען זאָגן וועגן יידיש אין מזרח־אייראָפּע. עס איז דעם פאָלקס אַ שאַפונג, וואָס האָט אים געהאָלפן זיין שעפעריש אויך אין אַלע אַנדערע ספערן, אַ חוץ דער ריין־שפּראַכליכער. קיין איין טיפערן ניגון אירן האָט די יידישע קולטור אין מזרח־אייראָפּע ניט אויסגעשפּילט אָן דעם אינסטרומענט פון יידיש. אפילו דאָרט, וואו דער לשון איז געווען לשון־קודש, ווי, אַ שטייגער, ביים עמוד, אין שול, איז די הברה געווען אשכנזית (ניט „אַשקענאַזיט״); די העברעאישע שפּראַך האָט געהאט אַ יידישע אויסשפּראַך. און נישט נאָר דער קלאַנג פון די העברעאישע ווערטער איז יידיש, — מען האַלט זיי אין איין פאַרטייטשן אויף יידיש; עברי האָט אַ שטענדיקן באַגלייטער — עברי־טייטש. בעת קריאת התורה ליגט אויבן אין דער ווייבערשער שול פאַר דער פירזאָגערין — אַן אויסגעווייקטער אין טרערן, — דער טייטש־חומש. אָבער נישט נאָר חומש און הפטורה אין עזרת נשים, אויך אין חדר, אויך אין ישיבה לערנט מען — און נישט בלויז חומש, אויך תנ״ך, אויך גמרא — אויף יידיש. גמרא ווערט דורך יידיש לעבעדיקער, היינטיקער. יידיש ווערט דורך גמרא טיפער, שאַרפער.

וועגן די וואונדערלעכע יידישע פאָלקס־מענטשן און פאָלקס־פירערס, וואָס האָבן געהייסן מגידים, איז אָפּגערעדט: זייער ריידקונסט איז אַזוי צונויפגעגאָסן מיט דעם ערנסט און דעם שפּיל, דעם אויסגעשריי, און דעם ניגון און די שטילע קלוגע ווערטלעך פון אונדזער גערעדטן יידישן לשון, אַז — אדרבה, פּרוּווט זאָגן אַ שטיק מגידות ניט אויף יידיש: ס'וועט זיין חוכא וטלולה! און וואָס עפּעס

---

*) רעדע אויפן סימפּאָזיום „מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין דער יידישער געשיכטע״, געהאַלטן דעם 9 פעברואר 1947. געדרוקט אין „די צוקונפט״, מערץ 1947.

נאָר מגידות? אפילו דער רב זאָגט זיינע האַרבע דרשות און קונציקע חדושים אויף דעם זעלביקן יידישן שטום־לשון, אויף וועלכן ער רעדט מיט דער רביצין, ווען ער דאַרף צו איר אָנקומען. היינט ווער רעדט נאָך דער חסידישער רבי — ער זאָגט זיין סתרי תורה, נישט נאָר זיין תורה אויף אַ פּאַר׳לשון־קודש־דיקטן מאַמע־לשון, און נישט נאָר זאָגט ער זי, ער שרייבט זי האַלב יידיש, חצי לשון־קודש. דער חסיד זיפצט אַפילו אין זיין דאַווענען אַריין דעם יידישן „אוי!״ און „אוי, וויי!״ ער פּאַר׳דבקה׳ט זיך מיט „טאַטע אין הימל״ . . . ר׳ נחמן בראַצלאַ־ווער און אַנדערע חסידישע רביים זיינען זיך מתיחד אין פעלד און וואַלד און גיסן אויס זייער האַרץ פאַרן רבונו של עולם אויף מאַמע־לשון, דער שפּראַך פון זייער האַרצן. ווער האָט נישט געהערט דעם בערדיטשעווערס „דודע״ אָדער זיין „קדיש״ אויף יידיש? מעקט אויס פון חסידות מאַמע־לשון, וועט עס האָבן אַזאַ טעם ווי מעביר זיין אַן טראָפּ די סדרה. אַפילו פונם חסידישן לשון־קודש זינגט אַרויס מאַמע־לשון.

הכלל, יידיש איז דער טראָפּ, דער ניגון, נישט נאָר די כלי, פונם יידיש־רעליגיעזן לעבן אין מזרח־אייראָפּע. אָן דעם ניגון און ניצוץ פון יידיש, חזר איך איבער, וואָלט נישט נאָר דעם חסידישן רבינס תורה קיין תורה נישט געווען, אַפילו גמרא וואָלט שטאַרק גע־ליטן, ווען עס זאָל ניט זיין דער גמרא־ניגון און דער גאַנצער גמרא־לשון, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין יידיש (און וואָס יידיש איז דורך דעם נאָך יידישער געוואָרן). די, וואָס פּרוּוון איצט לערנען גמרא אויף ענגליש אָדער העברעאיש מוזן מאַכן עפּעס אַ יידישן ענגליש אָדער אַ יידישן העברעאיש — זיי וואָלטן זיך נישט קאָנען העלפן. אָן יידיש איז גמרא, זוהר און אַנדערע הייליקע ספרים אונזערע — תרגום־לשון. יידיש איז ניט אין ערך מער ווי סתם אַזוי אַ לייכט מיטל צו פאַרטייטשן שווערע ווערטער; יידיש האָט געמאַכט, אַז די ווערטער זאָלן לעבן, אַז זיי זאָלן זיין באַ׳טעמ׳ט. אויף יידיש איז חומש געווען ניט סתם אַזוי חומש, ס׳איז געווען חומש מיט רש״י, אַזוי ווי גמרא אויף יידיש איז ניט סתם אַזוי גמרא, נאָר גמרא מיט אויסריידעניש און מען דאַרף דערצו טאַקע האָבן אַ גמרא־קעפּל. נישט נאָר האָט מען יידיש אַריינגעפירט אין דער גמרא אַריין, מען האָט די גמרא אַריינ־געבראַכט אין יידיש, און אַז עס האָט, אַ שטייגער, געערעגנט, און „די שטיוול זיינען צעריסן״, האָט מען אײַנאַיינעם מיט אַברהם רייזענס ישיבה־בחור געפרעגט: „מאַי קאַ משמע לן דער רעגן? וואָס זשע לאָזט ער מיר צו הערן?״

בקיצור, די גאַנצע רעליגיעזע יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע איז

געווען איינגעטונקט אין יידיש, אזוי ווי יידיש איז געווען איינגעטונקט אין יידישקייט. ביים אמת פרומען יידן איז יידיש און יידישקייט געוואָרן איין זאַך, און ס'מאַכט נישט אויס, וואָס שבת, ווען ער איז געווען ווייט פון דברי חול, האָט ער גערעדט לשון־קודש. „גוט שבת" האָט ער געזאָגט אויף יידיש און מיט די הענט האָט ער סיי־ווי גערעדט יידיש אפילו אום שבת, און דער אמת איז, אז אויך זיין ביסל לשון־קודש האָט געשטאַמלט יידיש.

יאָ, אויך אין דער געשיכטע פון העברעאיש האָט יידיש געשפּילט אַ שעפערישע ראָלע. נישט נאָר האָט עס אויפגעהאַלטן ביים לעבן אַן אַ שיעור העברעאישע ווערטער און ווערטלעך, אזוי, אז אַ טייל העברעאיש איז אַ דאַנק יידיש טיילוויז געווען אַ גערעדטע שפּראַך. יידיש האָט געשאַפן אַ סך נייע העברעאישע ווערטער (אַ „בעלן", „בעלנות", „למדן", „לומדות", „קבצן", „קבצנות", „דבקות", „מגידות"). יידיש האָט אריינגעגעבן אַ נייעם זינען אין היפּשע עטלעכע אַלטע העברעאישע ווערטער („גביר", „נגיד", „תכלית" וכדומה). דער העברעאישער עלעמענט פון יידיש האָט אָן קיין שום ספק צוגעהאָלפן דערצו, אַז העברעאיש זאָל אזוי שנעל קאָנען ווערן, ווי עס איז געוואָרן אין ארץ ישראל, אַ שפּראַך פון ריידן. יידיש האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה נישט בלויז אויף דעם חסידישן לשון־קודש, נאָר אויך אויף דעם העברעאיש פון היפּשע עטלעכע וועלטלעך־העברע־אישע שריפטשטעלער, ווי, אַ שטייגער, מענדעלע מוכר ספרים, דער שאַפער אָדער מיטשאַפער פון דעם מאָדערנעם העברעאישן נוסח.

אָבער דאָס זיינען נאָר עטלעכע קאָנקרעטע ביישפּילן פון דער דינאַמישער ראָלע, וואָס מזרח־יידיש האָט געשפּילט אין אונדזער גייס־טיקן לעבן. אייניקע אנדערע אילוסטראַציעס וועל איך שפּעטער אביסל ברענגען.

פריער וויל איך זאָגן, אַז אַ חוץ דעם, וואָס יידיש איז געווען און געבליבן די דער ווידערקול, די דער קול פון יידישקייט, די ציטער־דיק־וויברירנדיקע שטים פון אַלץ, וואָס אין איר איז געווען לעבעדיק, פריש און פרוכטבאַר — אַ חוץ דעם, האָט אונדזער לשון אויך יחוס עצמו. ער איז אַליין אַן אויסדרוק פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנס קאָלעקטיווער שעפערישקייט, איינע פון זיינע שענסטע דערגרייכונגען. אמת טאַקע, דאָס קערנדל פון יידיש איז פאַרזייט געוואָרן אין מערב־און מיטל־אייראָפּע, און דאָרט איז עס אויפגעגאַנגען, אָבער ערשט אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך עס צעבליט און געגעבן רייפע פרוכט.

ריין לינגוויסטיש זינדיקן יאַסט, גידעמאַן און אנדערע מערב־אייראָפּעאישע יידישע היסטאָריקער, ווען זיי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז

דאָס האָבן מזרח־אײראָפּעאישע ײדן זײ „קאַליע געמאַכט" זײער רײנעם דײטש, אָבער פון אַ ברײטערן קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז געװיס ריכטיק, אַז ײדיש איז דערהױפּט טאַקע אַ פּראָדוקט (און אױך אַ פּראָדוצירנדיק מיטל) פון ײדן אין מזרח־אײראָפּע.

אין די גערמאַנישע לענדער איז ײדיש געװען און געבליבן ײדיש־טײטש אָדער עברי־טײטש. אין די מזרח־אײראָפּעאישע לענ־דער איז פון ײדיש־טײטש און פון עברי־טײטש דער טײטש אָפּגעפאַלן, און ס'איז געבליבן ײדיש. װאָס מײנט עס? דאָס מײנט, אַז נאָך אַ צװײ טױזנט יאָרעדיקן לעבן אָן אן אײגענעם גערעדטן לשון זײנען מיר אין מזרח־אײראָפּע צוריק געװאָרן אַ פאָלק מיט אן אײגענער שפּראַך, און ניט נאָר דאָ אָדער דאָרטן, ניט בלױז לאָקאַל, װי עס איז געװען דער פאַל מיט לאַדינאָ אָדער דזשודעזמע, נאָר אין אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

מזרח־אײראָפּעאישע ײדישקײט און איר שפּראַך ײדיש האָבן לאַנג שױן אױפגעהערט צו זײן בלױז געאָגראַפישע באַגריפן; זײ זײנען געװאָרן היסטאָרישע באַגריפן. מזרח־אײראָפּעאישע ײדן האָבן זיך אױסגעשפּרײט איבער דער װעלט און זײנען געװאָרן די ײדן; פּונקט אַזױ איז מזרח־ײדיש געװאָרן די ײדישע שפּראַך. שױן מיט אַ צװײ הונדערטער יאָר צוריק האָבן זיך ײדן באַרימט, אַז מיט ײדיש קאָן מען אױספאָרן די גאַנצע װעלט, זיכער די גאַנצע ײדישע װעלט.

מעג זיך זײן װי ריכטיק, אַז העברעאיש האָט אונדז פאַראײניקט, אַזױ צו זאָגן, װערטיקאַל, דורך די דורות, און האָט אונדז געהאָלפן צו זײן אַ נאַציע אין צײט, איז אָבער אױך אמת, אַז ײדיש האָט אונדז אַרומגענומען האָריזאָנטאַל און פאַר אונדז מעגלעך געמאַכט צו זײן אַ פאָלק אין אָרט, צו האָבן אַ פאָלקס־לעבן, אױך אַ פאָלקס־שאַפן אין אן אײגענער שפּראַך, און דאָס איז אפשר דער אוניװערסאַלסטער און שעפערישסטער אױפטו פונם ײדישן װאָרט. מיר האָבן געהאַט אַ נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך פאַר שבתים און יום־טובים, איז געקומען ײדיש, און מען האָט אונדז אָנגעהױבן צו דערקענען װי אַ פאָלק אין אונזער װאָכעדיקער קאַפּאָטע. מיר האָבן געהאַט אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פאַר ספרים און גײסטיקע ירושה־װערטן. אַ דאַנק ײדיש האָבן מיר זיך אױסגעלעבט װי אַ פאָלק אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. אַ דאַנק ײדיש איז אונדזער נאַציאָנאַלע קולטור געװאָרן אַ פאָלקס־קולטור. די פרוי און דער פּראָסטער האָרעפּאַשנער ײד, װאָס ס'האָט זיך גע־דוכט, אַז זײ זײנען פּראָדוקטיװ נאָר מאַטעריעל, אָבער ניט גײסטיק, זײנען דורך ײדיש אַרײנגעצױגן געװאָרן אינם שטראָם פון אונדזער גײסטיקן לעבן. די פרוי איז מיט דער הילף פון אַזעלכע ספרים װי

דער צאינה וראינה אָדער דער לב טוב געוואָרן אַ וואוילקענעוודיקע, אַ דאַנק דעם מגיד, וואָס האָט גערעדט יידיש און דעם מוסר ספר — דעם מגיד שבכתב — איז אויך דער יידישער פֿאָלקס־מענטש נישט געווען גאָר אַזאַ עם הארץ, ווי ס'האָט זיך געדוכט. יידיש איז סיי ווי נישט געווען קיין פּראָסטע שפּראַך, ווי אַ סך מיינען נאָך ביז איצט. ווי האָט יידיש געקאָנט זיין פּראָסט, אז די גרעסטע רבנים, ראשי ישיבות, רביים און גאונים האָבן גערעדט יידיש, גערעדט יידיש אויך דאַן, ווען זיי האָבן גערעדט אין לערנען. ווי האָט אונדזער לשון גע־קאָנט בלייבן נישט אויסגעאיידלט, אַז חסידיש רביים האָבן געזאָגט תורה און דערציילט מעשיות אויף יידיש? ווי האָט יידיש געקאָנט זיין אַ פֿאַרגרעבטער לשון, אז אויף אָט דעם לשון האָט גערעדט דער ווילנער גאון און — אין די יונגע יאָרן — שלמה מיימון. ניין, נישט נאָר אין דער ברייט, אויך אין דער טיף און אין דער הויך האָט די יידישע שפּראַך לאַנג שוין אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָלע אינם פּראָצעס פֿון אונדזער פֿיל־געשטאַלטיקער נאַציאָנאַלער שעפֿערישקייט.

דאָס עצם אויסשפּרייטן זיך פֿון יידיש, די עצם יידישע עקספּאַנ־סיע, די וואַנדערונג פֿון יחידים און פֿון מאַסן, וואָס איז אזא גרויסער פֿאַקטאָר אין דער יידישער געשיכטע, דערהויפּט אין משך פֿון די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר, וואָלט אָן יידיש אזוי ווי אָן העברע־איש, וואָס האָבן פֿאַרבונדן יידן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, נישט מעגלעך געווען. אזוי, אז אונדזער לשון איז נישט נאָר אַ פּראָדוקט פֿון אונדזער יידישן וואַנדערער פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, ער איז געווען אויך אַ כּוח, וואָס האָט אָט דעם פּראָצעס פֿון אונדזער ווערן אַ וועלט־פֿאָלק לייכטער געמאַכט. און דאָס האָט צו טאָן נישט נאָר מיט דער ברייט־דימענסיע פֿון אונדזער געשיכטע. יידיש האָט, אַזוי ווי לשון־קודש, מעגלעך געמאַכט די גייסטיקע פֿאַרבינדונג צווישן יידן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער.

ריין עקאָנאָמיש איז יידיש אונדז שטאַרק צונוץ געקומען. אזוי ווי העברעאיש, האָט עס אונדז געהאָלפֿן זיך צונויפֿצוריידן מיט יידן פֿון אנדערע, אָפּט ווייטע, מדינות, און פֿירן געשעפֿטן מיט יענע לענ־דער. דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד איז ניט אָן דער הילף פֿון יידישן וואָרט געוואָרן אַ ייד פֿון כל תפוצות ישראל.

אָבער איך האָב אין זינען דערהויפּט די גייסטיקע שעפֿערישקייט פֿונם יידישן וואָרט אין מזרח־אייראָפּע.

אין וואָס האָט זי זיך אויסגעדריקט?

מיר האָבן געזען, ווי יידיש האָט באַלעבט און באַפֿרוכפּערט טיילן פֿון העברעאיש, ווי יידיש האָט לעבעדיק געמאַכט דעם יסוד פֿון דער

אמאָליקער יידישקייט, די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג, דעם חדר, די ישיבה, ווי יידיש האָט פאַרבונדן דעם פאָלקס־מענטשן מיט זיינע רעליגיעזע פירערס, דעם מגיד, דעם רב, דעם חסידישן רבין, ווי יידיש איז בכלל געווען דער ברייטער קאַנאַל, וואָס דורך אים האָבן אינם יידישן פאָלקס־לעבן מעכטיק אריינגעשטראָמט די גייסטיקע ענער־גיעס, וואָס האָבן זיך אָנגעזאמלט אין דער וועלט פון העברעאיש־אראמייאיש. עס איז באמת ניט געווען קיין איין אויפטו, קיין איין נייע שיטה, קיין איין נייע באוועגונג אינם יידיש־גייסטיקן לעבן, וואָס האָט זיך געקאַנט פאַרגינען אויסצומיידן יידיש. פאַר מוסר און קבלה אין 16־טן און דערהויפּט אין 17טן יאָרהונדערט, פאַר חסידות און השכלה אין 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט, פאַר די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שטרעמונגען סוף 19־טן און אין די ערשטע פאַר צענדליק יאָר פון אונדזער איצטיקן יאָרהונדערט, פאַר אָט די אַלע שטרעבונגען און דערגרייכונגען פונם יידישן לעבן און יידישן שאַפן איז יידיש געווען אַ לשון שבכתב, נישט נאָר שבעל פּה. און כאָטש היפּשע עטלעכע ווערק פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור ווי אויך אייניקע יידיש־שאַפונגען פון דער השכלה־צייט זיינען אויפגעקומען אין מערב־דרום־און מיט־אייראָפּע, איז דאָך דער גרעסטער און אָריגינעלסטער טייל פון דער ליטעראַטור אויף יידיש די שאַפונג פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן. די ערשטע ווערטערלעכע איבערזעצונגען פון חומש און גאַנץ תנ״ך שטאַמען טאַקע פון דייטשישע אָדער האָלענדישע יידן, אָבער דאָס זיינען דאָך בלויז איבערזעצונגען. דער מחבר פון דעם אזוי גע־רופענעם ווייבערשן חומש, וואָס סיי אינהאַלטלעך, סיי סטיליסטיש, איז עס אַ העכסט אָריגינעלע וואָרט־שאַפונג — דער מחבר פון „צאינה וראינה״ איז אַ פּוילישער ייד.

די רייכע שפּילמאַן־דיכטונג, — פון „קינג ארטוסהאָף״ אָדער שמואל־בוך ביזן „בבא־בוך״ — איז טאַקע באַשאַפן אָדער, ריכטיקער, איבערגעשאַפן געוואָרן פון דייטשישע יידן, אָבער די דאָזיקע ווערק זיי־נען ניט יידיש, זיי זיינען נאָר אַביסל פאַריידישט. די מער זעלבסט־שטענדיקע, די מער טראַדיציאָנעלע און טיפער פאַרוואָרצלטע יידישע ליטעראַטור איז, מיט דער אויסנאַם פון אַ קליינער צאָל מוסר־ספרים און מעמוארן, אויפגעקומען ניט אין מערב, נאָר אין מזרח־אייראָפּע.

סיי דער אַלטער יידיש־סטיל, דער נוסח פון מוסר־ספר, פון דער תפילה אויף יידיש, פון דער יידישער פאָלקס־מעשה, סיי דער נייער, מער מאָדערנער יידישער סטיל איז פאַרמירט געוואָרן אין מזרח־איי־ראָפּעאישע לענדער. אינם מאָדערנעם יידישן סטיל האָבן אַ חלק שוין

אויך אמעריקאנער יידן, אָבער וואָסערע אמעריקאנער יידן? די וואָס שטאַמען פון מזרח־איראָפּע.

עס איז נישט נויטיק צו דערמאָנען, אַז אָן די פּוילישע אָדער ליטווישע אָדער אוקראַינישע יידן און זייער שפּראַך האָבן מיר פון לאַנג אָן שוין געהאַט אַ רייכע ליטעראַטור, און זיי האָבן זי נאָך רייכער געמאַכט: כ׳מיין די אלע וואונדערלעכע ספרים אויף לשון־קודש. אָבער זיי וואָלטן געווען און געבליבן אַ ליטעראַטור פון לומדים; יידיש האָט דעם גרעסטן טייל פון פאָלק געבראַכט נעענטער צו אָט די אלע ווערט־פולע ספרים.

אָן יידיש וואָלט אונדזער פאָלק סיי ווי געווען דאָס „פאָלק פון בוך", דער עם הספר, אָבער ווער ווייס צי אונדזער ספר וואָלט דאַן געווען אַ ספר העם, אַ בוך פון פאָלק: אונדזער פאָלקס שפּראַך האָט אונדזער ספר געמאַכט פאַר אַ פאָלקס ספר.

כדי צוצוקומען צו אונדזער צייט (וואָס איז שייך צו מיין אייגע־נער צייט דאָ אין דעם סימפּאָזיום בין איך שוין, דאכט זיך, זייער נאָ־ענט צו איר סוף), וועל איך זיך מוזן באַנוגענען מיט עטלעכע ראשי פרקים — און די בעסטע זאַך וועט זיין עס צו טאָן, למען הקיצור, אין דער פאָרם פון עטלעכע קורצע פראַגן און ענטפערס:

וואָלטן מיר געהאַט די רייכע חסידישע ליטעראַטור, דערהויפּט די חסידישע מעשה־ליטעראַטור אָן יידיש? יאָ, מיר וואָלטן זי געהאַט אויף לשון־קודש, אויב מיר וואָלטן אָן יידיש און דער יידיש־ספערע בכלל געקאָנט האָבן דאָס חסידות, וואָס מיר האָבן; אָבער חסידות נאָר אויף לשון־קודש אליין וואָלט נישט געהאַט אין זיך די זאַפטיקע לע־בעדיקייט, דעם פרישן אָטעם און די בילדלעך־דערציילערישע ווערטן וואָס עס האָט די חסידישע דערציילונג אויף יידיש און די חסידישע תורה אויף אַ מיט יידיש אָנגעהויכטן לשון־קודש.

וואָלטן מיר אָן אונדזער יידישן וואָרט פאַרמאָגט דעם רייכן אוצר פון יידישע פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעשיות, אָט די טייערע אויס־שטראַלונגען פון אונדזער פאָלקס־פּיין און פרייד, געוויין און געלעכ־טער? געוויס ניט. וואָלטן מיר געהאַט אין אזא גרויסער צאָל יידישע שפּריכווערטער, אָט די ליכטיקע קריסטאָלן פון דעם פאָלקס קאָלעק־טיווער דערפאַרונג און קאָלעקטיווער חכמה? ניין, אָן אָן אייגענער פאָלקס־שפּראַך וואָלטן זיי נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אויסצו־קריסטאַליזירן.

וואָלטן מיר אָן יידיש געהאַט די השכלה־ליטעראַטור? יאָ, אָבער דאָס וואָלט געווען מער אַ רעליגיעז־רעפאָרמאַטאָרישע, ווי אַ סאָציאַל־קריטישע השכלה־ליטעראַטור. זי וואָלט געהאָלפן מאַכן אַן איבער־

קערעניש אין אונדזערע געדאנקען, אָבער נישט אין אונדזער גאַנצן לעבנסשטייגער.

די יידישע השכלה־ליטעראטור פון 19־טן יאָרהונדערט האָט, אגב, צוגעגרייט דעם באָדן פאר דער סאָציאַליסטיש־אָריענטירטער יידישער ליטעראטור ווי אויך פאר דער נאַציאָנאַל געשטימטער יידישע פּאָעזיע און פּראָזע פון 20־סטן יאָרהונדערט . . . דאָס איז שוין אַביסל אַ צו סכעמאטישער ענטפער, און עס וואָלט נויטיק — און ניט שווער — געווען אים צו קאָנקרעטיזירן אָדער, ווינציקסטנס, צו אילוסטרירן, אָבער . . . מיר מוזן איצט שפּרינגען — על רגל אחת . . .

ווען מיר זיך באַנוגענען בלויז מיט נאָך אַ פּאָר קאָנדענסירטע שאלות ותשובות:

וואָלטן מיר דערגרייכט די קינסטלערישע מדרגה, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין דער דערציילונג, אין דער מעמואַריסטיק, אין דער דראַמע און אין דער לירישער פּאָעזיע פון סוף 19־טן און אָנהויב 20־סטן יאָרהונדערט אָן דעם יידישן וואָרט אין מזרח־אייראָפּע? וואָלטן מיר געהאט דעם מענדעלען, דעם שלום עליכמען און דעם פּרצן, וואָס מיר האָבן, ווען יעדער פון זיי זאָל אונטער דער השפעה פונם יידישן פאָלקס־לעבן — נישט האָבן געמאַכט דעם דריסטן שריט, וואָס ער האָט געמאַכט — דעם שריט פון העברעאיש צו יידיש?

מיר וואָלטן געהאט אַ מענדעלען, אָבער אַ בלאַסערן, אַ בלוט־אָרעמערן און בכלל אַן אָרעמערן מענדעלען, ווייל מענדעלע מוכר ספרים אָן מענדעלעס יידיש איז אַ האַלבער מענדעלע מוכר ספרים.

מיר וואָלטן געהאט א שלום עליכמען, אָבער — ווער ווייס צי זיין טביה דער מילכיקער וואָלט ניט שטום געוואָרן ווען ער זאָל נעבעך „ריכטיק" מוזן טייטשן זיינע העברעאישע ווערטלעך? און ווער ווייס צי וואָלטן מנחם מענדל און שיינע שיינדל געקאָנט שרייבן אויף לשון־קודש די אומפאַרגלייכלעכע בריוועלעך, וואָס זיי שרייבן? מיר וואָלטן געהאט אפשר שלום ראַבינאָוויטשן, אָבער, כ'האָב שטאַרק מורא, אז נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאָקטוירים הייסן, וואָלט ער נישט געלאכט אויף העברעאיש, ער וואָלט זיך אפשר גאָר צעוויינט, ווען ער זאָל פאר זיינע יידן, די מאַנסבילן, די ווייבער, די קינדער, נישט האָבן געהאַט דעם לשון, וואָס אויף אים לעבן זיי זיך אויס. ער וואָלט זיך צעוויינט פון גרויס רחמנות אויף זיין מאָטלען און אויף אַלע אַנדערע טייערע יידישע קינדער, ווען זיי זאָלן האָבן געבליבן, חלילה, אָן זייער יידיש און נישט געקאָנט פריי און פריילעך זיך אַראָפּ־ריידן פון הארצן. אויב מיר האָבן איצט הנאה פון שלום עליכמען אפילו אין אן איבערזעצונג, איז עס דאָך נאָר דערפאר, וואָס א דאנק

דער ליכטיקער זון פונם אָריגינאַל אין יידיש האָט אויך אָט די לבנה אַביסל בלאַס ליכט. היינט פּרץ? און אַש? און אברהם רייזען? און מאָריס ראָזענפעלד? און ליעסין? און יהואָש? און דוד פּינסקי? און אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער יידישע שרייבערס אין פּראָזע און אין פּערזן, וואו וואָלטן זיי אַלע געגומען אַזויפיל י. ד. בערקאָוויטשעס, יהואשעס, אהרן ציטלינס, שלאָנסקיס און אַנדערע וואונדערלעכע איבערזעצונג־מייסטערס אויף איבערצוזעצן זייערע ווערק אויף יידיש, דער שפּראַך פון אָריגינאַל, אויב זיי זאָלן לכתחילה האָבן געשריבן זייערע יידישע ווערק, ווי העברעאישע איבערזעצונגען פון יידיש?

אויף אָט דער כפל־שמונהדיקער פראַגע איז נישט שייך צו ענט־פערן אין די פּאָר מינוט, וואָס איך קאָן נאָך ביי אייך צונעמען, און עס איז אויך נישט נויטיק צו ענטפערן.

און צי איז דען נויטיק צו געבן אייך אַ תשובה אויף דער פראַגע:

ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז אין פּוילן — און ווען איך זאָג אין פּוילן, מיין איך אויך אין רומעניע, אין גאַליציע — אויך אין ליטע, אין לעטלאַנד אאז״וו — זאָל צווישן די צוויי חורבנות, דעם גרויסן חורבן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דעם חורבן־גדול ונורא פון דער צווייטער — ווי אַזוי וואָלט עס אָן די פאַרבאָרגענע כוחות פון די יידיש־ריידנדיקע און יידיש־שאַפנדיקע פאָלקס־מאַסן געווען מעגלעך, אַז אין אַזאַ קורצער און אַזאַ שווערער צייט זאָלן זיי האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַזויפיל נייע טאַלאַנטן אויף אַלע געביטן פון דעם יידישן קולטור־לעבן — דעם ליטעראַרישן, דעם דערציערישן, דעם מוזיקאַלישן, דעם פּלאַסטיש־קינסטלערישן, דעם נעאָ־רעליגיעזן, דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן געביט? ווי אַזוי וואָלט דאָס אַלץ גע־ווען מעגלעך, ווען ניט דער רעזערוואואַר פון די גוואַלדיקע שעפע־רישע ענערגיעס, וואָס זיין נאָמען איז געווען: „דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידישע פאָלקס־לעבן״?

און ווען ניט אָט דער מעכטיקער קוואַל פון קרעאַטיווער ענער־גיע אין מזרח־אייראָפּע, וואָלטן מיר דען געקאָנט באַווייזן דאָ אין אַמעריקע צו שאַפן אַזאַ פיינע, אַזאַ רייכע און פילגעשטאַלטיקע יידישע פּאָעזיע, אַזאַ געלייטערטן יידיש־ליטעראַרישן פּראָזע־סטיל, אַזאַ פיל־פאַרצווייגטע יידישע ליטעראַטור און פרעסע? אַזאַ טעאַטער, וואָס מיר האָבן ביז דאָ נישט לאַנג נאָך געהאַט? איז אונדז דען ניט ביי־געשטאַנען דער גייסטיקער צידה לדרך וואָס מיר האָבן מיטגענומען פון דער אַלטער היים? האָט אונדז דען נישט געהאָלפן דער כסדר׳דיקער צופלוס פון זאַפטיקע שאַפונגס־כוחות?

און צום שלוס:

מיר ווייסן איצטער, אַז דער גיהנום פון די געטאָס איז געווען אויך אַן אָרט, — מיר פאַרשטייען נישט ווי אַזוי האָט עס געקאָנט זיין, אָבער עס איז געווען אַן אָרט — וואו עס זיינען געשאַפן געוואָרן פּאָעטישע, יאָ, הויך־פּאָעטישע ווערק. מיר ווייסן איצט, אז אין די בונקערס, אין די מלינה׳ס האָבן יידן געהאַלטן אָפן דעם פנקס, דעם הייליקן פנקס פון אונדזער פאָלקס איבערמענטשלעכע ליידן, די אייביקע כראָניק פון קידוש השם; מיר ווייסן, אז דאָרט זיינען געפירט געוואָרן טאָג־ביכער — טאָג־ביכער, וואָס וועלן בלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור (מיט דעם מחבר פון איין טאָג־בוך אזא, ד״ר הלל זיידמאַן, האָבן מיר איצט דעם גרויסן כבוד צו געפינען זיך אין איין זאַל); — מיר ווייסן, אז אויפן פאַרפלוכטן שוועל פון די קרעמאַטאָריעס, צווישן איין „שמע ישראל״ און אַ צווייטן, האָבן יידישע מענטשן געזוכט און אָפט געפונען אויסדרוק פאַר זייערע יסורים . . . אין וואָס האָבן זיי דעם דערלייזנדיקן אויסדרוק געזוכט? וואו האָבן זיי אים געפונען? אינם יידישן וואָרט . . .

יאָ, מיינע פריינט, אָט דאָס איז בתכלית הקיצור די שעפערישקייט, די טראַגישע שעפערישקייט, די נישט־אויסגייענדיקע, נישט־פאַרגייענדיקע שעפערישקייט פונם יידישן וואָרט .

אַ וואָרט פון קאָמיטעט

ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור קרייזן, אַז חבר זלמן זילבערצווייג ווערט 60 יאָר, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אים מכבד צו זיין מיט אַ שיינער מתנה לכבוד זיין געבוירנטאָג, ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צו זיינע פאַרשיידענע קולטור און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

נאָך פאַרשיידענע שמועסן מיט חברים און פריינט פון יובילאַר, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די שענסטע און פּאַסיקסטע מתנה פאַרן בעל־שמחה, וואָס זאָל אים באמת פאַרשאַפן פרייד, וואָלט געווען אַרויס־צוגעבן, אָדער לכל־הפחות העלפן אַרויסגעבן, זיינס אַ בוך.

דער מצב פון יידישן ביכער־מאַרק איז אַזאַ, אַז דאָס דערשיינען פון אַ בוך איז פאַר אַ שרייבער אַ וויכטיק געשעעניש, וואָס געדענקט זיך אים אַלע יאָרן, און דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז לכבוד חבר זלמן זילבערצווייגס 60 יאָר לעבן און שאַפן, זאָל געשאַפן ווערן אַ קרייז פון 60 פריינט אַלס אַבאָנענטן פאַר זיינס אַ בוך, און דער גורל איז געפאַלן, אַז דאָס בוך זאָל זיין אָט דאָס בוך, וואָס ליגט איצט פאַר די לעזער.

אַ קאָמיטעט פון די פאָלגנדע חברים פון „פּרץ הירשביין" צוויג א. נ. א. פּ.: א. באַביטש, יעקב זינגעלמאַן, אשר קיפּניס, ל. זעלמאַן און אַרטור שרייער, אַלס פאָרזיצער, איז באַלד געשאַפן געוואָרן, און מיר זיינען געווען אָנגענעם איבעראַשט פעסטצושטעלן ווי לייכט עס איז אונדז געווען צו באַקומען אַ סך מער אַבאָנענטן ווי מיר האָבן געפּלאַנט, כאָטש, מיר האָבן זיך באַגרענעצט נאָר צו געוויסע יחידים פון דער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס, וועלכע דער יובילאַר האָט פאַר די לעצטע אַכט יאָר געמאַכט פאַר זיין וואוין־שטאָט צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי צילי'ען.

עס איז נישטאָ ביי מיר קיין שום ספק, אַז ווען מיר וואָלטן געווען געמאַכט אַביסעלע פּראָפּאַגאַנדע, וואָלט מען זיכער געקאָנט שאַפן כהנה וכהנה אַבאָנענטן, בפרט אין ניו יאָרק, וואו חבר זלמן זילבער־צווייג איז געווען אַ סך יאָר טעטיק.

לאָמיר דאָס לאָזן פאַר אַלע אַנדערע געלעגנהייטן, וואָס וועלן נאָך האָפנטלעך קומען . . .

פאָלגנדע חברים האָבן זיך אבאנירט אין פאָראויס, און האָבן גע־האָלפן אז דאָס בוך זאָל דערשיינען:

יידישער נאַציאָנאַלער ארבעטער פארבאנד

שמואל און גנענדל באַנטשעק

מר. און מרס. מאָריס אפעל, מאיר און ראוז אסטראוווסקי, אהרן און גאסי אייראָוו, מר. און מרס. סעמיועל אייבראַמסאָן, לעאָן און ראָוז בילמעס, אברהם און ליבע באביטש, מר. און מרס. אייב בארנ־פעלד, יעקב און ראוז בעקער, מר. און מרס. נח בן־טובים, סעם און ראוז באַטשעלעס, שמואל און ליובא ברייגין, יואל גערסאָן, שרה גאנז, ש. גאָטלין ע"ה, באָריס און פרידא דאשקאוו, מאיר און חוה דראָזד, מאָריס און רחל דייטש, שרה דינער, לואיס און גאָסי דזשאַספער, פּרץ הירשביין צווייג פון פארבאַנד, שלמה און ביילקע האָכבערג, מאקס און ראוז האלצמאן, הערי און דזשעני וויינבערג (דעטראָיט), חבר און חברה סעם וויליאמס, י. י. און גיטל ווײנראַט, יעקב און איווא ווייס־מאַן, גאָלדע וואָלשטיין, יואל ווייסשטיין, באָריס און כייקע וויגנער, חבר און חברה י. זינדעלמאַן, שלמה און קאקא זינגער, אבשלום און אהובה זילבערצווייג, חבר און חברה ה. זעמעלמאַן, חבר און חברה מ. חמץ (מיאַמי ביטש), מייקל און ליליען טעפּעט, שמואל און לאהקע טאָפּסקי (ניו יאָרק), בעני און מאָלי טראַי (ניו יאָרק), יידיש־לאטיין אמעריקן קלוב, יידישער קולטור קלוב, נתן און עלא כספי (תל אביב), לייבוש און געניא לובינסקי (מעקסיקא), מרדכי ליכטענשטיין (ווארשע), יעקב און העניע לאַזאַראָוו, שרה און שמחה לייענער, מר. און מרס. סאָול לעווין, חבר און חברה נייטן לינדזער, חבר און חברה ש. לעווין, יעקב און יהודית ניומאַן, מר. און מרס. איזידאָר סטענצאַר, יידל און אננא עיראָוו, שרה און בען פעיר, ישראל און פלאָרא פריינד, חבר און חברה י. פאיאַס, רפאל און שרה פאזנער, חזן דניאל פלאטקין, יוסף און פייגעלע פאניץ, יעקב און רחל פילד, מר. און מרס. וויליאם פרידמאַן, חבר און חברה שלמה צוקערבערג, סעם און אגא קאָוובער, אשר און פאָליא קיפּניס, בען און בערטא קאמסקי, דר. און מרס. זיינוול קליין, משה לייב און אניטא קאפּעלאָוו, רעי קוגעל (עלסינאָר), יוסף און סאניא קאראבעלא, משה קאפלאַן, פנחס און עלסי ראַפּאַפּאָרט, אלעקסאנדער און צפורה ראבין׳ רעגינע ראַפּאַפּאָרט, ראַביי עמוס שוים (ביוט), ארטור שרייער, מר. און מרס. יוסף שפּיגעלמאַן, סעם און שערי שארף, עמא און משה שעיווער (דעטראָיט), וויליאם און ליזא שאָר, משה און גוטשע שולוויס, חיים און באשקע שאפירא און מר. און מרס. אהרן שפּיגעל, ל. זעלמאַן, מאָריס און מאַניא פּארבער, שמעון יצחק פרענקל (ניו יאָרק), נח און סיידי פינקעלשטיין.

דער צופאל האָט געוואָלט, אַז דאָס ארויסגעבן פון דעם בוך זאָל זיך לאנג פארשלעפן, אָבער דער זעלבער צופאל האָט אויך געוואָלט, אז דאָס בוך זאָל דערשיינען צו א וויכטיקער דאַטע: 100 יאָר נאָכן געבוירנטאָג פון אחד העם.

דער „פרץ הירשביין" צווייג און זיינע אקטיווע חברים־חברות, האָבן שוין אריינגעשריבן וויכטיקע קאפיטלעך אויף פארשידענע געביטן פון יידישן לעבן, במשך פון זייער עקזיסטענץ, אָבער דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואס דער צווייג האָט גענומען די איניציאטיווע צו געבן אויסדרוק פון אנערקענונג צו א חבר אויף אזא אופן.

א הארציקן דאנק צו אלע אבאנענטן בכלל און צו מיינע חברים פון קאָמיטעט בפרט.

ארטור שרייער

פאָרזיצער פון זלמן זילבערצווייג בוך־קאָמיטעט.

א י נ ה אַ ל ט

זלמן זילבערצווייג — אחד העם און זיין באַציאונג צו יידיש 3

מ. ספעקטאר — דער „יוד" איז אַ ייד 64

מתתיהו מיזיש — וועגן דער יידישער שפּראַכן־פראגע 68

נח פּרילוצקי — אחד העם וועגן „זשאַרגאָן" 83

חיים נחמן ביאַליק — די שפּראַכן־פראגע ביי יידן 105

ש. ניגער — די שעפערישקייט פון יידישן וואָרט אין מזרח־איירָאָפּע 127

אַ וואָרט פון קאָמיטעט 137

ביז איצט דערשינען פון זלמן זילבערצוויג:

„קין״, פיעסע אין 5 אַקטן פון א. דיומא (איבערזעצונג), 1913

„הנודד הנצחי״, במערכה אחת מאת ה. היארמנס (תרגום), 1917

„חרטה״, קינדער־איינאַקטער, 1918

„חנה און די זיבן זין״, קינדער־איינאַקטער (איבערזעצונג), 1918

„איינאַקטערס״, 40 פאַרסן, קאָמעדיעס און דראַמעס, אָריגינעלע,
איבערזעצטע, באַארבעטע (פארלאג א. גיטלין, ווארשע), 1919־21

„אייראָפּעאישע בינע״, זאַמלונג פון 10 איינאַקטערס, אָריגינעלע,
איבערזעצטע, באארבעטע (פארלאג „יידיש״, ווארשע), 1920

„הומאָר און סאַטירע״, זאמלונג פון אייראָפּעאישן הומאָר, 1921

„דער מבול״, קאָמעדיע אין 3 אַקטן פון ה. בערגער (איבערז.), 1922

„דער ליבער פריינט״, ראָמאן פון גיואי דע מאָפּאסאן (איבערז.), 1924

„וואָס קאָנען פוילישע יודען טוען פאַרן אויפבוי
פון ארץ ישראל״, 1926

„הינטערן פאָרהאַנג״ (פארלאג ב. קלעצקין, ווילנע), 1928

„טעאַטער זכרונות״ (פארלאג ב. קלעצקין, ווילנע), 1928

„וואָס דער יידישער אקטיאָר דערציילט״ (פארלאג ב. קלעצקין), 1928

״לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, ערשטער באַנד, ניו יאָרק, 1931

„פאַרשיידענע פורימס ביי יידן״, ווילנע, 1931

„לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, צווייטער באנד, ווארשע, 1934

„טעאַטער־פיגורן״, 21 פּאַרטרעטן פון אקטיאָרן און טעאַטראַלן,
בוענאָס איירעס, 1936

„אברהם גאָלדפאדען און זיגמונט מאָגולעסקאָ״,
בוענאָס איירעס, 1936

„אַלבאָם פון יידישן טעאַטער״, אין יידיש און אין ענגליש,
ניו יאָרק, 1937

„אברהם גאָלדפאדען״, ציקאָ־פארלאג, ניו יאָרק, 1940

„טעאַטער מאָזאאיק״, ניו יאָרק, 1941

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט

דורך **ז ל מ ן ז י ל ב ע ר צ ו ו י י ג**

ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט

פון **י ע ק ב מ ע ס ט ל**

ארויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער
יידישער אקטיאָרן־יוניע אין אמעריקע

פ אַ ר ל אַ ג „א ל י ש ב ע"

ערשטער באַנד

ניו יאָרק 1931

אַנטהאַלט די ביאָגראפיעס, לעבענסבאשרייבונגען און
מאָנאָגראפיעס פון די אותיות **א—ח**

א ו י ס פ אַ ר ק ו י פ ט

צווייטער באַנד

ו ו א ר ש ע 1934

אַנטהאַלט די ביאָגראפיעס, לעבענסבאשרייבונגען און
מאָנאָגראפיעס פון די אותיות **ט—ע**

א ו י ס פ א ר ק ו י פ ט

דריטער באנד פון

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאמלט און רעדאקטירט

דורך **ז ל מ ן ז י ל ב ע ר צ ו ו י י ג**

ביי דער נאָענטסטער מיטארבעט

פון **י ע ק ב מ ע ס ט ע ל**

ווערט צוגעגרייט צום דרוק

צו באַקומען אין

א. וו. בידערמאַנס בוך־געשעפט

175 2־טע עוועניו, ניו יאָרק.